STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12679

MENSH UN TOYRE

Jacob Lazarus Snitzer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. י. ל. שניצער
——(רב אשר פלאַם)——

מעבש און תורה

דריטער באַנד

אַ קוואַל פון געדאַנקען אויף
דער סדרה פון וואָך ווי אויך
אויף אַלע אידישע ימים
טובים און אַלע פּראָבלעמען
פון וועלט און צייט / גע־
שעפּט דירעקט פונ׳ם לעבען
און פון די טיפענישען פון
דער פאָלקס־נשמה

בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
28 קאנאל סטריט, נויאָרק, נ. י.
תש"א ——— 1941

Copyright 1941
by
DR. J. L. SNITZER
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

אינהאַלט:

פון די ארויסגעבער 7
אַ פּאָר ווערטער פון פאַרפאַסער 9
בראשית 11
נח 17
לך לך 23
וירא 27
חיי שרה 32
תולדות 38
ויצא 43
וישלח 50
וישב 55
מקץ 60
ויגש 66
ויחי 72
שמות 78
וארא 85
בא 91
בשלח 98
יתרו 103
משפטים 108
תרומה 113
תצוה 121
תשא 127
תזריע מצורע 133
אחרי 138
קדושים 142
בחוקותי 147

במדבר 152
בהעלותך 157
שלח 162
קרח 168
חוקת 173
בלק 178
פינחס 183
ראה 189
כי תצא 194
כי תבא 198
חנוכה 203
חמשה עשר בשבט 209
פרשה שקלים 214
פרשה זכור 219
פרשת החודש 223
שבת הגדול 228
פסח 233
שבועות 238
שבת חזון 243
תשעה באב 247
שבת נחמו 253
אלול 256
סליחות 261
ראש השנה 266
תקיעת שופר 270
יום כפור 274
סוכות 278
שמחת תורה 283

פון די אַרויסגעבער

ווען עס איז דערשינען די ערשטע צוויי בענדער „מענש און תורה" פון ד״ר י. ל. שניצער, און ווען־מענס אָפּרוף האָט איבערשטייגט אַלע אונזערע דערוואַרטונגען, — שוין דאַן האָט זיך דערפילט אַ נויטווענדיגקייט פאַר אַ צווייטע זאַמלונג פון דעם מין.

אַלס עדות קענען באַשטעטיגען די גרויסע מאַסען, רבנים, פאָלקס־רעדנער, דרשנים א. אז. וו., אויף וועמענס אויפפאָדערונג מיר האָבען די דאָזיגע צווייטע זאַמלונג, דעם דריטען און פערטען באַנד איצט אַרויסגעגעבען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז זייט די דערשיינונג פון די ערשטע צוויי בענדער „מענש און תורה", איז ד״ר שניצער אַנערקענט געוואָרען פון דעם עולם הדרשנים אלס דער מאָדערנער דובנער.

דער דריטער באַנד, אַזוי גוט ווי דער ערשטער, ענטהאַלט דרשות און געדאַנקען אויף די סדרות פון דער וואָך און אַלע אידישע ימים טובים. יעדער געדאַנק איז באַזירט אויף אַ מאמר חז״ל, און דערקלערט דורך אַ לעבענס בילד אָדער אַ מאָדערנעם משל.

דער פערטער באַנד, אַזוי גוט ווי דער צווייטער באַנד פון דער ערשטער זאַמלונג, ענטהאַלט לעבענס־פּראָבלעמען אין דער פאָרם פון פּראַגעס וועלכע ווערען פאַרענטפערט דורך בילדלאַכע ערקלעהרונגען און מעשה׳לאך פון לעבען.

אַ האַרציגען דאַנק צו מיין פריינט, דעם דרוקער, אברהם ד. שאולזאָן, וועלכער האָט מיר באַאיינפלוסט אַרויסצוגעבען די דאָזיגע זאַמלונג. נאָך מעהרער בין

איך אים דאַנקבאַר פאר זיין העלפען רעדאַגירען די מאַ־
נוסקריפטען און ספעציעלע אויפפאַסונג עס זאָל נישט
זיין קיין ווידערהאָלונג פון די ערשטע צוויי בענדער,
וועלכע זיינען אויך דורך זיין האַנט מגיה געוואָרען.

איך וויל האָפען, אַז די דאָזיגע צווייטע זאַמלונג פון
„מענש און תורה", וועט אויפגענומען ווערען מיט דער
זעלבער באַגייסטערונג, ווי די ערשטע זאַמלונג, און ווי
אַלע ביז־אַהעריגע אויסגאַבען וואָס דער בית מסחר ספרים
„פרדס" האָט ארויסגעגעבען.

י. ז. בוכבינדער,

נשיא

אַ פּאָר ווערטער פון פּאַרפאַסער

אייגענטליך נויטיגט זיך נישט מיין איצטיגע זאַמ־לונג אין קיין נייער הקדמה, ווייל די דערוואַרטונג פון יעדען מחבר אַז זיינע ביכער זאָלען נושא חן און פאַר־קויפט ווערען, דאָס איז שוין אַ געשאַפענער פאַקט, אין באַצוג צו מיין ערשטע זאַמלונג „מענש און תורה״.

די וואַרימע קריטיק פון פּראָפעסיאָנעלע מבקרים, ווי אויך דער אַרכיוו פון הונדערטער באַגייסטערטע בריוו פון קונים איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבען באַרייכערט מיין גייסטיגען געַנוס, האָבען מיר באַווירקט צו שאַפען די דאָזיגע נייע זאַמלונג. צו זיי דריק איך אויס מיין טיפסטען דאַנק, מיט דער האָפענונג אַז אויך מיין צווייטע זאַמלונג פון „מענש און תורה״ זאָל קריגען די זעלבע באַגייסטערונג און אויפנאַמע ווי מיין ערשטע זאַמלונג. והיה זה שכרי.

דר. י. ל. שניצער,

(רב אשר פלאַם)

בראשית

מיר פאַנגגען היינט אָן צוריק פון „בראשית״, צוריק פון אָנפאנג. אָט דאָ ליגט די שעהנקייט פון אונזער תורה. זי איז „אין סוף״, אָהן אָן ענדע, זי איז אייביג ווי איהר באַשעפער און אונשטערבליך ווי דאָס פאָלק ישראל.

„בראשית״ — דו ביזט אויך אַ הויכע, ערהאַבענע פילאָזאָפישע ווערק, וואָס פאַרענטפערט אַלע קשיות, ווייל פון די אַלע „אותות״ און „מופתים״ וואָס אונזער משה האָט געוויזען „לעיני כל ישראל״, איז דער גרעסטער וואונדער „בראשית ברא אלהים״, אַז דער אויבערשטער האָט אַלעס באַשאַפען, דאַן פאַלען אַראָפּ אַלע קשיות פון „בריאַת העולם״, דער אויבערשטער האָט אַלעס באַשאַפען און פרעגט נישט קיין קשיות!

***

בראשית ברא אלהים.

קלעהרען אַ סך געלעהרטע: פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס לעבען אויף דער ערד?

העקעל גיט אָן ערקלעהרונג וועלכע מען רופט אין דער וויסענשאַפט, די טעאָריע פון „זעלבסט באַשאַפונג״, די לעבעדיגע סובסטאַנץ האָט זיך ענטוויקעלט פון דער ניט לעבעדיגער סובסטאַנץ. און ער גיט אָן אַלס פאַקט וואָס אין דער ערד, אין דער לופט און אין וואַסער געפינען זיך די זעלבע כעמישע שטאָפען ווי אין די לעבעדיגע אָרגאַניזמען — ווי חיות און פלאַנצונגען. דאָס וואַקסען, ווידער, פון געוויסע קריסטאַלען און שטיינדלאַך, באַווייזט אַז אין דער טויטער נאַטור קומען אויך פאָר אַזעלכע ענליכע פראָצעססען ווי אין די לעבעדיגע אָרגאַניזמען.

דר. י. ל. שניצער

שפעטער איז געמאַכט געוואָרען אַ צווייטע טעאָריע פון אַ שוועדישען געלערטען, סעוואַנטע ארהאניוס, וועלכער זאָגט: אַז דער לעבעדיגער סובסטאַנץ איז ניט געבוירען געוואָרען אויף אונזער ערד, נאָר אויף אַנדערע פּלאַנעטען און פון דאָרטען האָט זיך די זריעה פון לעבעדיגע אָרגאַניזמען איבערגעטראָגען אויף אונזער ערד־קוגעל, און ער גיט אָן אַלס פאַקט וואָס אין דעם אונענדליכען חלל אַרום דער ערד טראָגען זיך אַרום קלייניגקע און גרעסערע טיילען פון פעסטע שטיקלעך וואָס האָבען זיך אָפּגעריסען פון וויטע פּלאַנעטען, אויף וועלכע עס האָט עקזיסטירט לעבען און זיי זיינען פאַרטראָגען געוואָרען אויף דער ערד אין אַזאַ צייט ווען עס זיינען געווען גינסטיגע באַדינגונגען פאַר זייער ווייטערער אַנטוויקלונג. אָט פון די איינפאַכע אונזיכטבאַרע ברואים׳לאַך זיינען אין מיליאָנען יאָרען און דורך טויזענטער גלגולים אויסגעוואָקסען אַלע באַשעפעניסען וואָס לעבען היינט אויף אונזער ערד.

קומט אָבער אונזער תורה און גיט זיך איהר טעאָריע: „בראשית ברא אלהים״ — דער אויבערשטער האָט אַלע באַשאַפען. נו, פרעג איך אייך: איז די טעאָריע ניט פיעל שעהנער און ערהאַבענער ווי די אַלע טעאָריעס מיט וועלכע מען קאָרמעט אונז?

***

עץ הדעת טוב ורע.

עסען די מענשען־קינדער די פרוכט פון עץ הדעת, עפענען זיך אויף זייערע אויגען און זיי פאַנגען אָן צו פאַרשטעהן דעם אונטערשיעד פון גוטס ביז שלעכטס. פרעגט זיך די פראגע: עס שטעהט דאָך אויסדריקליך, אַז אַלעס וואָס גאָט האָט באַשאַפען איז געווען „טוב מאד״, טאָ ווי אַזוי האָבען די מענשען־קינדער געקענט אונטערשיידען פון גוטס ביז שלעכטס, אַז קיין שלעכטס איז גאָר לחלוטין אויף דער וועלט ניט געווען?

נאָר ווען מיר זאָלען אַביסעל אַ טראַכט טאָן און ארייַנקוקען אין דעם באַשאַף פון אַלע ברואים, וועלען מיר געפינען אָן ענטפער אויף

מענש און תורה

דיזער פראגע: ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די אַלע נידעריגע ברואים, האָט ער זיי באַזאָרגט מיט אַלעס וואָס עס איז נויטיג פאַר זייער עקזיסטענץ. די פייגעלעך, צום ביישפיל, האָט ער געגעבען אַ פאַלקאָמענע פליה־מאַשין, זיי זאָלען קענען פליהען אפילו אין דעם גרעסטען שטורם ווינט. דערצו האָט ער זיי נאָך אָנגעטאָן אין קאָלירטע פעדערען, צוגעפּאַסט נאָך דער סביבה נאָך וואו זיי וואוינען, כדי דאָס אויג פון יעגער, אָדער פון רויב־פויגעל זאָל זיי ניט באַ־מערקען. פויגעלעך וואָס דאַרפען באַקומען זייער שפייז פון וואַסער האָט גאָט איינגעריכטעט אין זייערע פיסעלעך שווים־געצייג, מיט וועלכע זיי באַנוצען זיך, ווי אַ פישער אין לאָדקע, באַנוצט זיך מיט זיינע לאָפּעטקעס. פויגלען, ווידער, וועלכע זוכען שפייז אין זומפען און אין פלאַכע וואַסערען וואו מען קען ניט שווימען, האָט זיי גאָט געשאָנקען לאַנגע פיס צו בראָדזשען און אַ לאַנגען האַלדז אָנצונעהמען זייער שפייז.

פיש וואָס שווימען אַרום אין וואַסער האָבען ניט קיין שולטערען אויף זייער קערפּער ווי די לאַנד באַשעפענישען, ווייל זיי שווימען געגען שטראָם, זאָל דאָס וואַסער ניט האָבען אָן וואָס זיך אָנצונעמען און זיי שטופּען צוריק.

פון די פּאָר ביישפּילען קען מען זעהן, אַז גאָט האָט באַשאָנקען יעדע באַשעפעניש מיט אַזעלכע זאַכען וואָס זיינען נויטיג פאַר איהר עק־זיסטענץ.

דעם מענשען אָבער האָט דער אויבערשטער באַשאָנקען מיט פיעל מעהר מתנות ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישען. ער האָט איהם גע־בענשט מיט דער ברכה: „ומלאו את הארץ״ — איהר זאָלט אָנפילען די ערד און וואוינען אין יעדען טייל פון דער וועלט וואָס אייך וועט געפעלען — אַ מעלה וואָס קיין באַשעפעניש האָט עס ניט. פיש קענען לעבען בלויז אין וואַסער, דער ווייסער בער אין דער קאַלטער נאָרד, דער טיגער און דער לייב אין דער הייסער זיד, דער מענש אָבער קען וואוינען אומעטום. „וכבשוה״, איהר זאָלט איהר איינעהמען.

דר. י. ל. שניצער

איהר ווערט האָבען אין זיך די קראַפט צו באַזיגען אלע עלעמענטען פון דער נאַטור. אָהן דעם כח וואָלט דער מענש קנאַפּע גוצען געצויגען פון דעם וואָס ער קען פארטראָגען אלע קלימאַטען. „ורדו בדגת הים ובעוף השמים, ובכל חיה — און איהר זאָלט געוועלטיגען איבער אַזעלכע באַשעפענישען וואָס מען קען צו זיי אויף אַ נאַטירליכען וועג ניט צוקומען. איך אָבער גיב אייך שכל אויסצוגעפינען געקינסטעלטע מיטלען זיי צו באַזיגען.

ווען דער מענש וואָלט זיך באַנוגענט מיט די אלע מתנות וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבען, וואָלט ער געפונען אז אלעס וואָס גאָט האָט געמאַכט איז „טוב מאד״, זעהר גוט. אָבער דער שלאַנג האָט זיך פאר׳גנב׳עט ביי איהם אין הארצען און איהם אָנגערעדט אז ער זאָל אָנפאַנגען צו פארלאנגען אַזעלכע זאַכען וואָס איז ניט נויטיג פאר זיין נאַטירליכער עקזיסטענץ. האָט זיך אָנגעפאנגען פאר איהם אַ וועלט מיט צרות. שטעלט זיך פאָר, ווען די פיש וואָלטען זיך אריינ־געגומען אין זייערע קליינע קעפּעלעך צו וועלען פליהען אין דער לופטען, אָדער די פויגעלעך צו וועלען שווימען אונטערען וואסער, ווי אונגליקליך זיי וואָלטען, נעבעך, געווען.

דער מענש האָט דערזעהן אין זיין גן עדן אַ בוים וועלכער טראָגט אַן אַנדער מין פרוכט, די פרוכט פון לוקסוס. און דער שלאַנג האָט איהם אָנגערעדט צו עסען דערפון, און ווי די מענשען־קינדער האָבען פארזוכט דעם טעם פון די פארבאָטענע פרוכט, האָבען זיי גלייך אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז זיי זיינען „נאַקעט״. דאָס הייסט, אַז זיי האָבען ניט גענוג. דעריבער הייסט דער בוים פון לוקסוס „עץ הדעת טוב ורע״, ווייל דורך איהם איז דעם מענשענ׳ס לעבען געוואָרען אַ מיש־מאַש פון שמחה און צער, גליק און אונגליק, צופרידענהייט און גרויסע אויגען, אמת און שקר. קורץ, „טוב ורע״, דער בוים האָט ענטהאַלטען אין זיך גוטס און שלעכטס. (נאָך ש. ר.).

**
*

מענש און תורה

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער זעהט ניט איין, מיט וואָס מיר אידען הויבען זיך דאָ אַזוי שטאַרק מיט דעם „בראשית ברא אלהים" אַז דער אויבערשטער האָט אַלעס באַשאַפען. נאָך זיין שכל נאָך קומט אויס, אַז די אידעע פון די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפען שטעהט פיעל העכער, עס איז ניטאָ קיין רעגירער און קיין פיהרער, דעריבער איז ניטאָ וועמען צו באַשולדיגען.

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענע צוויי פילאָזאָפען:

אין גריכענלאַנד האָבען געלעבט צוויי פילאָזאָפען. איינער איז געווען אַ רעליגיעזער פילאָזאָף, ער האָט געגלויבט אַז אין דער הויך איבער די הימלען זיצט אַ באַשאַפער, אַ באַוואוסטזיניגע רעגירונגס מאַכט, וועלכע האַלט דעם רודער פון דער וועלט־שיף אין איהרע הענט, און דרעהט איהר אַהין און אַהער, פאָראויס און צוריק, לויט ווי עס גלוסט זיך איהר געטליכען ווילען. דער צווייטער איז געווען אַ מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָף, ער האָט געהאַלטען אז די וועלט ווערט רעגירט פון מעכאַנישע, מאַשינאַווע נאַטור־געזעצען, וועלכע ארבייטען אָהן אַ צוועק און אונבאַוואוסטזיניג, עס איז ניטאָ קיין פיהרער און קיין רעגירער וועלכער זאָל באַשטימען דעם שיקזאל פון יעדע זאך. נאָר ער אַרבייט פשוט פון זיך אליין אָהן אַ ציעל און אָהן אַ דורכרעכענונג, טרעף אָדער פעהל,ביידע זיינען געווען איבערגעגעבען זייערע טעאָריעס מיט לייב און לעבען, און האָבען זיך ניט געלאָזען בויגען ניט אַהער און ניט אַהין.

איין טאָג ווען דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָף איז אין דערהיים ניט געווען, האָט זיך זיין פריינד ארייגעגנב׳עט שטילערהייט אין זיין שטודיר־צימער, זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש, אָנגעשריבען אַ זעלטענע שעהנע שטיק פאָעזיע, נאָכהער האָט ער גענומען דעם טינטער און האָט באַגאָסען מיט טינט די גאַנצע שטיק פאָעזיע און האָט זיך שטילערהייט צוריק פון הויז ארויסגערוקט.

דר. י. ל. שניצער

ווען דער פילאָזאָף איז געקומען אַהיים און האָט דערזעהן דעם אָנגעשריבענעם פּאַפּיר מיט די אויסגעגאָסענע טינט, האָט ער גענומען פרעגען זיינע דינער: ווער איז דאָ געווען אין זיין שטודיר־צימער. אָבער אַלע האָבען איהם געענטפערט אַז זיי וויסען ניט פון וואָס צו זאָגען, זיי האָבען דאָ קיינעם ניט געזעהן. ער האָט גענומען זיך גוט אָנשטרענגען און לייענען די פאַרפלעקטע בוכשטאַבען, איז ער באַגייסטערט געוואָרען פון דער ערהאַבענער פּאָעזיע. אָבער ווער האָט עס געקענט אָנשרייבען און נאָכהער עס פאַרפלעקען? אויף מאָרגען, ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט זיין פריינט, און איהם דערצעהלט פון דעם פאַל וואָס ביי איהם אין הויז איז פאָרגעקומען, האָט דער פריינט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך זעה ניט אין וואָס דו וואונדערסט זיך דאָ אזוי שטאַרק. טינט איז געווען ביי דיר אויפ'ן שרייב־טיש, אַ פעדער אויך, און פּאַפּיר געוויס, האָט זיך אָנגעשריבען אַ שעהנע שטיק פּאָעזיע און נאָכדעם האָט זיך דאָס באַגאָסען מיט טינט.

— ביזטו משוגע, צו שכור, צו חסר דעה? — האָט דער פילאָזאָף אַ זאָג געטאָן. — וואָס הייסט עס האָט זיך אָנגעשריבען? ווער האָט עס אָנגעשריבען?

— ווער, פרעגסטו? — האָט זיין פריינט דער פילאָזאָף זיך צו אים אָפּגערופען. — אָט די מעכאַנישע מאַשינאַווע נאַטור־געזעצען, אָט זיי האָבען די פּאָעזיע אָנגעשריבען. נאָר אזוי ווי זיי ארבייטען אונבאוואוסטזיניג, האָבען זיי דעם טינטער איבערגעקעהרט און באַגאָסען די פּאָעזיע מיט טינט. אַ יאָ, דאָס גלויבט זיך דיר ניט? דאַן מוז איך דיר זאָגען, אַז איך בין דאָס געווען אין דיין שטודיר־צימער, איך האָב דיר געוואָלט וויזען, אז דיין טעאָריע איז פאַלש, עס שרייבט זיך ניט אליין און עס מעקט זיך ניט אליין. „בראשית ברא אלהים", עס מוז זיין אַ שרייבער און אַ מעקער...

נח

דער מבול.

די מבול געשיכטע איז ביז היינט ניט לאַנג צוריק געווען איינע פון די טעמעס, מיט וועלכע פריי־דענקער האָבען זיך באַנוצט צו מאַכען חוזק פון אונזער תורה. זיי האָבען באַהויפּטעט אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזוי פיעל וואַסער, ניט אין ים און ניט אין דער לופט צו באַדעקען דעם גאַנצען ערד־קוגעל אויף אַזוי הויך, אַז די שפּיצען פון די העכסטע בערג זאָלען זיך ניט ארויסזעהן, און צווייטענס, איז גאָר אומ־מעגליך געווען אריינצונעהמען חיות, בהמות און עופות צוויי פון יעדער מין אין אַ געביידע פון דריי הונדערט איילען די לענג.

אין דער לעצטער צייט אָבער, זיינען די הויפּט פאַקטען פון דער מבול געשיכטע באַשטעטיגט געוואָרען אַלס אַ היסטאָרישע פּאַסירונג. מען האָט געפונען אויף די העכסטע בערג געוויסע צייכענס אַז זיי זיי־נען אַמאָל געווען אונטער'ן וואַסער. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען, אַז אין די פריהסטע יוגענד פון דער וועלט, זיינען די מינים פון די באַשעפעניסען געווען פיעל ווייניגער ווי איצט, דעריבער האָט מען געקענט געפינען פאר זיי פּלאַץ אין אַזאַ געביידע ווי די תבה איז געווען.

ניט גראַדע אונזער תורה אליין דערצעהלט אַ מעשה פון אַ מבול, די „באַביליאַנער", די „מאיאס", די „אצטעקען", די „קאַריפען" און נאָך אַזעלכע אַלטע פעלקער, ריידען אויך פון אַ מבול. אַפילו פּלאַטאָ אין זיינע „געזעצען" רעדט אויך דערפון און מען דערצעהלט די לעגענדע אויף דעם פאָלגענדען אופן:

אין דעם געגענט פון גיבראַלטער איז געווען אַ שעהנער, גרויסער, פּראַכטפולער אינזעל מיט'ן נאָמען „אטלאַנטיס", באַוואוינט פון אַ הויך

דר. י. ל. שניצער

קולטורעלען פאָלק, וואָס האָבען דאָרט געלעבט גליקליך און צופרידען ווי אין אַ גן עדן.

אין אַ געוויסען טאָג האָבען זיך די פענסטער פון הימעל פלוצים געעפענט. אַ רעגען שטורם האָט אָנגעהויבען צו פאַרפלייצען דאָס לאַנד און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געעפענט דער תהום פון אונטען, די ערד האָט זיך צושפּאַלטען, פייערדיגע לאַווע אויסגעמישט מיט גיפטיגע גאַזען האָט זיך אַ גאָס געטאָהן און איידער די מענשען האָבען באַוויזען צו אַנטלויפען אויף זייערע שיפען, האָט דער אינזעל אַ ציטער געטאָן אויפ'ן פונדאַמענט און איז געזונקען אין טיפען אָפּ־גרונד פון ים מיט אַ מורא'דיגען קראַך וואָס האָט אויפגעטרייסעלט די וועלט, עס האָט זיך געדאַכט אַז די ערד פאַלט פאַנאַנדער אין שטויב.

הייסט עס, אַז נאַטור־קאַטאַסטראָפעס איז יאָ פאָרגעקומען, טאָ פארוואָס האָט ניט געקענט זיין אַ מבול מיט אַ נח?

און אַז מען וויל זאָגען, עקזיסטירט נאָך נח איצט אויך אין דער פאָרמע פון דעם אידישען פאָלק.

אַ צולאָזענע וועלט, פול מיט רויב, מאָרד און פאַרדאָרבענהייט, און אין מיטען פון דיזער פאַרדאָרבענער וועלט געפינט זיך דאָס אי־דישע פאָלק. אמת, זי איז אפילו אויך ניט אַזוי צאַצקעדיג, אָבער „צדיק תמים היה בדורותיו" אין פאַרגלייך מיט זיינע דורות, איז דאָס אידישע פאָלק אַ צדיק.

שוין איבער צוויי טויזענד יאָהר ווי מיר שווימען אַרום אין די לאַנגע תבה, אין דעם לאַנגען גלות, פון איין לאַנד צו דער אנדערער און מיר האָבען אין ערגעץ קיין מנוחה ניט. מיר ליידען אויך די זעלבע צרות וואָס דער אַמאָליגער נח האָט געליטען, ערשטענס, פון די ווילדע חיות וואָס האָבען געוואוינט מיט אים צוזאַמען, אונזערע שכנים זוכען אונז אויך צו רייסען און צו בייסען, און צווייטענס, „וירבו המים וישאו את התבה ותרם מעל הארץ", מען האָט אונז אָפּגעריסען פון דער ערד, דאָס הייסט פון ערד ארבייט, און מען האָט אונז געצוואונגען זיך צו ערנערען פון ווינט פרנסות.

מענש און תורה

און אַ וואונדערליכע זאַך האָט פּאַסירט!... „וימח את כל היקום״, גראָד זיינען אונטערגעגאַנגען די „היקום׳ניקעס״... די איינגעפונדעוועטע, די יעניגע וועלכע האָבען געהאַט אַ באַשטאַנד אויף ערד ארבייט. „וישאר אך נח״ נאָר בלויז דאָס אידישע פאָלק איז געבליבען לעבען. ווייל, ווי פינסטער און ביטער עס איז אונז אין גלות, האָבען מיר אַ „צוהר״ אַ פענסטער דורך וועלכען עס שטראַלט אריין שטראָמען ליכט און באַלייכטעט אונזער לעבען מיט הייליגקייט. אַט די תורה אונזערע, לאָזט אונז ניט אריינגעהן אין דעם כלל פון „כל בשר הרומש על הארץ״, נאָר מיר לעבען און שטרעבען פאַר העכערע זאַכען ווי קערפּערליכע פארגעניגענס און מיר האָפען אַז באַלד, באַלד וועט דער אויבערשטער אַ זאָג טאָן צו אונז: „צא מן התבה״, געהט אַרויס פון גלות און קעהרט זיך צוריק אין אייער אַלטער היים.

(נאָך ש. ר.).

***

ווען מען טראַכט זיך גוט אריין אין דער היינטיגער סדרה, זעט מען, אַז דער „מבול־דור״ איז אונטערגעגאַנגען צוליב דעם, ווייל עס איז קיין גייסטיגעס ביי זיי ניט געווען. זיי זיינען דאָן צוטיילט געווען אין צוויי פאַרטייען. אין „בני אלהים״ — רייכע, געבילדעטע און פאַרטגעשריטענע הימעל־מענשען, און „נפלים״ — געפאַלענע און אונגעבילדעטע מענשען, וואָס זייער גאַנצער פארמעגען איז באַשטאַנען פון שעהנע טעכטער. און ווען די הימעל־מענשען האָבען זיך פאַראייניגט מיט די געפאַלענע טעכטער, איז דאָס „רוחניות״, דאָס גייסטיגע פון זיי פארשוואונדען געוואָרען, און עס איז אויסגעוואַקסען אַ דור פון „גופניות״ — אַ קערפּערליכער דור, אַ דור פול מיט פלייש, פלייש און פלייש.

און ווען דער אויבערשטער האָט אַ קוק געטאָן וואָס פאַר אַ פליישיגער דור עס איז אויסגעוואַקסען, האָט ער טאַקע אַ זאָג געטאָן: „קץ כל בשר בא לפני״ — עס מוז נעהמען אַן ענדע פון די אַלע פלייש־מענשען! עס שטעהט ניט „קץ כל חי בא לפני״ — אַז עס איז געקומען דער ענד פון אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען, נאָר „קץ כל בשר״ —

דר. י. ל. שניצער

ווייל אויף פלייש אליין קען קיין וועלט ניט עקזיסטירען... צום פלייש מוז אויך גייסט זיין, און ווען קיין גייסט איז ניטאָ, דאַן מוז די וועלט אונטערגעהן.

**
*

מאַנכע רבנים גלייכען צו דעם איצטיגען אידישען דור צו דעם דור־המבול. געוויינטליך גיבען זיי דאָרטען זייערע ראיות און זייערע באַווייזע. איך אָבער האָב געפונען אַ גאַנץ אַנדער מין עהנליכקייט. אַמאָליגע צייטען איז דעם אידענ׳ס קערפּער געווען פאַרשקלאַפּט, זיין גייסט איז אָבער געווען פריי. ער האָט געדענקט, געקלעהרט און פּי־לאָזאָפירט. אין זיין ביבליאָטעק האָבען זיך געפונען פאַרשיידענע ספרים, אַ תנ״ך, אַ ש״ס, מפרשים, ספרי דרוש, מוסר, חקירה און אויך וועלטליכע אידישע וויסענשאַפט. איצט אָבער האָט זיך די גלות־סצענע איבערגעביטען. דער קערפּער איז באַפרייט געוואָרען, אָבער דער גייסט איז געוואָרען פאַרשקלאַפּט. מיר האָבען דאָ געפונען אין אַמעריקא אַ פרייע וועלט, וואו מיר קענען אויפהויבען אונזערע איינ־געבויגענע קעפּ און אויסגלייכען אונזערע איינגעקאָרטשעטע גלידער. דערפאַר אָבער איז אונזער גייסט דאָ איינגעשלאָפען. עס פעהלט די אַמאָליגע היץ, דער אַמאָליגער ברען, די אַמאָליגע באַגייסטערונג. אַפילו די אידישע ביבליאָטעק איז אויך דאָ אין גאַנצען אַנדערש גע־וואָרען. „כי מלאה הארץ חמס״ — זי איז אָנגעפילט בלויז מיט חמס. און די ראשי תיבות פון „חמס״ מאַכען: ח׳ומש, מ׳חזור, ס׳דור. אָט אויף דעם באַשטעהט איצט די גאַנצע אידישע אַמעריקאַנער וויסענ־שאַפט. בר מצוה, יזכור און קדיש.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אין דער היינטיגער סדרה שטייט: „ויולד נח שלשה בנים״, נח האָט געהאַט דריי זיהן, „את שם, את חם ואת יפת״. ביי יעדען נאָמען שטעהט אַן „את״ אָװעקגעשטעלט. שפּעטער אָבער, ווען זיי זיינען אריין אין תבה שטייט: „בא נח ושם וחם ויפת״, נח איז אריין אין

תבה מיט זיינע זיהן, שם, חם און יפת, שוין אָהן אַן „את״. פרעגט זיך די פראגע: פאַרוואָס איידער זיי זיינען אריין אין תבה שטעהט ביי יעדער נאָמען אַן „את״, וועט אָבער זיי זיינען שוין אריין אין תבה, שטעהט ניט קיין „את״?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענע צוויי זיהן:

רב נחמן איז געווען דער גמרא־מלמד פון שטאָדט און האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס גרויסער בעל פועל.

מיט צוויי זיהן האָט איהם דער אויבערשטער מזכה געווען, צוויי געראָטענע תכשיטים וועלכע האָבען ניט האַרמאָנירט צוזאַמען, ווי נאָר זיי פלעגען אין הויז אריינקומען, אזוי איז שוין געווען הימעל עפען זיך! מען האָט זיך גע׳הרג׳עט און געשלאָגען מכות רצח און זיך אָב־גערופען מיט די שענדליכסטע נעמען אין דער וועלט.

רב נחמן מיט זיין ווייב האָבען געהאַט זעהר פיעל עגמת נפש דערפון, עס האָט ניט געהאָלפען די מוסר און די סטראַשונקעס וואָס זיי פלעגען זייערע זיהן דערלאנגען, דאַכט זיך אָט, אָט, האָט מען געמאַכט אַ שלום צווישען זיי און זיי האָבען שוין צוגעזאָגט צו זיין שעהן, פיין און שטיל, אָבער אויף מאָרגען איז ווידער געווען די זעלבע געשיכטע און נאָך מיט מעהר פרישקייט.

רב נחמן איז ארומגעגאנגען זעהר פארצווייפעלט און ניט געוואוסט וואָס מען פאַנגט אָן צו טאָן מיט זיי. ענדליך נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת האָט ער באַשלאָסען זיי אָוועקצושיקען פון דער היים, אין אַ פרעמדע שטאָדט, צווישען פרעמדע מענשען, וועלען זיי פיליכט אָבי־סעל בעסער ווערען, און אַזוי ווי רב נחמן האָט געהאַט אַ ברודער אין אַמעריקא, וועט ער אָוועקשיקען זיינעביידע תכשיטים צו איהם.

און אזוי איז געווען. די עלטערען האָבען מיט גרוס מיה און מאַטערניש צוזאַמענגעקראַצט פאַר זיי הוצאות און זיי אָוועקגעשיקט קיין אַמעריקא.

אין אייניגע יאָהר אַרום איז רב נחמן מיט זיין ווייב אויך געקומען נאָך אַמעריקא און ווען ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביי **זיין**

דר. י. ל. שניצער

ברודער אויף זיינע צוויי קינדער האָט דער ברודער זיך צו איהם אָפּ־גערופען:

„די ערשטע צייט האָב איך געהאַט זעהר פיעל צרות פון זיי. עס איז ניט געווען דער טאָג וואו זיי פלעגען זיך ניט ארומ׳הרג׳ענען און ארומקריגען. שפּעטער אָבער איז געוואָרען אַ שלום צווישען זיי. דו׳ האָסט געדאַרפט זעהן נחמן ברודער ווי פריינדליך זיי פאַרברענגען איצט צוזאַמען. מען עסט צוזאַמען, מען שלאָפט צוזאַמען, און אפילו מלבושים טראָגען זיי אויך די זעלבע".

„אוי, איך דאַנק דיר גאָטעניו, פאַר דעם חסד וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן", האָט רב נחמן פרום אויסגערופען. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז אין דער פרעמד וועלען זיי זיך אויסמענשלען. אָבער זאָג מיר נאָר ברודער, וואָס האָט געווירקט אויף זיי אַז זיי זאָלען זיך איבער־אַנדערשען"?

„די טורמע"! — האָט זיין ברודער איהם געענטפערט.

„די טורמע"? — האָט רב נחמן מיט זיין ווייב אויסגעשריען.

„יאָ, מיין ברודער. זיי זיינען באַגאַנגען אַ קרימינעלען פאַרברעכען און מען האָט זיי פאַר׳משפט אויף פופצען יאָהר סינג־סינג.ביידע זיינען געשלאָסען האַנד אין האַנד. ביידע שלאָפען אין איין חדר׳ל אדן ביידע געהן אויך אין די זעלבע מלבושים. נו, ברודער, איז דאָס ניט אַ זעלטענע אַחדות"?

דאָס זעלבע וואַרשיינליך איז אויך געווען מיט נח׳ס זיהן. פאַר דער קאַטאַסטראָפע איז ביי זיי קיין אחדות ניט געווען. יעדערער איז זיך געגאַנגען באַזונדער. את שם, את חם ואת יפת. שם איז געווען אַ פרומער, חם אַ גראָבער יונג און יפת אַן אַריסטאָקראַט.

אָבער אַז זיי זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרען אין תבה, אין טורמע, דאַן איז געוואָרען אַ שלום צווישען זיי. „מפני מי המבול", די צרות פון מבול האָט זיי פאַראייניגט.

לך לך

לך לך.

ארץ ישראל איז דעם אידענ׳ס אויסדערוועהלט לאַנד. ארץ ישראל איז באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה אויסשליסליך פאר׳ן אידישען פאָלק. עס איז דער אָנגעצייכענטער זווג, וועלכע קען איינער אָהן דעם צווייטען קיין רוה ניט געפינען. ווען דער איד זיצט אין ארץ ישראל, דאַן איז „מצא מין את מינו״,ביידע באַקומען זייער תיקון. ווען אָבער דער איד איז דערווייטערט פון ארץ ישראל, איז ער דערוויי־טערט פון זיך זעלבסט, פון זיין אייגענעם „איך״ און איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה. איז דעריבער „לך לך״, אויב דו ווילסט קומען צו זיך, צו דיין אייגענעם שורש, מוזטו געהן „אל הארץ אשר אראך״, צו דעם לאַנד וואָס איז פאר דיר באַשטימט געוואָרען, נאָר דאָרט, דאָרט קענסטו דיין תיקון געפינען.

***

אברהם העברי.

ווען מיר מישען אויף אונזער פאמיליען־אַלבום, ערשיינט אין דער היינטיגער דריטער סדרה די פערזענליכקייט פון אונזער פאָטער אברהם, אַ „סעלף מייד מען״, (אַ זעלבסט ארויפגעאַרבעטער מענש) וועלכער האָט געקראָגען זיין אמונה פונקט ווי אַן אימיגראַנט וועלכער איז געקומען אין אַמעריקא אָהן אַ פעני געלט און האָט זיך מיט זיינע אייגענע צעהן פינגער אַרויפגעארבייט און געוואָרען אַ רייכער מאַן. דעריבער האָט זיך טאַקע אברהם׳ס עשירות, אברהם׳ס אמונה זעהר שטאַרק געהאַלטען ביי איהם. דער יעניגער אָבער, וואָס ירש׳ענט זיין געלט פון אַ רייכען טאַטען, דער ווייס ניט ווי אַזוי אַרומצוגעהן

מיט געלט און ווי אַזוי עס איינצוהאַלטען, דעריבער טרעפט זיך טאַקע זעהר אָפט, אַז רייכע יורשים שטאַרבען אין פרעמדע תכריכים.

מיט רעליגיאָן איז אויך דאָס זעלבע, מיר וועלכע האָבען גע׳ירש׳ענט אונזער אמונה פון אונזערע עלטערען, איז טאַקע די אמונה ביי אונז זעהר וואַקעלדיג. מען איז אַ איד, אַזוי לאַנג אידישקייט קאָסט קיין געלט ניט... און זי מישט זיך ניט צופיעל אין זיינע געשעפטען, אָדער אין זיין פאַמיליען־לעבען. קוים אָבער נעהמט זיך די רעליגיאָן פלאָנטערען אונטער זיינע פיס... אַזוי שליידערט ער איהר אַוועק אָן אַ זייט.

אונזער פאָטער אברהם אָבער איז געווען אַ „סעלף מייד מען" אין דער רעליגיאָן, ער האָט די גאָטהייט מיט זיין אייגענעם שכל אויסגעפונען, דעריבער האָט קיין שטורם ווינט ניט געקענט אַרויסרייסען די אמונה פון זיין האַרצען, ער איז געווען דער אמת׳ער טיפּ פון אַן אמת׳ען אידען — אַ איד צו זיין גאָט, אַ איד צו זיין פאַמיליע, און אַ איד אַפילו פאַר פרעמדע. דעריבער האָט גאָט געביטען זיין נאָמען פון „אברם" אויף „אברהם", וועלכער האָט אַ באַדייטונג „אב המון גוים", דער פאָטער פון פיעלע פעלקער.

יאָ, טאַטעניו!... מיר זיינען שטאָלץ אויף דיין פערזענליכקייט און אויף דיין גאָלדענעם כאַראַקטער. קיין שעהנערע „גזע" (אָפּשטאַמונג) האָט זיך דאָס גייסטיגע פאָלק ישראל ניט געקענט ווינשען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אין דער היינטיגער סדרה שטעהט: ווען אברהם איז ניין און ניינציג יאָהר אַלט געוואָרען, האָט גאָט צו איהם געזאָגט, דו זאָלסט וויסען זיין אַז איך בין „אל שדי", דער אלמעכטיגער גאָט, „התהלך לפני", געה פאַראויס, „והיה תמים" און זיי אַ גאַנצער איד. פרעגט זיך די פראגע: ערשטענס, צי האָט דען אברהם ניט געוואוסט ביז ניין און ניינציג יאָהר אַז דער אויבערשטער איז „אל שדי"? און צוויי־

טענס, וואָס הייסט „תמים״, אַ גאַנצער איד? איז דען אברהם ביז איצט געווען בלויז אַ האַלבער איד?

אלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם יונגענמאַן:

צו אַ גרויסען פאַבריקאַנט איז געקומען אַ פרעמדער יונגערמאַן און געבעטען אַז ער זאָל איהם צונעהמען צו זיך אין פאַבריק און איהם געבען אַ שטעלע, האָט דער פאַבריקאַנט צו איהם געזאָגט:

— יונגערמאַן, איהר האָט צופיעל העזה אין זיך, וואָס הייסט, איך זאָל אייך געבען אַ שטעלע? ווער זייט איהר? פון וואנען קומט איהר? און פון וואנען ווייס איך אַז איהר זייט פעהיג אַ שטעלע אָנ־צוהאַלטען?

— גערעכט! גערעכט! — האָט דער יונגערמאַן זיך צו איהם אָפּגערופען, — אָבער איך האָב אַ מיטעל דערצו, נעהמט מיך אויף אַ פּאָר מאָנאַטען צייט אויף פּראָבע, וויפיעל איהר וועט מיר געבען וועל איך צופרידען זיין. אונטער דער צייט וועט איהר אויסגעפינען מיין כאַראַקטער און אויך מיינע פעהיגקייטען, און אויב איהר וועט אויסגע־פינען אַז איך טויג פאַר אייך ניט, וועט איהר מיך אַוועקשיקען.

דעם פאַבריקאַנט איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם יונגענמאַנ׳ס דרייסטקייט און ער האָט איהם צוגענומען אויף פּראָבע. אונטער דער צייט האָט דער פאַבריקאַנט אויסגעפונען אַז ער האָט פאַר זיך אַ פראַכטפולען מענשען. אויסער וואָס ער איז זעהר פעהיג צום געשעפט, איז ער נאָך דערצו אַ הויפט עהרליכער מאַן. קורץ, די גאַנצע צייט פון דער פּראָבע זיינעןביידע צופרידען געווען. דער יונגערמאַן האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף טאָן און דער פאַברי־קאַנט האָט איהם געצאָהלט וויפיעל ער האָט געוואָלט.

ווען די צייט פון דער פּראָבע איז אַריבער, האָט דער פאַבריקאַנט געזאָגט צו דעם יונגענמאַן:

— ביז איצט, מיין פריינט, איז ביי אונז געווען בלויז ברודערשאַפט, דו האָסט געאַרבייט וויפיעל דו האָסט געוואָלט, און איך האָב דיר גע־צאָהלט וויפיעל איך האָב געוואָלט, איצט אָבער וויל איך אַז ביי אונז

זאָל זיין האַנדעלשאַפט. מיר וועלען מאַכען אַ קאָנטראַקט און אויס־שרייבען וויפיעל שטונדען אַ טאָג דו דאַרפסט ארבייטען און וויפיעל שכירות דו דאַרפסט פאר דיין ארבייט קריגען.

אין אָנפאַנג האָט אברהם אָבינו גענומען דינען גאָט אויף פּראָבע, ער האָט אליין מיט זיין אייגענעם שכל אנערקענט אז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אין הימעל, און האָט אליין אויף זיך גענומען איהם צו דינען און לעבען אָרענטליך.

ווען אברהם אָבער איז געוואָרען אַ ניין און ניינציגער, האָט דער אויבערשטער צו איהם געזאָגט:

— מיר מוזען מאַכען אַ קאָנטראַקט אברהם, איך וויל אַז דו זאָלסט וויסען אַז „אני אל שדי", איך בין דיין בעל הבית און „והיה תמים", דו ביזט ביי מיר אַ גאַנצער ארבייטער און דאַרפסט טאָן באַשטימטע אַרבייט, ניט ווי דו האָסט געאַרבייט פריהער אויף פּראָבע און געווען אַ האַלבער אַרבייטער.

וירא

כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה.

אַלץ, וואָס שרה זאָגט דיר, הער זיך איין צו איר קול. דאָס ווייזט, אַז שוין אין יענע אַלטע צייטען האָט די אידישע פרוי געקראָגען אַזעלכע אומבאַגרענעצטע רעכט, וואָס אַפילו אַ היינטיגער מאָדערנער מאַן וואָלט שווערליך נאָכגעגעבען. עפּעס אַ קליינינקייט! פאָלגען אַלץ, וואָס די ווייב זאָגט איהם!

אידישע פרויען, איהר מעגט שטאָלצירען מיט אייער תורה! זי איז געווען די איין־און־איינציגע וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די ערשטע אידישע פרוי אויף אַ הויכער פּלאַטפאָרמע און געהייסען דעם מאַן מיט ליבע און רעספּעקט ארויפקוקען צו איהר.

ביי די גריכען, צום ביישפּיל, האָט פלאטא געלערענט, אַז די פרוי איז אַ באַשעפעניש וואָס שטעהט צווישען דעם מאַן און דער בהמה. ער האָט געזוכט אָפּצושאַפען די הייראָט און די מאָראַל. ער שרייבט אין זיין „רעפּובליק״: „אַ העלדישער מאַן דאַרף זיך באַנוצען מיט דעם רעכט צו האָבען מעהר ווייבער, ווי דער געוויינליכער מאַן״.

די פרוי איז דאַמאָלט ביי אלע פעלקער באַטראַכט געוואָרען אייגעָפאַך ווי אַ חפץ אָדער אַן אייגענטום, מיט וועלכען דער מאן האָט געקענט טאָן וואָס איהם איז געפעלען.

ביי אידען אָבער האָט די תורה געלערענט, אַז אַ מאַן מוז זאָרגען פאַר זיין פרוי, אַכטען איהר און רעספּעקטירען. טאָמער ברענגט דער מאַן ארויס אויף איהם אַ שלעכטען נאָמען און באַליידיגט זי, זאָל ער באַשטראָפט ווערען, אַ אידישער טאַטע טאָר אפילו ניט באַשטראָפען זיין קינד אָהן דער צושטימונג פון זיין ווייב. קורץ די אידישע תורה האָט געגעבען דער פרוי פולע גלייכהייט מיט דעם מאַן.

דר. י. ל. שניצער

מאַנכע פרעגען: אויב די תורה האָט שוין יאָ אָוועקגעשטעלט די פרוי אויף אַ הויכע שטופע, טאָ ווי קומט עס וואָס רבי אלעזר האָט אַ זאָג געטאָן: „כל המלמד בתו תורה כאילו מלמדה תיפלות״, אַ פּאָטער וואָס לערענט זיין טאָכטער תורה, איז פּונקט ווי ער וואָלט זי געלערענט גראָבקייט.

נאָר דער תירוץ איז: רבי אלעזר האָט ניט געמיינט צו באַ־גרעניצען די רעכט פון די אידישע פרויען קעגען דעם גייסט פון דער תורה, נאָר ער האָט געהאַלטען, אַז עס איז נויטיג אָפּצושטעלען די בילדונג פון די פרויען, ווייל די צייט פאָדערט עס.

עס איז געווען אקאָרשט נאָכדעם ווי דאָס קריסטענטום איז גע־בוירען געוואָרען און ווייבער זיינען געווען די טהוערקערס, וואָס האָ־בען פארשפרייט די נייע רעליגיע. אַ פרוי האָט כלומר׳שט געזעהן ווי יעזוס איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר. אַ צווייטע פרוי, אַ רייכע אידישע אלמנה האָט געגרינדעט אַ פאראיין פון אלמנות און זיי אַרויס־געשיקט איבער דער וועלט צו מאַכען פראפּאגאנדע פאר דעם נייעם גלויבען.

און דאָס קען זיין, האָבען אונזערע חכמים געמיינט מיט דעם וואָס זיי זאָגען: „בתולה ציילנית ואלמנה שובבית הרי אלו מבלי עולם״, אַזעלכע פרומע מיידלאך און צולאָזענע אלמנות דעמאראַליזירען די וועלט.

רבי אלעזר, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט און האָט גע־זעהן, אַז די נערוועזע, היסטערישע ווייבער זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פאַרשפרייטונג פון קריסטענטום, האָט ער גערעכענט, אַז דער בעסטער מיטעל וואָלט געווען אָפּצושטעלען די שעדליכע באַוועג־גונג, צוריקצוהאַלטען די טעכטער פון בילדונג, ניט לערנען זיי צו־פיעל.

אָבער וועגען רעכט און רעספּעקט איז — „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה״, אַלץ וואָס שרה וועט דיר זאָגען, זאָלסטו זיך צו־הערען. הגר איז בלויז דיין דינסט, דיין פּלגש, דיין קעפּס־ווייב,

אָבער שרה איז דיין ווייב, דיין חבר, דיין פריינט און דיין שותף אין לעבען.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ווען אברהם אבינו האָט געבעטען דעם אויבערשטען פאר די מענ־שען פון סדום, האָט ער פארלאנגט פון איהם משפט, גערעכטיגקייט. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו איהם: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט״, ווי קען עס געמאָלט זיין אַז דער ריכטער פון דער גאנצער וועלט זאָל קיין גערעכטיגקייט ניט טאָן? אָבער ווען משה רבנו האָט געבעטען פאַר דאָס אידישע פאָלק, האָט ער אימער געבעטען ביי גאָט רחמים, רחמנות. פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָט אברהם פארלאנגט גערעכטיגקייט און משה בלויז רחמנות?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם סוחר:

אַ גרויסער סוחר, וועלכער האָט געטאָן מסחר אויף טויזענטער רובעל, איז אַמאָל געקומען אין אַ פרעמדע שטאָדט, וואו מען האָט איהם ניט געקענט און האָט דערזעהן אין אַ סקלאַד סחורה, וועלכע ער האָט זעהר נויטיג געדאַרפט האָבען, נאָר עס איז איהם גראדע אויסגעגאנגען דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, איז ער אריין אין סקלאַד און געבעטען דעם קרעמער, אַז ער זאָל איהם געבען די סחורה אויף באָרג.

דער קרעמער, וועלכער האָט איהם ניט געקענט, האָט איהם אָנ־געקוקט אַזוי ווי משוגע, און געזאָגט צו איהם:

„וואָס הייסט, איך זאָל אייך געבען סחורה אויף באָרג? ווער זייט איהר? פון וואַנען קומט איהר? און וואָס פאר בעל בטוח זייט איהר ביי מיר״?

„גערעכט, גערעכט, מיין פריינט, — האָט דער סוחר זיך צו איהם אָפּגערופען — אָבער איך בין דער און דער סוחר פון יענער און יענער שטאָדט. מיין קרעדיט איז זעהר גרויס, מען טרויט מיר טויזענטער אויף מיין וואָרט. נאָר אַזוי ווי דאָס גאַנצע געלט איז ביי מיר אויס־

געגאַנגען און איך דאַרף די סחורה האָבען, וואָלט איך וועלען אַז איהר זאָלט מיר באָרגען די סחורה ביז איך וועל אַהיים קומען".

„יאָ, אייער נאָמען איז מיר ניט פרעמד, איך האָב געהערט פון אייך. ליידער אָבער קען איך אייך אויפ'ן וואָרט קיין סחורה ניט געבען, וויל ביי מיר איז איינגעפירט, אַז ווען אַ סוחר נעהמט ביי מיר סחורה דאָס ערשטע מאָל, מעג ער אַפילו זיין מר־בר־רב־אשי, מוז ער מיר אַ וועקסעל געבען. שפעטער, זעהט איהר, ווען איהר וועט מיט מיר לענגער האַנדלען און מיר וועלען זיך אַביסעל מעהר באַקאַנען, וועט אייער וואָרט אליין פאַר מיר גענוג זיין".

דער סוחר האָט געטאָן זיין פארלאנג, געגעבען איהם אַ וועקסעל און האָט אָנגעפאנגען מיט איהם צו האַנדלען. דער מסחר צווישען זיי איז אַוועק זעהר גרויס. יעדע פאַר וואָכען פלעגט דער סוחר קומען צו איהם און נעמען סחורה וויפיל ער האָט געדאַרפט און דער קרעמער האָט איהם געטרויט אויפ'ן וואָרט.

מיט יאָהרען שפעטער איז דער קרעמער געשטאָרבען און זיין זוהן האָט דאָס געשעפט איבערגענומען, און ווען דער סוחר איז געקומען נאָך סחורה, האָט דער זוהן פארלאנגט פון איהם אַ וועקסעל, איז דער סוחר אין כעס געוואָרען און אַ געשריי געטאָן צו איהם:

„שוטה! ווען דיין פאָטער האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרלאַנגט פון מיר אַ וועקסעל, איז ער גערעכט געווען, ער האָט מיך ניט געקענט און ניט געוואוסט ווער איך בין, האָט ער זיך געוואָלט פארזיכערען. אָבער דו, שוטה, דו האָסט מיך געזען ביי דיין טאַטען אין געשעפט יעדע פאַר וואָכען, טויזענטער און טויזענטער האָט ער פון מיר געלייזט און מיר אויף מיין וואָרט געטרויט, טאָ ווי קומסטו איצט צו פארלאנגען פון מיר אַ וועקסעל"?

ווען אברהם אבינו האָט געבעטען דעם אויבערשטען פאַר די מענשען פון סדום, האָבען די סדום־לייט דעם אויבערשטען גאַנץ ווייניג געקענט, ער האָט זיי קיין נסים און נפלאות ניט באַוויזען. קורץ, ער איז געווען אין גאַנצען פרעמד צו זיי, דעריבער האָט אברהם געבעטען ביי גאָט גערעכטיגקייט.

מענש און תורה

אָבער די אידען אין משה׳ס צייט, האָבען אויף יעדען טריט און שריט געזעהן דעם אויבערשטענס וואונדער און דאָך האָבען זיי גע־זינדיגט. דאָ האָט שוין משה קיין פּתחון פּה ניט געהאַט צו בעטען פאַר זיי גערעכטיגקייט, פאַר אַזעלכע לייטע האָט ער געמוזט בעטען רחמנות.

חיי שרה

ווי מערקווירדיג דער איד איז, ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם'ן אַז ער וועט איהם אָוועקגעבען דאָס לאַנד כנען, האָט אברהם ביי איהם אַ פרעג געטאָן: „במה אדע כי אירשנה" — מיט וואָס בין איך זיכער, אַז איך וועל דאָס ירש'ענען? זעהר אַ פּראַקטישע און אָן אויסגערעכענטע פראַגע, ווייל ביי „ריעל־עסטייט" איז ניטאָ קיין ווערטליכער אָפּמאַך, אַלץ מוז זיין שוואַרץ אויף ווייס.

אָבער ווען אַברהם האָט געקויפט אַ שטיקעל לאַנד פון די „בני חת" אויף אַ פאַמיליען־גרוב, שטעהט אין דער היינטיגער סדרה, אַז ער האָט זיך ניט געדונגען מיט זיי, באַצאָהלט דעם פולען פרייז מיט באַרעס געלד און האָט אפילו קיין געשריבענעם קאָנטראַקט פון זיי ניט גענומען, נאָר זיי געגלויבט אויפ'ן וואָרט.

ווען אונזער פאָטער אברהם וואָלט געהאָט אַ געשריבענעם קאָנטראַקט פון זיי, וואָלטען אפשר די איצטיגע אַראַבער קיין חוצפה ניט געהאָט צו שרייען אַז די „מערת המכפלה" באַלאַנגט צו זיי און אַ איד האָט קיין רעכט ניט צוצוטרעטען דאָרטען.

נו, געה זיי אַ חכם און פאַרשטיי דעם כאַראַקטער פון אַ אידען.

דאָ איז ער אַ לעמפערט און רירט זיך ניט פון אָרט,
דאָ איז ער אַ לעמעשקע און גלויבט אויפ'ן וואָרט.

***

גר ותושב אנכי עמכם.

דעם זעלבען גורל וואָס אונזער פאָטער אברהם האָט געהאָט, האָבען מיר אויך. אויף צו נעהמען און צו געניסען די פריווילעגיעס פון

לאַנד, זיינען מיר גרים, פרעמדע. דאַגעגען אָבער צו געבען, זיינען מיר גלייכבאַרעכטיגטע תושבים און דאַרפען געבען וואָס מעהר.

**
*

לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני.

אברהם מאַכט זיין קנעכט אליעזר פאר אַ שדכן און הייסט איהם געהן זוכען אַ שידוך פאר זיין זוהן יצחק.

צוויי שדוכים זיינען אויסגעפירט געוואָרען דורך אַ שדכן. ביי איין שידוך איז דער אויבערשטער אליין געוועז דער שדכן, ער האָט אדם׳ן די כלה חוה געגעבען, און ביי דעם צווייטען שידוך איז אליעזר, אברהם׳ס קנעכט געוועז דער שדכן.

און אַ מערקווירדיגע זאַך: ביי דעם געטליכען שדכן איז דער שידוך ניט אַזוי געראָטען ארויסגעקומען, צוליעב דער כלה׳ס לייכט־זיניגקייט איז דער חתן געצוואונגען געווען צו פארלאָזען דעם גן עדן און זיין וועלטעל איז פארוואנדעלט געוואָרען אין אַ גיהנום.

ביי דעם מענשליכען שדכן אָבער איז דער שידוך גראד יאָ גע־לונגען, ווייל ער האָט זעהר דיפּלאָמאַטיש געהאַנדעלט. ער האָט ניט געזוכט אַ לייכטזיניגע קאָקעטקע מיט אַ שעהן פנים, וואָס זאָל זיך לייכט לאָזען איבעררעדען. ער האָט געזוכט אַן ערנסטע מיידעל מיט אַ גוט האַרץ און אַן איידעלע נשמה, דאַריבער האָט דער שדכן געהאַט ערפאָלג.

**
*

דערצעהלט מיר אַ יונגערמאַן:

ער איז זעהר שטאַרק פארליבט אין אַ מיידעל פון אָרטאָדאָקסישע עלטערען, ווען ער איז געקומען צו איהר פאָטער און זיך מיט איהם פונאַנדערגערעדט וועגען אידישקייט, האָט דער יונגערמאן איהם ער־קלעהרט, אַז זיין אידישקייט באַשטייט ניט פון צערעמאָניעס, פון תפלות, פון וויקלען רצועות, פון קושען מזוזות און פון נאָך אַזעלכע זאַכען, זיין אידישקייט באַשטייט אין גאַנצען אין „בין אדם לחברו״. באַזיצען אַ ריין האַרץ, האָבען אַ גוטען כאַראַקטער און האַנדלען עהרליך מיט

זיינען מיטמענשען. איהר פאַטער אָבער האָט געזאָגט אַז די אַלע מעלות, וואָס ער האָט אויסגערעכענט, זיינען ניט קיין אידישקייט. מען קען צווישען קריסטען אויך געפינען ערליכע מענשען מיט שיינע כאַראַקטערען. אידישקייט מיינט אָפּצוהיטען אַלע מצוות, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געבאָטען, און זיך פיהרען לויט זיין פאַר־שריפט נאָך. אָט די מצוות מאַכען אונז פאר אידען, אַ איד אָהן מצוות איז גאָר קיין איד ניט.

מיין פריינד — האָב איך זיך צו איהם אָנגערופען, — אייערביידענס מיינונג איז ניט ריכטיג, איהר צעטיילט דאָס יודענטום אויף צוויי טיילען, און יעדער פון אייך האָט בלויז אַ העלפט... און אַ העלפט איז כמעט ווי גאָרנישט.

לאָמיר נעהמען צום ביישפיעל, אַ שערל, ווען ביידע קלינגלעך אָדער זייטלעך זיינען צוזאַמען, הייסט עס אַ שערל, ווען אָבער איינער זאָל האַלטען איין זייטעל און דער צווייטער דאָס אַנדערע זייטעל, דאַן איז עס ניט קיין שערל. עפּעס האַלטען זיי טאַקע אין האַנד, אָבער קיין שערל קאָן מען עס ניט רופען.

אידישקייט באַשטייט אויך פון צוויי זייטען: דאָס געטליכע און דאָס מענשליכע. דער איד, וואָס איז זעהר פרום און האָט אַ פאַר־דאָרבענעם כאַראַקטער, ער איז שוין לאַנג פארדאַמט געוואָרען פון אונזערע נביאים. דער איד, ווידער, וואָס באַנוגענט זיך בלויז מיט גוטהערציגקייט און מיט כאַראַקטער, דער איז אויך ניט קיין גאַנצער איד, וואָרום דעם מענשען׳ס כאַראַקטער לאָזט זיך קנעטען ווי טייג. אַזוי לאַנג ווי ער קומט ניט צו קיין נסיון, וועט זיין געוויסען איהם האַלטען ריין און אָרענטליך, קוים אָבער קומט צו אַ שטיקעלע נסיון, וועט איין האַלבער איד רופען דעם שכל צו הילף און זיך מתיר מאַכען געוויסע זאַכען, און דער צווייטער האַלבער איד וועט געפינען אַ פשט׳ל ווי אַזוי צו פארבויגען דעם שלחן ערוך. אַ באַווייז האָבען מיר פון דער היינטיגער סדרה: ווען אברהם האָט בעאויפטראגט זיין קנעכט אליעזר צו זוכען אַ פרוי פאר זיין זוהן, האָט ער איהם געזאָגט,

מענש און תורה

אַז ער וויל האָבען אַ פּרוי פאַר זיין זוהן פון אַ אידישער פאַמיליע. וואָס הייסט פון אַ אידישע פאַמיליע? אויב כאַראַקטער און גוט־האַרציגקייט, האָט ער דאָך געקאָנט געפינען אַזעלכע צווישען זיינע פריינד: ענר, אשכול און ממרא. נאָר אברהם, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט. אברהם, וואָס אין איהם האָבען זיך פאַראייניגט ביידע זייטען פון יודענטום, די געטליכע און די מענשליכע, האָט געזוכט אַ פּרוי פאַר זיין זוהן, וואָס זאָל זיין פרום צו גאָט, און גוט צו לייטען, דאָס הייסט, זי זאָל פאַראייניגען אין זיך אי די געטליכע און אי די מענשליכע זייט פון רעליגיע.

ווען אליעזר אָבער איז אַרויס אין וועג, האָט ער איינגעזעהן, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דעם פונקט פון אמונה, דאָס איז אַ זאַך וואָס מען קען אין אַ קורצע צייט ניט אויסגעפינען, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט די מענשליכע זייט, דאָס הייסט כאַראַקטער און גוט־האַרציגקייט, אויף דעם קען ער זיין אַ מבין, האָט ער גענומען מאַכען אַ פּראָבע מיט'ן וואַסער.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

דער „זהר" זאָגט: אַז תשובה דאַרף זיין מאהבה, פון ליבשאַפט, אָבער ניט מיראה, פון מורא, ווייל תשובה און מורא איז זעהר קליינליך, דאָס פּאַסט פאַר ווייבער און עמי־הארצים. פרעגט זיך די פראגע: אונזערע אַלע נביאים האָבען געפּרעדיגט און געשריגען: „טהוט תשובה, קינדערלעך, אַז ניט וועט דער אויבערשטער אייך שטראָפען". שפּע־טער האָבען אויך אונזערע חכמים גענומען רעדען פון „יראת העונש" — אַז דער אויבערשטער וועט שטראָפען פאַר שלעכטע און זינדיגע טהאַטען. טאָ ווי קומט עס, אַז רבי שמעון בן יוחאי זאָל מאַכען אַ באַמערקונג, אַז בלויז תשובה פון ליבשאַפט איז אָנגענומען ביי דעם רבונו של עולם?

אלס ענטפער אויף זיין פראגע, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט די קעניגליכע עופות:

דר. י. ל. שניצער

אין די שטייגען, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די עופות פאַר דער קעניגליכער קיך, האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אַ ווילדער רויב־פויגעל און האָט גענומען מאָרדען און פארצוקען די אָרעמע עופות.

די עופות האָבען גענומען שרייען און מאַכען געפערליכע קולות. די דינער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון די קולות, און ווען זיי זיינען אריינגעלאָפען אין שטייג, האָבען זיי דאָרטען געפונען אַ גאַנצען חורבן. אייניגע עופות זיינען געלעגען טויט, אייניגע פארוואונדעט, און די איבעריגע זיינען אַרומגעלאָפען אַהין און צוריק איבער׳ן שטייג זעהר דערשראָקען.

ווען דער קעניגליכער דאָקטאָר האָט דערהערט פון דער געשיכטע, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל די איבערגעבליבענע עופות פון שטייג מעהר ניט נוצען פאַר׳ן קעניגליכען טיש, ווייל די אַלע עופות האָבען טויט־שרעק געליטען, און דאָס איז זעהר שעדליך פאַר׳ן קעניג׳ס מאָגען.

דער קוכער האָט געעפענט די שטייג און האָט אַרויסגעלאָזט אלע עופות אין גאַס, דאָרטען האָבען זיך שוין געפונען אַ סך בעלנים, וועלכע האָבען זיך גענומען יאָגען נאָך די עופות, מענער, פרויען און קינדער האָבען זיך געשטופּט, געלאָפען און געריסען, יעדערער האָט געזוכט צו כאַפּען אַן עוף.

דער קעניג איז גראַד געזעסען מיט זיין דאָקטאָר אויפ׳ן באַלקאָן, און דערזויסענדיג זיך וואָס מיט די עופות האָט פּאַסירט, האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם דאָקטאָר:

— ס׳טייטש, ווי אַזוי ערלויבט איהר זיך צו געבען די מענשען די דערשראָקענע עופות? איהר זאָגט דאָך, אַז זיי זיינען געפערליך צום עסען?

— ניט פאַר אַלעמען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — פאַר אייער מאָגען, אַדוני מלך, זיינען טאַקע די עופות אומגעזונד, ווייל אייער מאָגען איז זעהר איידעל, אָבער ניט פאַר די מאָגענס פון די איינפאַכע מענשען, זייערע מאָגענס וועלען די עופות ניט שאַטען, הלואי האָבען זיי אַלע טאָג אַזעלכע עופות, וואָלטען זיי זיך גליקליך געשעצט.

מענש און תורה

רבי שמעון בן יוחאי האָט ארויסגעשטופט תשובה פון מורא פון זיין קבלה־פּאַלאַץ, ווייל פאר אַזאַ גייסטיגען פרינץ ווי ער איז געווען, איז אַזאַ מין תשובה צו קליין געווען. זיין אויפפיהרונג, זיינע מדות טובות און זיינע ערהאַבענע זיטען האָבען ניט געקענט פאר־טראָגען און פארדייהען אַ תשובה פון מורא.

אָבער מיר איינפאַכע פּראָסטע מענשעלעך, אונזער שכל האָט נאָך ניט משיג געווען צו אַזאַ מין ערהאַבענע ליבע, דעריבער איז תשובה פון מורא פאר אונז אויך ניט שלעכט.

תולדות

ויתרוצצו הבנים בקרבה.

אין זייער מוטער׳ס בויך האָבען זיך שוין יצחק׳ס קינדער ארומ־געשטויסען, און די מאַמע רבקה האָט גרויס יסורים געהאָט דערפון. פלעגט זי פארבייגעהן אַ שוהל, האָט זי געפילט אַ צאַפּעל. פלעגט זי פארבייגעהן אַ קירך, האָט זי ווידער געפילט אַ צאַפּעל. האָט זי זיך זעהר דערשראָקען, ווייל זי האָט געמיינט, אַז זי טראָגט איין לייכט־זיניגען תכשיט וואָס ווערט פארצאַפּעלט אי פאַר אַ שוהל און אי פאַר אַ קירך.

ותלך לדרוש את ד״.

איז רבקה געגאַנגען פרעגען די רבנים: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בריאה וואָס צאַפּעלט זיך אַהין און אַהער? האָבען איהר די רבנים געענטפערט: מאַמע רבקה, דאָס ווייזט מען דיר אַ בילד פון דער צוקונפט. עס איז ניט איין בריאה מאַמינקע, נאָר — „שני גוים בבטנך״, צוויי קליינע לומדים וועלען זיך צאַפּלען ביי דיר. „ושני לאומים ממעיך יפרדו״, צוויי געמיינדעס וועלען זיך אויך פון דער אַל־טער אָרטאָדאָקסישער שוהל אָפּשיידען. „ולאום מלאום יאמץ״, יעדע געמיינדע וועט זוכען איבערצושטייגען די אַנדערע מיט „אש־זרה״ און מיט רעפאָרמאַציע. „ורב יעבוד צעיר״ און דער אַלטער ריכטיגער אָרטאָדאָקסישער רב וועט מוזען בויגען זיין קאָפּ פאַר דעם נייעם גייסטיגען קוואַטשער.

***

רעדט זיך אויס פאַר מיר אַ איד זיין שווער ביטער האַרץ:

דער אויבערשטער האָט איהם מזכה געווען מיט אַ צווילינג: צוויי שעהנע געראָטענע טעכטער, וועלכע האָבען אָנגעפיהלט טאַטע

מענש און תורה

מאַמעס האָרץ מיט פרייד, ביידע האָבען געקראָגען די זעלבע ערציהונג אין דער היים, אין סקוהל, אין קאָלעדזש און אין „היברו״. אָבער ווען זיי זיינען אויסגעוואַקסען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ביידע האָבען פונקט אַנטקעגענגעזעצטע נאַטורען. איינע איז אַ שטילע, אַ רוהיגע, אַ געהאָרכזאַמע און אַן ערענסטע און די צווייטע איז גראַד דער היפוך פון איהר: אַ צולאָזענע, אַ ווילדע און זעהר אַ לייכטזיניגע.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז זי פארפיהרט געוואָרען פון אַ שאר־לאַטאַן, אַן אויסוואורף מיט אַ דיפּלאָמע פון דער אונטער־וועלט אלס גענגסטער און רעקעטיר. אום די שאַנדע צו פארדעקען, זיינען זיי געצוואונגען געווען זי חתונה צו מאַכען. ער האָט דעם אויסוואורף אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט און געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען פון איהם אַ שטיקעל מענש צו מאַכען. אָבער דער גענגסטער האָט נאָכגעמאַכט זיין האַנדשריפט, אַרויסגענומען פון באַנק אַ גרויסע סומע געלד און געמאַכט זייער טאָכטער פאַר אַן עגונה.

די צווייטע טאָכטער, ווידער, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרענטליכען מענשען און זיי לעבען זיך גליקליך און צופרידען.

גאַנץ אָפט רעדט ער איבער מיט זיין ווייב און זיי פרעגען זיך די פראַגע: דאַכט זיך ביידע טעכטער האָבען געקראָגען ביי זיי אַ גלייכע דערציהונג, טאָ ווי קומט עס וואָס איינע איז אויסגעוואַקסען אַנדערש ווי די אַנדערע?

מיין פריינד! — האָב איך זיך צו איהם אָפּגערופען — וועגען דער פארשידענהייט צווישען די אינדיווידוען פון דער מענשען־ראַסע גיט די וויסענשאַפט פאַרשידענע מיינונגען. מאַנכע געלערענטע ערקלעהרען, אַז די פארשידענע כאַראַקטערען פון מענשען קומען בירושה פון עלטערען, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ זיידע, אַ באָבע, איז געווען אָנגעשטעקט מיט די פעהלערען, האָבען זיי דאָס איבערגעגעבען די צוקונפטיגע דורות אַ מתנה.

מאַנכע אָבער ערקלעהרען, אַז עס ווענדט זיך אָן דער דערציהונג, וואָס זיי קריגען, ווען אַ מענש ווערט געבוירען, איז אין איהם ניטאָ קיין מעלות אָדער חסרונות, ער איז ווי אַ ריינע שטיק פּאַפּיר, וואָס ווערט

מענש און תורה

שפעטער פארשריבען פון זיין סביבה, פריינד, ערציהער, געזעלשאַפט און לאַנד, יענע פארקירעוועז איהם צו גוטע טהאַטען, אָדער שלעכטע טהאַטען, דאָס הייסט, די מענשען זיינען דאָס, וואָס די ערציהער האָבען פון זיי געמאַכט.

קומט אָבער אונזער תורה אין היינטיגער סדרה און דערלאַנגט אונז גאָר אַן אַנדער מין פילאָזאָפישע טעאָריע, אַז דער כאַראַקטער פון אַ מענשען קומט ניט בירושה און אויך ניט דורך ערציהונג, נאָר דורך זיין אייגענעם ווילען, דאָס הייסט, אַז דער מענש איז דאָס, וואָס ער מאַכט פון זיך אליין.

צוויי קינדער זיינען געבוירען געוואָרען ביי יצחק און רבקה׳ן, טאַטע מאַמע, דער זיידע און די באָבע, זיינען געוועז צדיקים פון דער העכסטער מדרגה און זיי האָבען געוויס אויך געגעבען זייערע קינדער אַ ריכטיגע גוטע ערציהונג, צום סוף זיינען די קינדער גאָר אויסגע־וואָקסען מיט צוויי פאַרשידענע כאַראַקטערע.

ווי קען מען דאָס ערקלעהרען? אַנדערש ניט, אַז יעדער פון די צוויי קינדער האָט אַליין געבויט און ענטוויקעלט זיין כאַראַקטער. „ויגדלו הנערים ויהי״, די קינדער זיינען אויסגעוואָקסען. עס שטעהט ניט, אַז יצחק האָט איינעם געמאַכט פאַר אַ „יושב אוהלים״ און דעם צווייטען פאר אַ „יודע ציד״, פאר אַ יעגער, נאָר עס שטעהט „ויהי״, זיי זיינען אליין געוואָרען. קורץ, דער מענש איז דאָס, וואָס ער מאַכט פון זיך אליין. (נאָך ש. ר.).

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אין דער היינטיגער סדרה שטעהט: אַז אַבימלך דער קעניג פון די פלישתים, האָט יצחק׳ן פון זיין לאַנד אַרויסגעטריבען, „לך מעמנו״, האָט ער צו איהם געשריען, געה פון אונז!... מיר ווילען דיך ניט האָבען!... שפעטער אָבער, ווען אַבימלך זוכט יצחק׳ס פריינדשאַפט, זאָגט ער צו איהם: „כאשר לא נגענוך״, אַזוי ווי איך האָב דיר ניט אָנגעריהרט, דעריבער דאַרפסטו מיר זיין אַ גוטער פריינד. פרעגט זיך די פראַגע: מען נעהמט אַ מענשען וועלכער האָט זיך איינגעפונדעוועט

מענש און תורה

אין אַ געוויסען לאַנד, מען צוברעכט איהם און מען יאָגט איהם אַרויס, צום סוף גיט מען זיך אַ זאָג: „לא נגענוד", איך האָב דיר גאָרניט אָנגעריהרט, הייסט דאָס נאָך וויניג שלעכטס געטאָן?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם לייב:

אַ לייב, וועלכער איז זעהר הונגעריג געווען, האָט פרעסענדיג דאָס פלייש פון אַ פארצוקטע חיה, זיך גענומען ווארגען, עס איז איהם געבליבען שטעהן אַ ביין אין האלז און ער האָט עס ניט געקענט ארויס־נעהמען, איז ער אומגעלאָפען אַ פארצווייפעלטער אין וואַלד און גע־שריען:

„ווער עס וועט מיר אַרויסנעהמען דעם ביין פון האַלז דער וועט פון מיר קעניגליך באַלוינט ווערען"!...

האָט דערהערט אַ געוויסער פויגעל מיט אַ לאַנגען שנאָבעל דעם לייב׳ס אויפרוף. איז ער שנעל געקומען צו לויפען, אריינגעשטעקט זיין לאַנגען שנאָבעל אין דעם לייב׳ס פיסק, אַרויסגענומען דעם ביין און זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטען.

— אויף וועמען וואַרטסטו? — האָט דער לייב צו איהם אַ זאָג געטאָן, — דו האָסט אָפּגעטאָן דיינע אַרבייט, שטעל פיס און מאַך אַ ויברח!

— וואָס הייסט איך זאָל מאַכען אַ ויברח? — האָט דער פויגעל מיט׳ן לאַנגען שנאָבעל זיך צו איהם אָפּגערופען, — דו האָסט דאָך עפּעס צו־געזאָגט צו געבען אַ באַלוינונג דעם יעניגען וואָס וועט דעם ביין פון דיין האַלז אַרויסנעהמען, איך האָב דעם ביין אַרויסגענומען, וואַרט איך אויף מיין באַלוינונג.

— וואָס? אַ באַלוינונג ווילסטו האָבען? — האָט דער לייב ציניש אַ זאָג געטאָן, — עס איז אַ גאַנץ גענוגענדע באַלוינונג פאַר דיר, וואָס דו האָסט געהאַט דיין שנאָבעל ביים לייב אין פיסק און דו ביזט פון דאָרטען אַרויס אַ לעבעדיגער...

אַט דאָס האָט אויך אַבימלך געזאָגט צו יצחק׳ן, דערמאָן זיך נאָר וואָס פאר אַ גוטסקייט מיר האָבען געטאָן מיט דיר, „כאשר לא נגענוך",

דר. י. ל. שניצער

מיר האָבען דיך ניט אָנגעריהרט, דו ביסט אַוועק פון מיין לאַנד מיט גאַנצע ביינער. אָט דערפאר דאַרפסטו מיר דיין פריינדשאַפט אַרויס־ווייזען.

מיט דעם „לא נגענוך״ ווידער, נעהמען זיך אויך איצט איבער מאַנכע ציוויליזירטע לענדער און זאָגען נאָך אַבימלך׳ס ווערטער:

זעהט נאָר דעם חסד וואָס מיר טוהען מיט אייך,
מיר לאָזען אייך אָטעמען מיט אונז גלייך,
אין אַנדערע לענדער איז טריף אייער נאָמען,
מען פאַרפאָלגט אייך מיט האַס, מיט רויב און פאָגראָמען,
מיר אָבער זיינען אַ ליבעראַלע נאַציאָן,
מיר ריהרען אייער קערפער קיינמאָל ניט אָן.
עס מאַכט זיך אַמאָל מיר דערלאַנגען אַ דרשה,
מיט אַביסעל קריטיק וועגען אייער פרנסה,
און גאַנץ אָפט דערצו אַ פּאָר גיפטיגע ווערטער,
פאַרין שטופען זיך שטענדיג אין אונזערע ערטער.
דו מעגסט טאַקע זיין אַן אתה בחרתנו,
אָבער ניט ביי אונז איציק... און לך מעמנו!...
זיי נאָר מיט אונז ניט צופיעל קיין מחותן,
דאָס אַלץ וואָס מיר בעטען פון דיר איצט מיט גוטען.
און דאַנקבאַר דערפאר דאַרפסטו זיין די מלוכה,
דו ליגסט אין לייבים ציינער, און לא נגענוך!...

ויצא

ויצא יעקב.

וואַנדערט, נעביך, אַרום יעקב אַ גאַנצען טאָג איינזאַם און פאַר־לאָזען. ביינאַכט, ווען ער לייגט זיך שלאָפען, חלומ׳ט זיך איהם אַ זאָנדערבאַרער חלום און ער הערט ווי גאָט זאָגט צו איהם, אַז זיינע קינדער וועלען זיין גרויס און מעכטיג און די וועלט וועט זיך בענשען מיט זיי, „און דיך, יעקב, וועל איך ניט פארלאָזען, איך וועל דיך היטען און שיצען אויף יעדער טריט און שריט״.

דאַכט זיך, זעהר אַ שעהנע הבטחה, וואָס האָט געדאַרפט יעקב׳ן צופרידענשטעלען. צום סוף לאָזט זיך אויס: ווען יעקב כאַפט זיך אויף, גיט ער זיך אַ נדר אויף פיער זאַכען: 1) אויב גאָט וועט זיין מיט מיר; 2) ווען ער וועט מיך היטען אין דיזען וועג אין וועלכען איך געה; 3) ווען ער וועט מיר געבען ברויט צו עסען און אַ קלייד אָנ־צוטאָן, און 4) ווען ער וועט מיר אומקערען צוריק בשלום אין מיין פאָטער׳ס הויז, דאַן וועל איך אַנערקענען, אַז דער הער גאָט איז מיין גאָט.

פרעגט זיך אַ פראַגע: ווי קומט עס, אַז נאָך אַזאַ שעהנער הבטחה וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבען אין חלום, זאָל יעקב, דער מאמין שטעלען דעם אויבערשטען אַזעלכע תנאים? און ווען זאָגאַר ער זאָל איהם אפילו ניט געבען די פיער זאַכען, דעריבער איז ער ניט זיין גאָט? נאָר דער תירוץ איז: יעקב האָט טאַקע געהאַט דאָס פולע צוטרויען צו דעם אויבערשטענ׳ס הבטחה, נאָר ער האָט געצווייפעלט אין זיך אַליין, צו ער וועט אימשטאַנד זיין אַריבערצוטראָ־גען די אַלע גלות יסורים און בלייבען דער זעלבער גלוביגער ווי געווען.

יעקב האָט געפיהלט, אַז אין זיין לעבען שפיגעלט זיך אָפּ די געשיכטע פון זיינע קינדער. „מה שאירע לאָבות אירע לבנים״, וואָס

דר. י. ל. שניצער

עס פּאַסירט מיט עלטערען, פּאַסירט מיט קינדער. זיינע קינדער ווע־לען אויך פאַרלאָזען זייער פאָטער׳ס הויז און וואַנדערען אין גלות, זייער וועג וועט אויך זיין פול מיט ווילדע חיות, מיט ווילדע רויב־טהירע וואָס וועלען זוכען זיי צו פארצוקען, זייער עקאָנאָמישע לאַגע וועט אויך זיין זעהר ביטער, מען וועט זוכען דעם לעצטען ביסען ברויט פון זייער מויל אַרויסצורייסען, זייער איינציג שטיקעל האָפנונג וועט זיין, זיך נאָך אַמאָל צוריקצוקעהרען צו זייער פאָטער׳ס הויז.

אָט פאַר די פיער זאַכען האָט זיך דער אַלטער טאַטע אונזערער זעהר פיל געשראָקען.

1) „אם יהיה אלהים עמדי״, אויב די געטליכקייט וועט שטענדיג זיין מיט ישראל׳ן.

2) „ושמרני בדרך הזה אשר אָנכי הולך״, אויב די געטליכקייט וועט האָבען אויף איהם אַ ווירקונג, אַז ער זאָל מיט געדולד אַריבער־טראָגען זיין פינסטערען ביטערען גלות און זיין שטענדיגען וואַנדערען.

3) „ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבוש״, אַז ער זאָל האָבען זיין ברויט און זיין קלייד, די עקאָנאָמישע פראַגע אין גלות זאָל זיין אידישקייט ניט אָפּשוואַכען.

4) „ושבתי בשלום אל בית אָבי״, דער גלות זאָל זיין האָפנונג אויף דער גאולה ניט אָוועקרויבען, „והיה ד׳ לי לאלהים״, דאַן וועל וויסען, אַז דו ביסט שטענדיג מיט אונז. און אַז דו ביסט מיט מיר, האָב איך פאַר׳ן גלות קיין מורא ניט.

און יעקב׳ס נדר איז מקוים געוואָרען. אַזוי ווי ער אליין האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין לעבען און אויסדויער צו אַן אידעאַלער קראַפט — זיין שטאַרקען גלויבען, אַזוי האָבען אויך זיינע קינדער זייער לאַנגען לעבען און אויסדויער צו פאַרדאַנקען זייער גייסטיגע וועלט.

גאָט האָט באַשאַפען דעם אידען, אַז אויסער דער מאַטעריאַלער וועלט, אין וועלכער ער לעבט, בויט ער נאָך פאַר זיך אויך אויס, אַן אייגען גייסטיגע וועלטעל, וואָס ער האַלט באַהאַלטען אין זיין מוח און איינגעשלאָסען אין זיין האַרצען. און ווען עס ווערט איהם ענג אין זיין

מענש און תורה

מאַטעריעלער, וואַכעדיגער וועלט, שפּרייט ער אויס די פליגלען פון זיין גייסט און פליהט אַוועק אין זיין אידעאַלער וועלט.

יאָ, יעקב׳ס בקשה איז אָנגענומען געוואָרען. דער „ויהי ד׳ לי לאלהים״, איז געוועזן און עס וועט זיין דעם אידענ׳ס גייסטיגע פעסטונג וואָס האָט איהם געשיצט פון אונטערגאנג, דער „והיה ד׳ לי לאלהים״ האָט איהם געגעבען קראַפט אַריבערצוטראָגען אַלע זיינע צרות און איינפלאַנצען האָפנונג, גרויסע האָפנונג אויף אַ גליקליכען צוקונפט. (נאָך ש. ר.).

***

„ויצא יעקב״, שוין צוויי טויזענד יאָהר ווי ישראל האָט פאַרלאָזען זיין פאָטער׳ס הויז און וואַנדערט אַרום אין מדבריות, אין פאַרשיעדענע גלות־לענדער.

„ויפגע במקום״, גאַנץ אָפט באַגעגענט ער אויך אַ געוויסען פלאַץ און דענקט דאָרטען אַ מקום מנוחה צו געפינען. פּלוצלונג אָבער, „כי בא השמש״, געהט אונטער די זון און ער בלייבט אין דער פינסטער.

„ויקח מאַבני המקום״, קיין ריכטיגען געלעגער האָט ישראל ניט, נאָר שטיינער, שטיינער לעגט ער אונטער צו קאָפּענס — און אַפילו די שטיינער האַרמאָנירען אויך ניט צוזאַמען; דער וויל ווערען דער הויפּט קאָפּ־שטיין און דער וויל ווערען דער הויפּט קאָפּ־שטיין.

„ויחלום״, און ישראל ליגט אויף זיין האַרטען געלעגער און חלומ׳ט. מען ווייזט איהם אין חלום אַז די וועלט איז ווי אַ לייטער, מאַנכע געהען אַרויף און מאַנכע געהען אַרונטער און מען טרייסט איהם דערביי, אַז דאָס לאַנד, וואָס מען האָט זיינע עלטערען צוגעזאָגט, וועט זיין זיינס, און ער וועט דאָרטען אויפגעריכט ווערען.

„ויקץ יעקב משנתו״, האָט זיך יעקב אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און האָט זאָג געטאָן: „רבונו של עולם! אויב דו ווילסט מיר געבען ברויט, זאָל עס זיין „לאכול״, איך זאָל עס קענען עסען. אויב דו ווילסט מיר געבען אַ קלייד, זאָל עס זיין „ללבוש״, איך זאָל עס קענען אָנטאָן. אויב דו ווילסט מיר אומקעהרען צוריק אין מיין היים, זאָל

דר. י. ל. שניצער

עס זיין „בשלום״, אין פרידען, אָהן מחלוקת און אָהן פרוד לבבות, דאַן וועל איך וויסען אַז דו ביזט מיין העלפער, מיין רעטער און מיין ער־לייזער, אָבער קאָרמע מיך ניט מיט דעקלאַראַציעס. איך בין מיעד, מיעד פון די אַלע דעקלאַראַציעס און צוזאָגענישען. אַט האָט מען מיר ניט לאַנג צוריק דערלאַנגט אַ „באַלפור דעקלאַראַציע״, וואָס פאַר אַ פנים האָט זי? אַ שטומע מצבה איז די דעקלאַראַציע געוואָרען, אַ מצבה אויף די קברים פון אונזערע געפאַלענע לעגיאָנערען״.

„והאבן הזאת״, און פון די מצבה־שטיינער „יהיה בית אלהים״, וועט זיך דאָס בויען דיין געטליכע הויז?

ניין, גאָטעניו! פון מצבה־שטיינער קען מען קיין לאַנד ניט בויען. אַ מצבה־שטיין ברענגט נאָר ארויס אַן אָנדענקונג, אַ קרעכץ און אַ זיפץ... צו בויען אַ לאַנד מוז מען האָבען אחדות און באַגייסטע־רונג, און די ביידע זאַכען פעהלען ביי אונז.

און קיין וואונדער ווידער, איז דאָס אויך ניט. „וכל אשר תתן לי״, דאָס וואָס דו גיסט מיר, „עשר אעשרנו לך״, גיב איך דאָס דיר אָפּ צוריק. דו קאָרמעסט אונז מיט דעקלאַראַציעס, דינען מיר דיך אויך מיט דעקלאַראַציעס. אַנשטאָט די אמת׳ע ריכטיגע עבודה, דערלאַנגט מען דיר אַ „סוירמאָן״ פון אָרגעל־טענער און שיקסעס־געזאַנג, און אַ קרעכץ און אַ זיפץ אויף דעם „ותחזינה עינינו״.

יעקב קומט קיין חרן, טרעפט ער דריי פּאַסטוכער ביי אַ ברונעם וואָס איז צוגעדעקט מיט אַ גרויסען שטיין, דריי פּאַסטוכער קענען דעם שטיין פון ברונעם ניט אַרונטערקייקלען און מוזען ווארטען, ביז דער צאַרטער יעקב זאָל לייזען פאַר זיי דעם פּראָבלעם.

דעם „סאָציאַלען פּראָבלעם״ האָט געלייזט אַ יאַנקעל מיט׳ן נאָמען „קאַרל מאַרקס״. דעם פּראָבלעם פון „גראַוויטאַציע און רוים״ (ספּייס) האָט געלייזט אַ יאַנקעל מיט׳ן נאָמען איינשטיין. דעם פּראָבלעם פון „טי ען טי״, — אַ יאַנקעל מיט׳ן נאָמען וויצמאַן. אויף דער מעדי־ציינישער וועלט — אַ יאַנקעל מיט׳ן נאָמען עהרליך און נאָך אַזעלכע.

אַט אַזוי טרעפט זיך פון דור צו דור, אַז אָהן אַ יאַנקעל קען קיין פּראָבלעם ניט געלייזט ווערען. ביי יעדען שווערען שטיין קומט

מענש און תורה

פון ערגעץ אַ יאַנקעל, קייקעלט איהם אַרונטער און טרינקט אָן לבן׳ס שעפסען.

**
*

אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביז׳ן הימעל. „סולם״ איז בגמטריא „ממון״, געלט. דאַכט זיך, „מוצב ארצה״, ער שטעהט אויף דער ערד, עס איז אָן איינפאַכע ערדישע מעטאַלענע מאַכערייקע אָבער „וראשו מגיע השמימה״, זיין קראַפט גרייכט ביז׳ן הימעל. „והנה מלאכי אלהים״ און דעם אויבערשטענ׳ס באַשעפענישען „עולים ויורדים בו״, געהען אַרויף און אַרונטער... מען מאַכט אַ פּאָר דאָלאַר און מען פאַרלירט זיי. ניט אומזיסט זאָגט דאָרטען דער פּאָעט:

די וועלט איז אַ לייטער,
מיט טרעפּען אַ סך;
אָט דאַכט זיך, געהט ער
אַרויף ביז׳ן דאַך,
פּלוצלונג אַ וואַקעל,
אַ דרעה און קעהר,
און דער סך הכל
איז: אויס מיליאָנער.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אונזערע חכמים זאָגען: „בשלשה דברים אדם ניכר, בכוסו, בכיסו ובכעסו״, מיט דריי זאַכען קאָן מען אַ מענשען דערקענען. ווען ער איז באַטרונקען, ווען ער עפענט זיין טייסטער, און ווען ער איז אין כעס. מילא, ווען איינער איז שכור אָדער אין כעס, קאָן מען זעהר גוט דערקענען וואָס פאַר אַ מין מענש ער איז, אָבער ווי אַזוי קען מען אַ מענשען דערקענען נאָך זיין טייסטער נאָך? ער קאָן שעהנע מענ־שען, וואָס האַלטען דעם טייסטער זעהר פעסט, ער קאָן ווידער פאַר־דאַרבענע מענשען, וואָס וואַרפען זיך מיט געלד רעכטס און לינקס.

דר. י. ל. שניצער

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם קאַראַבעלניק:

אַ מלך איז אַמאָל געפאָרען אויפ׳ן וועג, האָט ער אָנגעטראָפען אַ אידישען קאַראַבעלניק מיט אַ שווערען פּאַק אויף זיינע פּלייצעס. רופט ער איהם צו און זאָגט צו איהם: „ווען דו וואָלסט זיך בעסער אויס־געלערענט עפּעס אַ מלאכה, וואָלסטו דאָך איצט פאַרשפּאָרט צו שלע־פּען אַזאַ שווערען פּאַק אויף דיינע פּלייצעס".

ענטפערט איהם דער איד:

„אַדוני המלך, אַז עס איז ניטאָ קיין הצלחה, העלפט ניט קיין מלאכה. אָט, צום ביישפּיל, בין איך זעהר אַ גרויסער מבין אויף פערד, אויף דימענטען און אויף מענשען. און דאָך מוז איך געהן מיט דעם פּאַק אויף מיינע פּלייצעס, ווייל דער עולם האָט צו מיר קיין צוטרויען ניט".

„גוט! — האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט, — איך וועל אויס־פּרובירען דיינע קענטעניששען. קום מאָרגען אין מיין פּאַלאַץ, איך האַלט אין קויפען אַ רייט־פערד, וועל איך זעהן דיין מבינות".

ווען דער איד איז געקומען אין פּאַלאַץ, האָט ער דערזעהן ווי דער קעניג שטעהט מיט אַ מאַן און יענער האַלט אַ פערד פאַר׳ן צוים און פאַרלאַנגט פאַר איהם דריי טויזענד דאלאר, זאָגט דער איד צום קעניג:

„אַדוני המלך, קויף ניט דאָס פערד, ווייל עס האָט אַ נאַטור אַראָפּצוואַרפען זיינע רייטער פון זיך".

דער קעניג האָט געהייסען זיינעם אַ רייטער זיך אַרויפזעצען אויפ׳ן פערד און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָט מען טאַקע געבראַכט דעם רייטער מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ. דער קעניג האָט געעפענט זיין טייסטער און האָט געגעבען דעם אידען פינף און צוואַנציג דאלאר אַ מתנה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער קעניג געוויזען דעם אידען דימענטען, פאַר וועלכע מען פאַרלאַנגט אַ מיליאָן דאלאר. דער איד האָט אַ קוק געטאָן אויף די דימענטען און געזאָגט, אַז זיי זענען אפילו

מענש און תורה

אַ פערטעל מיליאָן דאלאר אויך ניט ווערט. דער קעניג האָט געשיקט רופען אַ פּאָר דימענטען־הענדלער און זיי האָבען געזאָגט דאָס זעלבע וואָס דער איד האָט געזאָגט. דער קעניג האָט ווידער געעפענט זיין טייסטער און האָט דערלאנגט דעם אידען נאָך אַ פינף־און־צוואַנציגער.

ווען דער קעניג איז געבליבען מיט דעם אידען אליין, האָט ער צו איהם אַ זאָג געטאָן:

„אויף פערד און אויף דימענטען האָב איך אויסגעפונען, אַז דו ביזט טאַקע אַ מבין, איצט וועל איך זעהן אויב דו ביזט אַ מבין אויף מענשען. האָב קיין מורא ניט און זאָג מיר דעם אמת, וואָס פאַר אַ מענש בין איך״ ?

„אַדוני המלך, — האָט דער איד גענומען שטאַמלען — עס איז מיר אַפילו זעהר שווער צו רעדען, נאָר אַז דו פארלאַנגסט, וועל איך דיר זאָגען, דו ביזט ניט געבוירען געוואָרען פון אַדעל, נאָר פון איינפאכע פּראָסטע מענשען״.

דער קעניג האָט איהם געהייסען וואַרטען אַ ווײַלע און איז אריינ־געלאָפען צו זיין מוטער און האָט פון איהר אַרויסגעקראָגען דעם אמת, אַז זי האָט געליעבט איהר קאַמער־דינער און דער פּראָסטער פּויער איז געוועזען זיין ריכטיגער פאָטער.

ווען דער קעניג איז אריין צוריק צום אידען, האָט ער איהם אַ פרעג געטאָן:

„מילא אויף פערד און אויף דימענטען קען זיין, אַז דו ביזט טאַקע אַ מבין, אָבער פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז איך בין ניט געבוירען פון אַדעל״ ?

„עס איז אַן איינפאכער שכל, אַדוני קעניג! — האָט דער איד איהם געענטפערט, — איך האָב דיר גערעטעוועט פון טויט ביים פערד און אויך מציל געווען פאר דיר אזוי פיעל געלד פון די דימענטען. ווען דו וואָלסט געווען פון אַדעל, האָסטו מיר געדאַרפט געבען ווע־ניגסטענס דערפאַר אַ פּאָר טויזענד דאלאר. דו אָבער האָסט זיך געקראַצט און געקראַצט און מיר דערלאַנגט אין גאַנצען פופציג דאלאר. אָט דערפון האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דו שטאַמסט ניט פון קיין אַדעל״.

וישלח

ויותר יעקב לבדו.

יעקב איז געבליבען אליין, „ויאבק איש עמו״, האָט זיך אַ מאַן גע־נומען ראַנגלען מיט איהם. איז דאָ איין מיינונג אין דער גמרא, אַז דער מאַן האָט אויסגעקוקט אין יעקב׳ס אויגען אזוי ווי אַ גוי. דער צווייטער זאָגט, אַז ער האָט אויסגעקוקט אין יעקב׳ס אויגען ווי אַ תלמיד חכם. פרעגט זיך די פראגע: וואָס איז דער אונטערשיעד ווי אַזוי דער ראַנגלער האָט אויסגעקוקט? נאָר דער תירוץ איז: אין דעם קאַמף שפיגעלט זיך אויך אָפּ די טראַגעדיע פון אונזער איצטיגען גלות.

אין פארלויף פון אונזער לאַנגען שטורמישען גלות־וועג באַווייזען זיך אין מאַנכע לענדער צווייערליי אידישע פייניגער. איינפאַכע, פּראָסטע פּאָגראָמטשיקעס און געלערענטע תלמידי חכמים, זיי שטעלען זיך אַרויס אַלס גרויסע מלומדים און אויטאָריטעטען אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אידישקייט, זיי זוכען אויפצואווייזען אויפ׳ן גרונד פון פאַלסיפיצירטע מאמרים פון תלמוד, אַז די אידישע אמונה איז שעדליך און פאַרדאָרבען, זיי פארדרעהען די אמת׳ע כונה פון אונזערע תנאים און אמוראים, כדי זיי זאָלען אויסקוקען לעכערליך, און פּאַסען עס צו צו זייערע בייזוויליגע צילען, אַז די אידישע אמונה פּרעדיגט האַס און פאַראַכטונג צו די אָנהענגער פון אַנדערע גלויבענס.

אָט די גרויזאַמע פאַלגען פון אַזעלכע בלבולים זיינען שוין משמעות אויך געווען אין יעקב׳ס צייטען. „ויותר יעקב לבדו״, יעקב איז אויפ׳ן וועג פון זיין וואַנדערען געבליבען אליין, איינזאַם, פארלאָזען פון די אַנדערע אומות. „ויאבק איש עמו״, איז ער אָנגעגריפען גע־וואָרען פון אַ געגנער. איינער זאָגט, אַז ער האָט זיך באַנומען אַנט־

מענש און תורה

קעגען איהם ווי אַ היידאמאק, וואָס פּלינדערט, שלאָגט און מאָרדעט. דער צווייטער זאָגט, אַז ער האָט זיך באַנומען אַנטקעגען איהם ווי אַ תלמיד־חכם, ווי אַ געלערענטער, וואָס העצט די מאַסען מיט אַנטי־סעמיטישע רעדעס, אַז דער איד איז אַ גנב, אַ שווינדלער, אַ הויט־שינדער און אַ פּיאַווקע, און די אידישע אמונה איז אַ קוואַל פון דער־מאָראַליזאַציע און זיטענלאָזיגקייט.

„וירא כי לא יכל לו", ווען דער פינסטערלינג האָט געזעהן, אַז מיט פאָגראָמען און ווילדע העצעס קען ער איהם ניט בייקומען, „ויגע בכף ירכו", האָט ער אָנגעגריפען דעם שפּיץ־פּונקט פון יעקב'ן, עקאָ־נאָמיש איהם צו פארניכטען, יעקב'ס עקזיסטענץ אונטערצוגראָבען, דעם באָדען פון זיינע פיס אַוועקצורוקען און דעם ביסען פון זיין מויל אַרויסצורייסען.

***

מען דערציילט, אַז דער חתם־סופר וועלכער האָט אין זיין צייט געקעמפט זעהר שטאַרק געגען דער רעפאָרם־באַוועגונג, האָט פאר־ענטפערט ביידע „מאן דאָמר'ס" פון דער גמרא: ביידע האָבען געזאָגט זעהר ריכטיג, ווייל דער ראַנגלער האָט זיך באַוויזען צו יעקב'ן אין דעם געשטאַלט פון אַ רעפאָרם־ראביי, וועלכער פיהרט זיך אויף ווי אַ תלמיד־חכם.

***

ויזרח לו השמש... והוא צולע על ירכו.

ווען די זון האָט אַ שיין געטאָן אויף יעקב'ן, האָט ער דערזעהן, אַז ער הינקט אויף אַ פוס, שוין אַן אַלטע, אַלטע קראַנקהייט ביי אונז אידען. קוים שיינט אויף איינעם אַרויף די זון פון הצלחה, אַזוי פאַנגט ער באַלד אָן אונטערצוהינקען אין אידישקייט...

***

וישקהו ויבכו.

יעקב און עשו האָבען זיך געקושט און געוויינט. פרעגט זיך די די פראגע: מילא, יעקב האָט געוויינט, איז פארשטענדליך, עס האָט

דר. י. ל. שניצער

איהם ווען געטאָן וואָס ער האָט געמוזט עשו'ן געבען אַ מתנה. אָבער וואָס האָט עשו געווינט? נאָר דער תירוץ איז: עשו האָט געווינט וואָס די מתנה איז געשיקט געוואָרען דורך שלוחים, דורך דעלעגאַ־טען. עשו'קע האָט געוואוסט, אַז קוים ווערט אַ מנחה געפיהרט דורך פרעמדע הענד, איז ביז עס קומט אָן אויפ'ן ריכטיגען אָרט, בלייבט דערפון קיין העלפט אויך ניט.

**
*

מנחה לעשו.

עס איז דאָס לעצטע העמד אָוועקצוגעבען, אָבי נאָר אַ רייכער מאַן צו זיין. מען דאַרף ניט מעהר, אַזאַ שעהנער חשוב'ער איד ווי אונזער פאָטער יעקב, האָט אויך געזוכט צו געפינען חן אין זיין רייכען ברודער עשו'ס אויגען. ער האָט איהם נאָך אַפילו מיט אַ „מנחה" אויך מכבד געוועזן.

אין איין וועג אָבער האָט אונז דער אַלטער טאַטע יעקב זעהר אַ גרויסע טובה געטאָן, ער האָט אונז געגעבען אַ וואונק, אַז מיר אידען אין גלות דאַרפען אימער זיין באַזאָרגט מיט אַ געהעריגען „מנחה לעשו", אַ „לא יחרץ־געלד" פאַר די גרויסע און די קליינע עשו'לעך, ווייל אָן דעם וועט פאַר אונז אונמעגליך זיין אַריבערצוטראָגען די שווערע ביטערע גזרות פון עשו'ס זיסער משפחה.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ביי יעדער געלעגענהייט דערצעהלען אונז אונזערע אידישע וועכ־טער, אַז מיר מוזען שטענדיג זיין אויף דער וואַך און היטען, אַז אין אַמעריקא זאָל זיך ניט ענטוויקלען אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע אזוי ווי אין אייראָפּאַ. פרעגט זיך די פראַגע: ווי מיר ווייסען, באַשטייט אַמעריקא דורכאויס פון אימיגראַנטען וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַהער פון פוילען, פון רוסלאַנד, פון רומעניען, פון גאַליציע, פון דייטשלאַנד, פון יאַפּאַן, פון כינע און פון נאָך לענדער. פונדעסטוועגען האָט קיינער פון זיי קיין מורא ניט פאַר קיין ראַסען־האַס. מיר אידען

מענש און תורה

אָבער געהען שטענדיג אַרום אין איין שרעק, אין איין מורא, טאָמער, טאָמער וועט מען אונז דאָ אויך אָנפאַנגען צו האַסען ווי אין אַנדערע לענדער. פארוואָס שרעקען מיר זיך עפּעס מעהר ווי די אַלע אַנדערע נאַציאָנען?

אלס ענטפער אויף זיין פראגע, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם געשטאָרבענעם מלאך:

משה'לע איז געווען איין־און־איינציגער ביי זיינע עלטערען. טאַטע־מאַמע פלעגען איהם קוקען אין די אויגען און נאָכגעגעבען איהם אַלץ וואָס ער האָט פארלאַנגט.

פיהרענדיג איהם דאָס ערשטע מאָל אין חדר, האָט זיין מאַמע איהם דערצעהלט, אַז עס איז דאָ אין הימעל אַ גוטער מלאך, וואָס ווארפט פאר גוטע קינדערלעך וואָס ווילען לערנען, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. „לערען מיט חשק, משה'לע, וועט דער גוטער מלאך דיר אויך שענקען זיינע זיסע מתנות".

און משה'לע האָט געטאָן דער מאַמע'ס רצון, ער האָט געלערענט מיט התמדה און דער רבי פלעגט איהם טאַקע נאָך יעדען לערנען דערלאַנגען אַ בייטעלע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און זאָגען, אַז דער גוטער מלאך האָט דאָס איהם פון הימעל אַראָפּגעוואָרפען.

ווען זיין מאַמע איז געשטאָרבען, האָט משה'לע שוין געקענט גוט עברי זאָגען, אָבער וואָס „שטאַרבען" איז, דאָס האָט ער נאָך ניט געוואוסט. ער האָט נאָר געזעהן ווי מען האָט זיין מאַמען אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, צוגעדעקט זי מיט אַ שוואַרצען צודעק, צוקאָפּענס האָבען געברענט ליכט אין די מעשענע לייכטער, נאָכדעם איז צוגעקומען אַ שוואַרצער וואָגען און האָט זיין מאַמען אַוועקגעפיהרט.

קומענדיג אין חדר, האָט ער געהערט ווי זיינע חברים רעדען צווישען זיך, אַז מען טאָר איהם מעהר ניט שלאָגען, ווייל ער איז אַ יתום. דער באַהעלפער אָבער האָט דערויף ניט געקוקט, ער האָט איהם יאָ גענומען דערלאַנגען ביסלעכווייז אַ פּאָר קלעפּ, און דער מלאך האָט אויפגעהערט איהם ווארפען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

דר. י. ל. שניצער

שפּעטער האָט זיין טאַטע געבראַכט אַ אידענע און אַ איינגעל אין הויז און האָט צו איהם געזאָגט: „משה'לע, דאָס איז דיין נייע מאַמע, און דיין נייער ברודער חיימ'קע".

דאָס וואָס ער האָט אַ נייע מאַמע, האָט איהם ניט געוואונדערט, אַז יענע מאַמע איז געשטאָרבען, דאַרף ער האָבען אַן אַנדערע אויף איהר אָרט, אָבער צו וואָס דאַרף ער האָבען אַ ברודער, חיימ'קע?

נאָך מעהר האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס דער רבי אין חדר האָט געגומען געבען זיין נייעם ברודער חיימ'קען אַ בייטעל ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט דעם רבי'ן אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר נאָר, רבי, דאַכט זיך, איך לערען דאָך אויך אַזוי גוט ווי מיין נייער ברודער חיימ'קע, פאַרוואָס גיט מיר דער מלאך מעהר גאָרנישט"?

„דיין מלאך איז געשטאָרבען" — האָט דער רבי איהם געענטפערט.

און משה'לע האָט, נעביך, דערפיהלט אַ שרעקליכען ווייטאָג. טרערען האָבען זיך גענומען גיסען פון זיינע אויגען און זיינע ליפּען האָבען געמורמעלט: „ניטאָ מעהר מיין מלאך, מיין גוטער מלאך איז געשטאָרבען, געשטאָרבען"!

די אַלע אַריבערגעקומענע אימיגראַנטען האָבען קיין מורא ניט פאַר קיין ראַסען־האַס, ווייל זיי האָבען זייער מאַמען, זייער מוטער־לאַנד, וואָס וועט זיך פאַר זיי אָננעהמען. אונזער מאַמע אָבער באַ־לאַנגט ניט מעהר צו אונז. אונזער גוטער מלאך איז געשטאָרבען! עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר אונז, דעריבער זיינען מיר שטענדיג אין שרעק און אין מורא.

וישב

יוסף מיט זיינע ברידער.

דער אַלטער, אַלטער קאַמף שפּיגעלט זיך אויף איצט אָפּ אין אונזער ציון־אידעאַל. יוסף דער בעל החלומות דער טרוימער, טרוימט פון בינטלעך תבואה וואָס בוקען זיך צו איהם, דאָס הייסט, ער האָפט אויף אַ צייט ווען דורך אַרבייט אין פעלד וועלען זיך אַלע בוקען צו איהם, אַפּילו די זון מיט די שטערען. דער אַלטער טאַטע אָבער שרייט אָן אויף איהם, ווייל ער האָפט, אַז נאָר בלויז דורך אַ משיח קען אַזאַ צייט קומען, די ברידער אָבער האָבען נאָר געגלויבט אין גלות, דעריבער האָבען זיי איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אין מצרים.

***

דערציילט מיר אַ איד פון אַ שרעקליכע טראַגעדיע וואָס האָט זיך אין זיין לעבען אָפּגעשפּיגעלט:

ער האָט זיך געלעבט מיט זיין פרוי גליקליך און צופרידען. ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס אויפזעהער אין אַ שניפּסען־פאַבריק און האָט פאַרדינט זעהר שיינע שכירות. ער האָט זיך געקויפט אַן אייגענע הויז און עס אויסגעמעבעלירט אויפ׳ן שענסטען אופן, אָנגעשטעלט אַ דינסט פאַר זיין פרוי, און מען האָט זיך געלעבט אַזוי ווי גאָט אין פראַנקרייך...

איז אָבער אָנגעקומען דער קריזיס און זיינע שכירות זיינען אַ סך קלענער געוואָרען, און אַזוי ווי עס ווילט זיך דאָך אָנהאַלטען דאָס אַלטע לעבען, האָט ער גענומען מאַכען קונקעל־מונקעל געשעפטען. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט אַ זייד הענדלער אַז ער וועט איהם צושטעלען גע־גנב׳עטע זייד פון פאַבריק און זיי וועלען ביידע אָפּלעקען דערפון אַ ביינדעל.

און אַזוי איז געווען. אַ גאַנצען יאָר צייט איז די גנבה אָנגע־גאַנגען און דער פאַבריקאַנט איז באַרויבט געוואָרען אויף שיינע עטליכע

טויזענד דאָלאַר. אָבער אַזוי ווי „סוף גנב לתליה", עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט, אַמאָל פריהער און אַמאָל שפּעטער, איז די גנבה אויך ענט־דעקט געוואָרען, דער קויפער פון די גנבות האָט געמאַכט אַ ויברח, און צו איהם אין הויז איז דער בעל הבית געקומען מיט צוויי דע־טעקטיווס איהם צו אַרעסטירען. ווען זיין ווייב האָט אָנגעפאַנגען בעטען דעם פאַבריקאַנט ער זאָל איהם ניט אַרעסטירען, האָט ער די דע־טעקטיווס געהייסען אַרויסגעהן אויף אַ ווײַלע אין דרויסען און האָט זיך געווענדעט צו זיין ווייב מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„דו ווייסט גאַנץ גוט אַז איך האָב דיר זעהר שטאַרק געליבט נאָך איידער דו האָסט חתונה געהאַט מיט דיין מאַן, איצט איז ביי דיר די ברירה, איך בין צופרידען צו לאָזען פאַלען די קלאַגע, אויב דו וועסט זיך מיט איהם גט'ן און מיט מיר חתונה האָבען".

די פרוי האָט איינגעשטימט צום פאָרשלאַג און האָט אַרויסגע־קראָגען פון מאַן אַ גט, און ווען די לעצטע פאָרמאַליטעטען זיינען אי־בערגעגעבען געוואָרען צו איהם אַז ער איז פריי פון אַלע קלאַגען אין גנבה, איז זיין אָפּגע'גט'ע ווייב אַריין אין אַ צווייטען צימער און האָט זיך פאַרגיפטעט.

אויסהערענדיג זיין געשיכטע, האָב איך זיך גענומען פרעגען די פראַגע: צו וואָלט דער מאַן געהאַלטען אַזוי שטאַרק פון זיין עהרע, צו וואָלט ער, דער מאַן, געקענט אַזוי קעמפּפען געגען דעם נסיון און אָפּפערען זיך אַזוי ווי זיין פרוי האָט זיך געאָפּפערט. איהר, די פרוי, האָט ערוואַרטעט ביי דעם פאַבריקאַנט ליבע, רייכטום און נאָך אַזעלכע זאַכען וואָס קען אַ פרוי גליקליך מאַכען, און דאָך האָט זי אַלעס אי־בערגעלאָזען און האָט זיך אַ טויט געמאַכט.

אַזאַ נסיון האָט נאָר איין מאַן געקענט ביישטעהן. און דאָס איז געווען אונזער יוסף. ער איז בעסער געגאַנגען שמאַכטען אין תפיסה איידער פאַרפלעקען זיין נשמה. עס איז קיין וואונדער ניט וואָס מיר האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „יוסף הצדיק", ווייל אַזאַ מאַן איז ווירקליך אַן אויסנאַם אין אונזער מענער־וועלט.

***

מענש און תורה

דריי עלעמענטען האָבען געאַרבייט אַרום דעם אָרימען יוסף׳ן. די מאַיאָריטעט האָבען אים געוואָלט אָפּראַמען פון דער וועלט; ראובן האָט געזוכט פלענער ווי אַזוי אים אומצוקערען צוריק צום פאָטער; יהודה האָט געמאַכט אַ פשרה, מען זאָל אים פארקויפען פאַר אַ קנעכט.

די זעלבע דריי עלעמענטען ארבייטען אויך איצט אין אונזערע גלות־לענדער. די גרויסע מאַיאָריטעט שטיף־ברידער אונזערע ווי־לען אונז אָפּראַמען פון דער וועלט, די אָרטאָדאָקסישע ברידער אונ־זערע ווילען אונז אומקעהרען צוריק צו אונזער פאָטער, די קאָנסער־וואַטיווע ברידער אונזערע ווילען מאַכען אַ פשרה אַ „פיפטי־פיפטי״ אידישקייט ביי אונז איינפירען... זיי געהען, חס ושלום, ניט אַרונ־טעררייסען אין גאַנצען דעם אַלטען אידישען צאַם, דעם אַלטען אידישען גדר, נאָר זיי מאַכען אים אַביסעלע נידעריגער.

רעדט אָבער מיט אַ פאַסטוך, וועט ער אייך זאָגען, אַז אַ נידעריגער פארקען אַרום אַ פעלד איז פיעל ערגער ווי אָן אַ פאַרקען, ווייל שעפ־סען האָבען אַ נאַטור צו שפרינגען איבער אַ צאַם, איבער אַ הויכען גדר קענען זיי ניט אַריבערשפרינגען. ווען עס איז גאָר קיין גדר ניטאָ, איז אויך קיין יצר הרע ניטאָ צו קריכען אויף פרעמדע פעלדער, אָבער ווען עס איז דאָ אַ נידעריגער גדר, דאַן ווערט דער יצר הרע נאָך אַמאָל אַזוי די גרויס און מען זוכט דעם צאַם אַריבערצושפרינגען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אונזערע חכמים זאָגען: אַז דער פאַר פון אונזערע אָבות איז געווען יעקב אָבינו, אברהם האָט געהאַט אַ שטיקעלע פגימה אויף זיך צוליב זיין זוהן ישמעאל, יצחק האָט געהאַט אַ פגימה אויף זיך צוליב זיין זוהן עשו, ביי יעקב׳ן אָבער איז געווען „מטתו שלמה״ — אַלע זיינע קינדער זיינען געווען צאַצקעס, איינס אין איינס. פרעגט זיך די פראַגע: ווי קומט עס, אַז אַזעלכע צאַצקעדיגע קינדער זאָלען האַנדלען אַזוי שלעכט געגען אַן אייגענעם ברודער? זאָל שוין זיין אַז יוסף איז געווען אַ שטיקעל בעל־גאוה, אָדער אַ טרוימער, איז דערפאר דאַרף

דר. י. ל. שניצער

מען נעמען אן אייגענעם ברודער, דערצו נאָך אַ יונגען אינגעל, און אים פארקויפען פאַר אַ שקלאַף?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה פון די מחלוקה אין וואָלאָזשין:

ר׳ הערש־לייב (דער נצי״ב) און ר׳ יאָשע בער בריסקער זענען געווען ראשי ישיבות אין וואָלאָזשין, אָבער די צוויי גדולים האָבען ניט געלעבט בשלום צווישען זיך, מען האָט זיך שטענדיג אַרומגעקריגט. עס איז ניט געווען דער טאָג עס זאָל זיך צווישען זיי ניט מאַכען אַ סכסוך. ר׳ הערש לייב, צום ביישפיל, איז געווען דער „תמים״ און דער „פשט׳ן״. ער האָט געהאַלטען מעהר פון בקיאות און פון פשט אויף אַן אָרט. ר׳ יאָשע בער, דאַגעגען, איז געווען דער „פקח״ און דער „חריף״, ער האָט געלייגט מער געוויכט אויף חריפות און שאַרפע סברות. פארשטייט זיך אַז די ישיבה לייט האָבען זיך אויך צוטיילט אין צוויי לאַגערען. איין טייל האָבען זיך גרופירט ארום ר׳ הערש לייב׳ן, און דער צווייטער טייל אַרום ר׳ יאָשע בער׳ן, און עס האָט זיך געטאָן מעשים, פון טאָג צו טאָג האָט זיך די מחלוקה אַלץ מער און מער צופלאַקערט. האָט מען אַראָפּגעבראַכט עטליכע גדולי הדור, זיי זאָלען זעהן שלום מאַכען צווישען דיביידע ראשי ישיבות, איינטיילען די הנהגה און מאַכען אַ שטיקעל אָרדנונג אין דער ישיבה. די גדולי הדור זיינען געווען: ר׳ טעבעלע מינסקער, ר׳ יאָסעלע סלוצקער, ר׳ יצחק אלחנן און ר׳ וועלוועלע דער ווילנער שטאָט־מגיד. זיצען די רבנים און קלערען ווי אזוי צו מאַכען עפּעס אַ שטיקעל פשרה צווישען אַזעלכע צוויי גדולי ישראל. רופט זיך אָפּ ר׳ וועלוועלע:

„איך פאַר אהיים רבותי, איך וויל גאָרניט אָנפאַנגען צו קלערען, ווייל ביי מיר געהט איצט די סדרה „וישב״.

„וואָס הייסט, ביי אייך געהט איצט די סדרה וישב? — מיר לייענען דאָך גאָר היינטיגען שבת פּ׳ פּנחס״?

„אָט וועל איך אייך זאָגען — האָט ר׳ וועלוועלע זיי געענטפערט — מיין וועג אין דרוש איז, אַוועקצושטעלען דעם צדיק אַנטקעגען דעם רשע, דעם גוטען אַנטקעגען דעם שלעכטען און אויפווייזען די גוטס־

מענש און תורה

קייט פונ׳ם צדיק און די שלעכטקייט פונ׳ם רשע. אין אַלע סדרות האָב איך אימער געפונען די צוויי הפכים. אין „בראשית״ — אדם מיט׳ן שלאַנג; קין מיט הבל׳ן. אין „נח״ — נח מיט׳ן דור המבול; שם מיט חמ׳ן. אין „לך לך״ — אברהם מיט פרעה׳ן. אין „וירא״ — אברהם מיט סדום. הכלל, אין אַלע סדרות האָב איך פאר זיך אַ צדיק מיט אַ רשע. איך באַקרוין און באַשעהן דעם צדיק און שיט שוועבעל און פעך אויפ׳ן רשע. אָבער ווען איך קום צו דער סדרה „וישב״, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען די געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער, בלייב איך שטעהן אין פארלעגענהייט: מיט וועמען זאָל איך האַלטען? ביידע צדדים זענען געווען צדיקים, קדושים און טהורים... ווען איך וואָלט געדאַרפט אורטיילען צווישען ר׳ הערש לייב׳ן און אַן אַנדערען, אָדער צווישען ר׳ יאָסעל בער׳ן און אַן אַנ־דערען, וואָלט איך שוין געוואוסט ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אומגערעכט. גטה אָבער אורטייל צווישען אַזעלכע צוויי צדיקים!... פאָלגט מיך, רבותי, לאָמיר נעמען אונזערע פעקלאַך און פאָרען אַהיים!

אָט די זעלבע ווערטער קענען מיר אויך דאָ זאָגען. עס איז זעהר שווער צו אורטיילען די דאַמאָלסדיגע פערהעלטניסע צווישען יוספ׳ן מיט זיינע ברידער.

אונזערע חכמים זאָגען, אַז דאָס איז געווען מן השמים, כדי מקיים צו זיין די הבטחה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען צו אונזער פאָטער אַברהם אַז מיר וועלען זיין אַן אויסנאָמס פאָלק, האָט ער אונז געמוזט לייטערען, אָט אַזוי ווי דער גאָלד־שמיד לייטערט גאָלד, מיט׳ן קלאַפּען מאַכט ער דאָס ווייכער, שעהנער, פיינער און איידעלער! ווען ניט יוסף, וואָלט יעקב קיין מצרים ניט געגאַנגען, עס וואָלט קיין גלות ניט געווען, און קיין מתן תורה אויך ניט. יהודה׳ן האָבען מיר צו פאַרדאַנקען וואָס מיר זענען אַן עם סגולה געוואָרען, ווייל ער האָט געגעבען דעם פלאַן צו פארקויפען יוספ׳ן קיין מצרים, דערפאר איז טאַקע יהודה באַלוינט געוואָרען אַז פון אים איז אַרויסגעקומען דוד המלך און אויך אונזער צוקונפטיגער משיח.

מקץ

ווען מען זאָל זיך גוט ארייַנטראַכטען, וואָלט מען געזעהן וואָס פאר אַן אונטערשייד עס איז פון דעם אַמאָליגען, ערשטען אידישען אי־מיגראַנט אין מצרים, ביז די איצטיגע אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקא.

אַן אָרימער אימיגראַנטישער אינגעל מיט'ן נאָמען יוסף איז גע־קומען אין מצרים, געליטען צרות, מאַנגעל און נויט, האָט זיך אָבער אַרויפגעאַרבייט און געוואָרען אַ שני למלך, כמעט אַ דיקטאַטאָר. ער האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך פון הונגער־לאַנד זיין גאַנצע משפחה און האָט זיי גוט פאַרזאָרגט.

אמת, ער האָט זיך אפילו אַביסעל עגיפּטיזירט, געביטען זיין נאָמען פון יוסף אויף צפנת פענח, חתונה געהאַט מיט ניט קיין אידישע טאָכ־טער און נאָך אַזעלכע זאַכען, אָבער דאָס איז ניט געווען זיין שולד. די אומשטענדען האָבען אים געצוואונגען אזוי צו טאָן. דער שני למלך האָט געמוזט זיין אַן עגיפּטישער פּאַטריאָט, און געמוזט ווייזען דעם פאָלק, אַז ער איז עגיפּטיש אַסימילירט.

אָבער אין זיין היים האָט ער זיך געפירט אידישלאך. ער האָט אָפּגעהיט די אידישקייט, וואָס זיין טאַטע האָט איהם געלערענט. זיינע צוויי זיהן האָט ער ניט גערופען מיט עגיפּטישע נעמען, נאָר מיט איינ־פאַכע אידישע נעמען, מנשה און אפרים.

ער האָט געהאַנדעלט ווי יענער רעפאָרם־ראבי, וועלכער פלעגט פּראַווען זיין סוירמאַן פרייטאָג צו נאַכט אויפ'ן קאַטוילישען שטייגער, אָבער ביי זיך אין הויז איז זיין טיש געווען געדעקט מיט וויין, מיט חלה, מיט בענש־ליכט און ער פלעגט זינגען מיט גרויס התלהבות „שלום עליכם”, און אַז מען האָט איהם אַמאָל אַ פרעג געטאָן, וואָס דאָס מיינט, האָט ער געענטפערט:

מענש און תורה

— אויפ׳ן פּאַלפּיט בין איך אַן אגענט, וואָס דאַרף צושטעלען פאר די שעפּסען מעקענע און קלייען, אָבער ביי זיך אין דערהיים בין איך אַ איד, אַ פולקאָמאָנער איד!

כאָטש יוסף האָט זיך זעהר הויך ארויפגעארבייט, פיעל גרעסער ווי יעדער אימיגראַנט דאָ אין אַמעריקא, פונדעסטוועגען האָט ער זיין אייגענע שפּראַך ניט פארגעסען. ער האָט אַפילו זיינע קינדער גע־לערענט זיין שפּראַך, ווייל אין דער תורה שטייט, אַז יוסף האָט גערעדט מיט זיינע ברידער דורך אַ דאָלמעטשער, „כי המליץ בינתם״. ער האָט ניט געוואָלט רעדען צו זיינע ברידער אין זייער שפּראַך כדי זיי זאָלען אים ניט דערקענען, און די ברידער האָבען עגיפּטיש ניט פארשטאַנען, האָט מען געמוזט האָבען אַן איבערזעצער, און לויט׳ן מדרש איז דער איבערזעצער געווען יוספ׳ס אַכט יאָריגער איינגעל מנשה.

דאָס הייסט, אַז יוספ׳ס יונגער קינדער האָבען געקענטביידע שפּראַכען, זייער טאַטענ׳ס שפּראַך און די עגיפּטישע לאַנד־שפּראַך, און צוזאַמען מיט זייער אייגענער שפּראַך האָט זייער פאָטער זיכער אריינגעבראַכט אין זיין הויז די אידישע קולטור, די אידישע וועלט־אַנשויאונג און געהאָדעוועט די קינדער אין אַ אידישער אַטמאָספערע.

מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאר אַ שווערע שטיק ארבייט דאָס איז געוועזן. קיין תלמוד תורות זיינען נאָך דאַן אין מצרים ניט געווען, קיין היברו־טיטשערס אויך ניט, און דער טאַטע אליין איז גע־ווען זעהר אַ באַשעפטיגטער מענש מיט מלוכה־ענינים, עפּעס אַ קלייניגקייט צו זיין דער דיקטאַטאָר פון אַזאַ גרויסע מדינה, וואָס האָט געדאַרפט שפּייזען פילע אַרומיגע לענדער און דאָך האָט ער זיך אָפּ־געגעבען מיט דער אידישער ערציהונג פון זיינע קינדער.

אָט אַזוי האָט דער דאַמאָלסטדיגער ערשטער און איינציגער אידישער אימיגראַנט אין מצרים באַוויזען צו בויען אין אַ פרעמד לאַנד זיין אייגען אידיש וועלטעל, און אַריבערגעפלאַנצט אין זיינע קינדער די אַלטע אידישע אידעאַלען, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער ווייטער היים.

דר. י. ל. שניצער

איצט לאָמיר באַטראַכטען דעם אונטערשייד פון יענעם עגיפּטי־שען אימיגראַנט און אנזערע איצטיגע אַמעריקאנער אימיגראַנטען.

מיר זיינען דאָ אויך רייך געוואָרען, מיר פאַרמאָגען דאָ שיינע קהילות, רבנים, חזנים, שוחטים, מגידים, מלמדים, תלמוד־תורות און גרויסע אינסטיטוציעס, אָבער מיט דער אידישקייט פון אונזערע קינ־דער געהט עס ניט ווייטער, ווי ביז „מפטיר״, אַ ספּיטש צו בר־מצוה, קדיש און יזכור זאָגען נאָך טאַטע מאַמע, געוויינטליך, אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, אָבער ניט אין אידיש. דאָס הייסט, מיר ערציהען אַ דור פון „יזכור אידען״.

יאָ, קהלת איז געווען אַ חכם, ער האָט פאָראויסגעזעהן דעם צו־שטאַנד פון דעם אַמעריקאַנער „דזשודעאיזם״, ווייל ער זאָגט: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה״, עס איז פּשוט מקנא צו זיין די מתים, וועלכע זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען, ווי די לעבעדיגע, וועלכע לעבען נאָך איצט. די מתים פּילען אָן צו יזכור אַ געפּאַקטע שוהל און די לעבעדיגע האָבען גאַנץ אָפט קיין מנין ניט. כמעט אַלע טאָג זעהט מען, ווי אַ איד שטעהט אויפ׳ן בריקעל פון שוהל און רופט:

— קומט אריין, רב קרוב! קומט אריין! עס פעהלט בלויז איינער צום מנין!...

ביי יענעם אימיגראַנט אין מצרים, וועלכער איז געווען אַן איינ־ציגער איד אין אַ גרויסער מדינה פון גוים, האָבען די קינדער גע־קענט זייער שפּראַך, פונקט ווי די לאַנד־שפּראַך. ביי די איצטיגע אימיגראַנטען, וועלכע לעבען אין גרויסע אידישע ישובים, זיינען די קינדער לומדים אין דער לאַנד־שפּראַך, אָבער זייער אייגענע שפּראַך פאַרשטייען זיי גאַנץ ווייניג.

און דאָס קאָן זיין איז געווען יעקב׳ס איבערראשונג, ווען זיינע קינדער האָבען אים דערציילט, אַז יוסף לעבט און ער איז שני למלך אין מצרים.

„ויפג לבו כי לא האמין להם״, זיין האַרץ איז אים צוגאַנגען גע־וואָרען פון ווייטאָג, ער האָט זיי ניט געגלויבט. און ווי האָט ער זיי

מענש און תורה

געקענט גלויבן?... ער האָט געוואוסט די אידישע טבע, אַז אַן אויפגעקומענער גביר ביי אידען שעמט זיך מיט זיין פאָלק און קריכט פון דער הויט צו געפעלען ווערען די גוים. טאָ ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ הערשער פון מצרים זאָל זיך לאָזען דערקענען צו זיינע אָרימע ברידער און דערצו נאָך וועלען ברייגגען צו זיך דעם אַלטען טאַטען?

אָבער ווען די זיהן האָבען אים דערציילט, אַז יוסף האָט גערעדט צו זיי אין זייער שפראך, לעבט אידישלאך, לערענט זיינע קינדער אידישקייט און פירט אַ אידיש הויז, איז „ותחי רוח יעקב”, איז יעקב אַ לעבעדיגער געוואָרען, און האָט זיך גלייך גענומען פאַקען אין וועג אריין.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ווען מען האָט געבראַכט יוסף׳ן פאר פרעה׳ן ער זאָל אים פותר חלום זיין, האָט יוסף צו אים געזאָגט: „בלעדי אלהים יענה את שלום פרעה” — איך אליין בין אַ פּראָסט מענשעלע און ווייס פון גאָרנישט, נאָר איך האָב אַ גאָט, וועלכער זוכט דאָס וואוילזיין פון פרעה און זיין פאָלק זאָל פון הונגער ניט אויסגיין. הערענדיג אַזעלכע ווערטער, האָט, דאַכט זיך, פרעה געדאַרפט אָנפאַנגען צו זוכען, צו פאָרשען, און שטודירען יוסף׳ס גאָט, וועלכער איז אים אַזוי שטאַרק איבערגעגעבען. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט יוסף׳ס גאָט אינגאַנצען אוועק־געלייגט אַן אַ זייט, און האָט בלויז אָנערקענט יוסף׳ס חכמה און אים געמאַכט פאַר אַ מושל אין מצרים. סטייטש, יוסף האָט דאָך אים אויס־דריקליך געזאָגט, אַז אַן גאָט איז ער דאָך אַזוי ווי אַ סמיטשיק אָן אַ פידעל?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם סוחר:

אַ קליין־שטעטעלדיגער סוחר איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און האָט דאָרטען געעפענט אַ גרויסען סקלאַד מיט סחורה פון די טייערסטע סאָרטען, און האָט גענומען טאָן גרויסע געשעפטען.

דר. י. ל. שניצער

ווען קהל האָט גענומען אויסמאַכען דעם רייסטער פון די שטייערען פאַר דער שטאָט, וויפיל יעדער איינער דאַרף צאָלען, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויף דעם סוחר ארויפגעלייגט זעהר אַ גרויסע סומע געלד, ווייל קהל האָט געשאַצט יעדען איינעם נאָך זיין פארמעגען נאָך און לויט זיין גרויסען סקלאד מיט סחורה, איז דאָך דער סוחר געוויס אַ איד אַן עושר. אָבער ווען עס איז געקומען צו באַצאָלען, האָט דער סוחר גענומען טענה׳ן:

„סטייטש? מיט וועלכע רעכט לעגט איר אויף מיר אַרויף אַזאַ גרויסע סומע געלט? וואָס מיינט איר, איך בין אַ מיליאָנער? ניין, איך קען אַזוי פיל ניט צאָלען און וועל אַזוי פיל ניט צאָלען״!

האָט קהל אים געענטפערט:

„נישקשה, רב סוחר, איר וועט צאָלען! אַז אַזאַ איד ווי איר זאָל אונז קיין שטייערען ניט צאָלען, טאָ ווער דען זאָל צאָלען? די אָרעמע־לייט? די אביונים? פאַרגעסט ניט, אַז איר זייט דער גרעסטער גביר ביי אונז אין שטאָט! דערמאָנט זיך נאָר וואָס פאַר גרויסען סקלאַד מיט סחורה איר פארמאָגט, און נאָך וואָס פאַר אַ סחורה, פון די שענסטע און די בעסטע״!

„אמת, אמת, איך האָב טאַקע אַ סך סחורה — האָט דער סוחר זיי געענטפערט — אָבער איך שווער אייך אויף מיינע נאמנות, אַז די סחורה וואָס איר זעט איז ניט מיינע. איך האָב עס אַלעס גענומען אויף באָרג, יעדער קאָפּיקע וואָס איך לייז איין מוז איך מיינע בעלי־חובות אוועקגעבען און מיר בלייבט קוים, קוים מיט מיין פאמיליע דורכצולעבען. איצט פאַרשטייט איר, אַז איך בין אַן אָרעמאַן, אַן אביון״?

„ניין, ליבער רב סוחר — האָט קהל אים געענטפערט — אָט דערמיט אליין גיט איר צו, אַז איר זענט אַ איד אַן עושר. ווען איר וואָלט ניט געווען אַזוי רייך, וואָלט מען אייך אַזוי פיל קרעדיט ניט געגעבען. פאַרוואָס באָרגט מען אונזערע קרעמער קיין סחורה ניט? ווייל מען ווייס, אַז זיי זיינען אָרעמע־לייט. אייך אָבער באָרגט מען

מענש און תורה

יאָ, ווייל זיי וויסען, אַז איר זענט אַ איד אַן עושר, דעריבער דאַרפט איר צאָלען די סומע וואָס קהל האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט".

אמת, יוסף האָט טאַקע געזאָגט צו פרעה'ן, אַז די חכמה איז ניט זיינע, דאָס באַלאַנגט צו דעם אויבערשטען (בלעדי אלהים יענה את שלום פרעה), אָבער ווי פרעה האָט געהערט ווי יוסף האָט אים פותר חלום געווען, האָט ער געזאָגט: „וואַרף זיך נאָר ניט אַרונטער, יוסף! ווען דיין גאָט האָט דיר אַזוי פיל חכמה געגעבען, איז אַ סימן אַז דו ביזט אַ גרויסער חכם, דעריבער האָסטו דאָס ווערט צו זיין אַ מושל אין מצרים".

ויגש

ויגש אליו יהודה.

און יהודה איז צו אים (צו יוסף׳ן) צוגעגאַנגען. פרעגט זיך די פראַגע: נאָכ׳ן אויסדרוק פון פסוק האָט מען דאָך געקענט מיינען אַז יהודה וועט דאָ מי־יודע־וואָס אָפּטאָן. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער בעט יוסף׳ן, ער זאָל אים לאָזן זאָגן אַ סוד אין אויער (ידבר נאָ עבדך דבר באָזני אַדוני), און בעט אים ווידער, אַז ער זאָל ניט אין כעס ווערען (ואַל יחר אַפּך בעבדך), ווייל דו ביזט אַזוי גרויס ווי פרעה (כי כמוך כפרעה). און וואָס זאָגט ער אים? דו האָסט געפרעגט צו מיר האָבען אַ פאָטער און נאָך אַ ברודער (אדוני שאל את עבדיו היש לנו אב או אח).

נאָר דער תירוץ איז: יוסף האָט געזאָגט אַז דער בעכער איז אַ כשוף־בעכער (כי נחש ינחש איש אשר כמוני), איז יהודה צוגעגאנגען צו איהם און געזאָגט:

„איך בעט דיך, מיין הער, לאָז מיך דיר זאָגען אַ סוד אין אויער אריין, און איך בעט דיר, אַז דו זאָלסט ניט אין כעס ווערען. דו זאָגסט, אַז דער בעכער איז געווען אַ כשוף־בעכער, דאַן ביזטו אַ ליגנער ווי פרעה. ער קען קיין כשוף ניט און דו קענסט קיין כשוף ניט. אַ באַווייז האָסטו: דו האָסט אונז געפרעגט, צי מיר האָבען אַ פאָטער און נאָך אַ ברודער. ווען דער בעכער וואָלט געווען אַ כשוף־בעכער, וואָלסטו דאָך אונז די אַלע זאַכען ניט געדאַרפט פרעגען״.

***

אַל תרגזו בדרך.

ווען יוסף האָט געשיקט זיינע ברידער בריינגען זייערע פאַמיליע אין מצרים, האָט ער זיי אָנגעזאָגט: „אַל תרגזו בדרך״, איר

מענש און תורה

זאָלט זיך ניט קריגען אויפ'ן וועג. פאַסט ניט אונזערע חכמים דער איינפאַכער פּראָסטער טייטש און זיי גיבען אויף די ווערטער דריי דערקלערונגען: איינער זאָגט, אַז יוסף האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלען ניט שמועסען אין לערנען אויפ'ן וועג (אַל תתעסקו בדבר הלכה), דער צווייטער זאָגט אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען ניט שטעלען קיין צו גרויסע טריט (אַל תפסיעו פסיעה גסה), און דער דריטער זאָגט אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט אריינצוברענגען די זון אין שטאָט (והכניסו חמה לעיר).

אויבערפלעכליך קוקט אויס אַז די אַלע דריי ערקלערונגען זיינען צופיל בטלנות. נאָר ווען מען טראַכט זיך אריין אַביסעלע טיפער אין זייערע ווערטער קען מען זען וואָס פאַר אַ הויכער געדאַנק דאָרט ליגט.

יוסף, דער פּסיכאָלאָג האָט פאָראויס געזען די צוקונפט וואָס ער־וואַרטעט זיינע ברידער אין מצרים, כל זמן ער לעבט, וועלען זיי נאָך פון קיין גלות ניט וויסען, אָבער אַז ער וועט שטאַרבען, וועט זיך אָנפאַנגען פאַר זיי אַ פינסטערער גלות. האָט ער איינגעוויקעלט אין זיינע ווערטער אייניגע וויכטיגע כוונות וואָס וועט זיי ברייגען נוצען אין גלות.

די ערשטע ווארנונג זיינע איז געווען: „אַל תתעסקו בדבר הלכה", איר זאָלט ניט בריינגען קיין שפּאַלטונג אין רעליגיעזע פראגען „בדרך" — אין גלות. איינוואוינער פון אַ שטאָט מעגען זיך געהן יעדער זיין וועג וואו ער וויל און ווען ער וויל. ווען די זעלבע מענ־שען דאַרפען אָבער דורכמאַכען אַ רייזע אין דער מדבר וואו עס איז דאָ אַ געפאַר פון רויבער אָדער ווילדע חיות, דאַן גייען זיי צוזאַמען אין אַ חברותא. ווען מיר אידען האָבען געהאַט אן אייגען לאַנד, האָט יעדערער פון אונז געקענט געהן אין זיין אייגענעם אינדיווידועלען וועג אין אַלע רעליגיעזע פראַגען. ווען מיר געפינען זיך אָבער אין גלות צווישען פרעמדע, וואו מען זוכט אונז איינצושלינגען, מוזען מיר זיך צוטוליען איינער צום צווייטען און געהן צוזאַמען אין אלע פראגען

דר. י. ל. שניצער

און ניט צורייסען אונזער יודענטום אין דריי לאַגערען: אין אָר־טאָדאָקסישען, קאָנסערוואַטיווען און רעפאָרמער.

די צווייטע ווארנונג איז געווען: „אַל תפסיעו פסיעה גסה" — איר זאָלט ניט מאַכען קיין צו גרויסע טריט אין גלות.

אַט דעם פסק האָבען מיר איצט געהאַט אין דייטשלאַנד. מיר האָבען געשפרייזט מיט גרויסע לאַנגע טריט אין פרידריכ׳ס אָדער ווילהעלמ׳ס גאַסען און אונטער אַ פאַלשען ליכט־שיין פון עמאנצי־פּאַציע האָבען מיר זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אַלטען טיטעל „ישראל גוי אחד" און האָבען זיך פארבונדען מיט פריטצ׳ן מיט אַלע פעדים פון אונזער נשמה, דורכגעדרונגען מיט זיין שפראך, אָנגעזאָפּט פון זיין גייסט, בעאיינפלוסט פון זיין ליטעראַטור און פּאָעזיע, אַרויסגעריי־סען פון האַרצען דעם אידישען „רגש הלאומי" און איבערגעשניטען דעם שנור פון אונזער אידישער פארגאנגענהייט, אונזערע גאונים, טאַלאַנטען, קינסטלער און פאָרשער האָבען רייך געמאַכט „האַנס" ביבליאָטעקען, פארטיפט פרעמדע אידעען, פארשענערט און פאר איידעלט פרעמדע שפּראַכען און געשליפען פרעמדע סטילען. און איצט? איצט קריגען מיר זעהר שעהן באַצאָהלט פאר די גרויסע טריט וואָס מיר האָבען געמאַכט אין גלות.

די דריטע ווארנונג איז געווען: „והכניסו חמה לעיר" — איר זאָלט אריינברייננגען די זון אין שטאָט, די זון גיט ליכט און ווארימ־קייט, ליכט איז סימבאָל פון וויסענשאַפט און וואַרימקייט איז אַ סימבאָל פון פריינדשאַפט. אויב אייך איז שוין יאָ באַשערט צו זיין אין גלות, זאָלט איר זען אַז אייער אנוועזענהייט זאָל ברייננגען ליכט און וואַ־רימקייט אין אייער סביבה, דערציט אַ אידישע אַריסטאָקראַטיע, אַ אידישע אינטעליגענציע וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אידישער עטיק, מיט אידישער בענקשאַפט און האָפען, אַן אינטעליגענציע וואָס זאָל זיך דערציהען אויף דער ברייטער שאַרפזיניגער און טיפער אי־דישער ליטעראַטור און אין דער זעלבער צייט לעבען צווישען זיך אין שלום און אין אחדות און ניט צורייסען אייער לאגער אויף טויזענטער

מענש און תורה

חברה׳לעך, סאָסייטעקס און שול׳כעלעך. קורץ, „אַל תרגזו בדרך״ — איר זאָלט אין גלות קיין חלוקי דעות ניט האָבען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער איז געקומען אין אַמעריקא אַ יונגערמאַן, געאַרבייט שווער און ביטער און געקליבען אַ פּעני צו אַ פּעני, ביז ער האָט אַרויפגעאַרבייט אַ גרויס געשעפט. ווען דער עולם האָט אָנגעפאַנגען צו ספּעקולירען אין וואָל סטריט, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען, ער איז געלעגען איינגעלייגט ווי אַ הונט אין זיין געשעפט און געהיט די פּאָר דאלאר, און אויך אויפגעפּאַסט אויף זיינע זיהן, אַז זיי זאָלען אויך ניט מאַכען קיין ספּעקולאַציעס. האָבען טאַקע אַלע פאַרלאָרען זייערע פּאָר דאלאר, ער אָבער איז געבליבען ביי זיין קאַפּיטאַל. דאַרף מען דאָך געוויינטליך אַזאַ טאַטען רעספּעקטירען און שעצען, צום סוף לאָזט זיך אויס פּונקט פאַרקערט. די זיהן זיינען די מאַכערס און די קנאַקערס, און דעם טאַטען רופט מען „אַלטער נאַר״, „אַלטער תרח״ און „אַלטע מאַנקי״. פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס קומט דאָס איהם אַזאַ באַהאַנדלונג? דאַכט זיך, אַז ער האָט געאַרבייט ווי אַ פערד פאַר זיי, געהיט די פּאָר דאלאר ווי אַ הונט פאר זיי, צום סוף רופט מען אים גאָר „מאַנקי״?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די לעגענדע פון דער וועלט־באַשאַף:

ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען דאָס פערד, האָט ער דערצו געזאָגט:

— פערדעלע, דו האָסט זעהר אַ שיינע אויפנאַמע פאר זיך. דו וועסט העלפען דערנערען מיין וועלטעל. מען וועט מיט דיר אַקערען און בראָינגען די פעלדער און גרינגער מאַכען די מענשען אין זייער שווער׳ער ארבייט, דערפאר גיב איך דיר צוואַנציג יאָר צום לעבען.

— דאָס איז צופיל, גרויסער גאָט! דאָס איז צופיל! — האָט דאָס פערד אַ זאָג געטאָן — אויב מיר איז באַשערט צו ארבייטען שווער און ביטער, איז צען יאָר לעבען אויך גענוג.

דר. י. ל. שניצער

— דיין רצון זאָל געשען! — האָט גאָט אים געענטפערט — צען יאָר זאָל דיין לעבען זיין.

ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען דעם הונט, האָט ער צו אים געזאָגט:

— דו, הונט, וועסט אויך דער וועלט אַ סך נוצען ברייגנען, דו וועסט זיין דער שומר הפתח, ליגען ביים טיר און היטען דאָס הויז, די פאַבריק און די קאַסע, דו וועסט אַפילו קריגען גאַנץ אָפט אַ בריק... דערפאַר אָבער וועט מען דיר געבען אַ ביין צו גריזשען און דו וועסט פון דעם ביין זעהר שטאַרק הנאה האָבען, דיין לעבען זאָל אויך זיין צוואַנציג יאָר.

— צופיל, גרויסער באַשעפער, צופיל! — האָט דער הונט געזאָגט — קריגען אַ בריק און גריזשען אַ ביין איז גענוג צען יאָר.

— גוט — האָט דער אויבערשטער צו אים געזאָגט — דו ווילסט צען יאָר, זאָל זיין צען יאָר.

ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די מאַנקי, האָט ער צו איר געזאָגט:

— דו, מאַנקילע, וועסט אויך זיין אַ נוצליך באַשעפעניש. דו וועסט זיין אַ שפּילצייג פאר קליינע קינדער און אויך אַמוזירען גרויסע מענשען. מען וועט לאַכען פון דיין פלאַפּלען און הנאה האָבען ווי דו וועסט נאָכקרימען יעדען, דו וועסט שפּרינגען פון איין בוים אויפ׳ן צווייטען מיט אַ הו־האַ און דו וועסט מיינען, אַז דו טוסט עפּעס וואָס אויף, אָבער דיין אויפטו וועט זיין גאָרנישט מיט גאָרנישט. דיין לעבען זאָל אויך זיין צוואַנציג יאָר.

— צופיל, אַלמעכטיגער גאָט! צופיל! — האָט די מאַנקי אויסגערופען — פלאַפּלען נאַרישקייטען, נאָכקרימען אַנדערע און גאָרנישט אויפטאָן, איז גענוג צען יאָר.

— גוט! — האָט דער אויבערשטער צו דער מאַנקי אַ זאָג געטאָן — אַז דו ביזט צופרידען פון צען יאָר, זאָל זיין צען יאָר.

ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען דעם מענשען, האָט ער צו אים געזאָגט:

מענש און תורה

— דו, מענשעלע, ביזט דער הויפּט פון אַלע מיינע ברואים, איך האָב די וועלט באַשאַפן פאַר דיר, כדי דו זאָלסט הנאה האָבען פון איר, לעב און געניס פון דער שיינער וועלטעל, און דיין לעבען זאָל זיין דורכשניטליך פערציג יאָר.

די ערשטע צייט האָבען די מענשען זיך צופרידענגעשטעלט מיט די יאָרען, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבען. שפּעטער אָבער האָבען זיך געפונען מאַנכע מענשען, וועלכע האָבען אריינגעצויגען אין זיך מעהר גיפט פון דער שלאַנג, ווי די איבעריגע. זיי האָבען זיך אריינגעטאָן מיט לייב און לעבען געלט צו מאַכען, האָבען זיי גע־נומען טענה׳ן צום רבונו של עולם:

— צו ווייניג יאָרען האָסטו אונז געגעבען, גאָטעניו. וויפיל געלט קען מען צוזאַמענקלייבען אין די עטליכע יאָר? גיב אונז, טאַטע אין הימעל, נאָך אַביסעלע יאָרען, כדי מיר זאָלען קאָנען אָנקלייבען עפּעס אַזוי אַ היבשען קאַפּיטאַל!...

— גוט! — האָט גאָט צו זיי געזאָגט — אייער וואונש זאָל ער־פילט ווערען. איך האָב צען יאָר פון פערד, צען יאָר פון הונט און צען יאָר פון דער מאַנקי. אָט די דרייסיג יאָר וועל איך אייך דער־לייגען. די ערשטע צען יאָר וועט איר ארבייטען ווי אַ פערד צו מאַ־כען געלט, די צווייטע צען יאָר וועט איר ליגען איינגעלייגט ווי אַ הונט און היטען אייער קאַפּיטאַל און אין די לעצטע צען יאָר וועט מען מאַכען פון אייך שפּאַט ווי פון אַ מאַנקי...

— ווען איר, מיין פריינט, וואָלט מיט אייער גרויסען קאַפּיטאַל געטאָן עפּעס פאַר דער מענשהייט, געגעבען צדקה, געהאָלפען אָרימע, אומגליקליכע און פאַרצווייפעלטע, וואָלט איר געהאַט אַ שיינעם נאָמען אין דער געזעלשאַפט און אייערע קינדער וואָלטען געהאַט גרויס רעס־פּעקט פאַר אייך, איצט אָבער, אַז איר האָט בלויז געאַרבייט פאַר זיך אַליין, איז דאָס וואָס איר האָט פאַרזייט, דאָס שניידט איר איצט.

ויחי

ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין אין דער היינטיגער סדרה, זעט מען מיט וועלכע פּאָעטישע פילאָזאָפישע אויסדריקע זי איז אָנגעפילט. אָט די דאָזיגע טיפע פילאָזאָפיע, זיינען די ווערטער וואָס יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער.

ווען זיינע ברידער זיינען געפאַלען פאר איהם און איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין דעם גרויסען פארברעכען וואָס זיי זיינען געגען איהם באַגאַנגען, האָט ער זיי געענטפערט: „אַל תיראו, כי התחת אלהים אני, ואתם חשבתם עלי רעה, אלהים חשבה לטובה", האָט קיין מורא ניט, פארנעם איך דען דעם פּלאַץ פון גאָט? איהר האָט מיר געוואָלט טאָן שלעכטעס, אָבער גאָט האָט אומגעדרייט אייערע פּלענער צום גוטען.

אין די אייניגע ווערטער געפינט זיך די גאַנצע ביבלישע געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער, און עס איז געמיינט געוואָרען צו לערנען די מענשליכע ראַסע, זיך ניט צו לאָזען באַאיינפלוסען פון זאָרג, ווייל עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט, אַז דאָס וואָס מיר באַטראַכטען פאַר דעם גרעסטען אומגליק, קומט גאָר אַרויס דערפון דער גרעסטער גליק, דאָס הייסט, אַז מיר מענשעלעך זיינען קיין מבינים ניט צו פאַרשטיין וואָס פאר אונז איז גוט און וואָס פאר אונז איז שלעכט.

זאָרג איז די ערגסטע פּלאָג פון אונזער ציוויליזאַציאָן, פּונקט ווי די פליג וואָס האָט געלעכערט דעם מאַרך פון טיטוס, אַזוי לעכערט די זאָרג דעם מוח פון יעדען מענשען, און אזוי ווי טיטוס'עס פליג איז שטיל געוואָרען אויף אַ ווײַלע, ווען ער איז פארבייגעגאַנגען אַ קוזניע און געהערט די קלעפּ פון דעם שמיד'ס האַמער, אזוי פאַרגעסט דער מענש זיינע דאגות אויף איין אויגענבליק אין דעם

מענש און תורה

געטומעל פון לעבען און ביזנעס, און אַזוי ווי טיטוס׳עס פליג האָט זיך ענדליך צוגעווינט צו די קלעפּ פון האַמער, אַזוי פאַרגעסט ניט דער היינטיגער מענש זיינע דאגות אפילו אין דעם רוישענדען שטראָם פון לעבען, און פונקט ווי טיטוס׳עס פליג איז שנעל געוואַקסען אַלץ גרעסער און גרעסער ביז זי איז אויסגעוואַקסען צו אַן איבערנאַטירליכע גרויס, אַזוי אויך ווען אַ מענש גיט זיך אָפּ צו זאָרג, ווערען זיי מיט דער הילף פון זיין פאַנטאַזיע גרעסער און גרעסער ביז זיי ברענגען אים אום פון דער וועלט.

און ווי עס קוקט אויס, איז דאָס אידישע פאָלק אממערסטען אויסגעזעצט צו דער קראַנקהייט זאָרג. עס זעט אויס, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער געגעבען די פארשיידענע פעלקער די ברירה זיך אויסצוקלייבען וועלכע פראָפעסיאָן זיי ווילען, איינע האָט זיך אויסגעקליבען ערד־ארבייט, אַן אַנדערע פיה־צוכט און נאָך אַזעלכע פראָפעסיאָנען. דאָס אידישע פאָלק אָבער האָט זיך אויסגעקליבען מסחר, און עס איז אַ פאַקט, אַז אין מסחר געפינט זיך אַ גרעסערע מאָס דאגות ווי אין אירגענד אַנדערע פראָפעסיאָנען. מסחר איז אָפּהענגיג פון ווינט און וועטער, פייער און וואַסער, מזל און קאַפּריז, וועלכע פאַרדרייען דעם קאָפּ אַזוי ווי אַ ווינד־מיל, די דאגות האָבען דעם אידען געמאַכט קליין אין געוואוקס, שמאָל אין ברוסט, אויסגעצערט אין קערפּער, נערוועז אין טעמפּעראַמענט. עס איז אויך די מיינונג פון דער מעדיצינישער וועלט, אַז צוליב די דאגות איז דער איד מער אויסגעזעצט צו געוויסע קראַנקהייטען, ווי אויסצערונג, קאַנסער און נאָך אַזעלכע קראַנקהייטען.

איז עפּעס פאַראַן אַ געגען־גיפט וואָס זאָל אָפּשוואַכען אַ מענשען׳ס דאגות?

יאָ, עס איז פאַראַן אַ מיטעל און נאָך אַ גאַנץ לייכטער מיטעל דערצו! נעמליך, אַ מענש זאָל אונטערזוכען און אַנאַליזירען זיינע דאגות, וועט ער אויסגעפינען, אַז זיי עקזיסטירען בלויז אין זיין פאַנטאַזיע, אין אמת׳ן אָבער זיינען זיי נאָר שאָטענס וועלכע זעהען אויס פון ווייטען ווי בערג.

דר. י. ל. שניצער

מען דערציילט אַ קינדער־מעשה׳לע פון אַ פּרינץ וועמען אַ מכשף האָט ארייַנגעזעצט אין אַ שטיינערנער פעסטונג מיט אייזערנע טירען, און ער וואָלט געוויס דאָרטען אויסגעגאנגען פון הונגער, ווען עס וואָלט ניט געקומען איינער פון די גוטע גייסטער און אים אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז די גאַנצע פעסטונג איז נאָר אַ פאַר־בלענדעניש, די ווענט זיינען קיין ווענט ניט, און די טירען זיינען קיין טירען ניט, דערביי האָט ער אים גענומען ביי דער האַנט און איז מיט אים דורכגעגאַנגען דורך דער שטיינערנער וואַנט אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ ליידיגער פּלאַץ.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דאגות, ווען אַ מענש וואָלט געהאַט אַביסעלע מער קוראזש זיי געגנוי אונטערצוזוכען, וואָלט ער אויס־געפונען, אַז זיי באַשטייען בלויז פון שאָטענס אָן אַ ממשות, די מערסטע טרערען ווערען פאַרגאָסען אויף צרות, וועלכע מיר זעהען פון ווייטען, אַז אָט, אָט קומען זיי אָן — און אַז מיר וואָלטען נאָר געהאַט די נויטיגע געדולד אָפּצולייגען די זאָרג און די טרערען ביז זיי וועלען אָנקומען, וואָלטען מיר גאַנץ זעלטען געדאַרפט זאָרגען און וויינען, ווייל דאָס רוב צרות, וועלכע מיר זעהען פון ווייטען קו־מען גאָרניט אָן.

איך האָב געקענט איינעם, וועלכער איז אומגעגאַנגען זיין גאנ־צען לעבען אין שרעק, אַז ער וועט קריגען שווינדזוכט, ווייל זיין טאַטע איז געשטאָרבען פון דער קראנקהייט. די איינבילדונג האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבען און אָוועקגערויבט פון אים יעדעס ביסעל פאַרגעניגען, צום סוף איז ער געשטאָרבען צו פינף־און זיבעציג יאָר פון אַ פאַרדאָרבענעם מאָגען.

אָט די טיפע פילאָזאָפיע האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער, איר זאָלט זיך ניט שרעקען פאַר אַ מענשען... בין איך דען גאָט, אַז איך זאָל אייך קענען טאָן אַ רעה אפילו; ווען איך זאָל וועלען? האָט איר דען ניט געהאַט אַ ביישפּיל אייער אייגענע האַנדלונג? איר האָט געמיינט מיר צו טאָן אַ רעה און גאָט האָט געמאַכט דערפון

פאר אונז אַלעמען אַ גליק. דעריבער זאָלט איר ניט אומגיין מיט קיין דאגות און ניט נעמען אויף זיך קיין זאָרג.

***

וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים והוא הצעיר.

יעקב האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף אפרים'ס קאָפּ און ער איז געווען דער אינגסטער.

יאָ, ווייל ער איז דער אינגסטער, נויטיגט ער זיך אין דער רעכטער האַנט, אין דער שטאַרקער האַנט, ווייל מען דאַרף דער יוגענט שענקען וואָס מער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מער השגחה און וואָס מער חיזוק.

***

כי באפם הרגו איש.

ווען מען קומט אַמאָל ביי איינעם זיך נאָכפרעגען אויף אַ צוויי־טען, וועגען קרעדיט אָדער וועגען אַן אַנדער זאַך און יענער גיט בלויז אַ דריי מיט'ן נאָז, איז „הרגו איש", הרג'עט מען אַוועק אַ מענשען . . .

***

אפרים ומנשה.

ווען מען קריטיקירט אַמאָל אַמעריקאַנער אידישע עלטערען פאר זייער גלייכגילטיגקייט צו דער אידישער ערציהונג פון זייערע קינדער, וועלען זיי אייך ענטפערען: „עס איז אַמעריקא, ברודער! די לעבענס־באַדינגונגען זיינען אַזעלכע, וואָס רויבען אַוועק די מעגליכקייט צו ערציהען קינדער אויף אַזאַ אופן, ווי מען האָט זיי ערצויגען אין דער אַלטער היים. מען מוז מיטשווימען מיט'ן שטראָם און זיך בויגען צו דער זייט, וואו דער ווינט בלאָזט. מען קען דאָס קינד ניט אָפּצאַמען פון דער דרויסענדיגער וועלט אין אַ חדר'ל פון פיר איילען. מען מוז געבען דעם קינד אַן אלגעמיינע בילדונג, כדי ער זאָל זיין אַ מענש מיט מענשען גלייך. קורץ, עס איז ניט לעכעוויץ, ברודער, עס איז אַמעריקא"!

דר. י. ל. שניצער

ווען, מען טראַכט זיך אָבער גוט אריין אין דער היינטיגער סדרה, קען מען זעהן, אַז דער תירוץ „אַמעריקא״ איז אויך ניט קיין נייער.

צוויי קינדער זיינען געבוירען געוואָרען צו יוסף׳ן אין מצרים און האָבען זיך ערצויגען אין אַן עגיפּטישער פּרינצליכער אַטמאָס־פּערע.

זיבעצען יאָר האָט דער אַלטער פרומער זיידע, פאַרבראַכט אין דער אידישער געטאָ אין גושן און האָט זיינע אייניקלעך ניט אָנ־געזען, נאָר גערעכענט האָט ער אז זיי זיינען געוויס געראָטען אין זיינע קינדער, וואָרים ווי קען דאָס גאָר אַנדערש זיין? יוסף, זיין ליבלינג, יוסף דער צדיק האָט זיי דאָך געוויס געגעבען די זעלבע ערציהונג וואָס ער האָט געקראָגען ביי זיין טאַטען. רעדט דער אַל־טער זיידע מיט באַגייסטערונג פון זיינע אייניקלעך און זאָגט צו אים: „שני בניך הנולדים לך בארץ מצרים לי הם״, דיינע צוויי קינדער זיינען אויך מיינע, „כראובן ושמעון יהיו לי״, אַזוי ווי ראובן און שמעון זיינען זיי ביי מיר פאררעכענט.

שפּעטער אָבער, ווען ער האָט אויף יוסף׳ס זיהן אַ קוק געטאָן, גיט ער אַ פרעג: „מי אלה״, ווער זיינען דאָס אָט די צוויי פרעמדע יונגע לייט?

גיט אים יוסף דעם זעלבען אַמעריקאנער תירוץ: „בני הם״. דאָס זיינען מיינע קינדער, „אשר נתן לי אלהים בזה״, וואָס גאָט האָט מיר געגעבען „בזה״ אין מצרים. דו פאַרשטייסט, טאַטע? דאָ איז ניט כנען, דאָ איז מצרים. מען מוז מיטשווימען מיט׳ן שטראָם און זיך בויגען צו דער זייט וואו דער ווינט בלאָזט.

זאָגט דער פאָטער צו אים: „איך ווייס דעם תירוץ, מיין זוהן, איך ווייס! „קחם נא אלי ואברכם״, ברענג זיי צו צו מיר און לאָמיר זיי ווייניגסטענס בענשען, אַז — ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק״, זיי זאָלען זיך רופען מיט זייערע אידישע נעמען, יאַנקעל און ניט דזשייק, אברהם און ניט איב, יצחק און ניט אייק״. און דערביי האָט ער אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף

דעם אינגערענס קאָפּ און זיין לינקע האַנט אויף דעם עלטערענס קאָפּ.

ווייל יוסף איבערבייטען דעם טאַטענס הענט, זאָגט דער פּאָטער צו אים: „איך ווייס, מיין זוהן, איך ווייס ווער דער בכור איז, אָבער עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט וואו צוויי וועגען וועלען ערשיינען פאר זייערע אויגען, אַ רעכטער וועג און אַ לינקער וועג. אויף דעם עלטערען, אויף דעם אויסגעוואַקסענעם, וועט דער לינקער וועג מיט דער לינקער תורה קיין גרויסע ווירקונג ניט האָבען, אפילו ווען די לינקע האַנט זאָל ליגען אויף זיין קאָפּ און אים פעסט צודריקען, וועט ער אויך פון זיין איבערצייגונג ניט אַוועקגיין. אָבער דער אינגערער, ער איז נאָך ניט ערפּארען גענוג, מען דערציילט אים, אַז דער לינקער וועג און די לינקע תורה וועט ראַטעווען די מענשהייט, מיינט ער, אַז דאָס איז אמת ויציב, אַט, אויף דעם יונגען קאָפּ מוז מען די רעכטע האַנט ארויפלייגען און איהם ווייזען וואו דער רעכטער וועג איז".

***

זיבעצען יאָר האָט דער אַלטער טאַטע אָפּגעלעבט אין דעם שטעטעל און ווי עס ווייזט אויס, האָט דער אויפגעקומענער זוהן ווייניג וואָס באַזוכט דעם אַלטען טאַטען, ווייל ווען דער אַלטער טאַטע איז קראַנק געוואָרען, „ויאמר ליוסף", האָט אימיצער אָנגע־זאָגט דעם זוהן, אַז דער טאַטע איז קראַנק און „ויגד ליעקב", מען האָט ווידער אָנגעזאָגט דעם טאַטען, אַז דער זוהן קומט. ווער רעדט, די אַריסטאָקראַטישע שנור, אסנת, איז אפילו ניט געקומען די גאַנצע צייט מבקר חולה זיין דעם אַלטען קראַנקען שווער.

דאָס ווייזט, אַז די טראַגעדיע פון אויפגעקומענע קינדער מיט אַלט־מאָדישע עלטערען איז ניט קיין נייע ערשיינונג אין אונזער איצטיגער וועלטעל, עס איז שוין אזוי אַלט ווי דאָס אידיש פאָלק.

שמות

ווען מען קוקט אַריין אין דער היינטיגער סדרה, זעט מען אַז „אין כל חדש תחת השמש״ — עס איז ניטאָ קיין נייעס אויף דעם אַנטיסעמיטישען וועלטעל. מען האָט אַמאָל אויך אָנגעווענדעט די זעלבע כל־זין ווי היינט.

„ויקם מלך חדש על מצרים״ — עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג אויף מצרים. דיספּוטירען אויף דעם פּסוק רב און שמואל. „חד אָמר״ — איינער זאָגט: „חדש ממש״ — עס איז טאַקע געווען אַ נייער קעניג. „וחד אָמר נתחדשו גזירותיו״ — און דער צוויי־טער זאָגט, אַז עס איז געווען דער אַלטער קעניג נאָר מיט נייע גזירות. פרעגט זיך אַ פראגע: וואָס איז דער אונטערשייד, צו דאָס איז געווען אַן אַלטע מכה, צו אַ נייע מכה? אַבי דאָס האָט שרעקליך ווייי געטאָן.

נאָר דער תירוץ איז, רב און שמואל האָבען געגעבען דערמיט אַ פּסיכאָלאָגישען איבערבליק מיט וועלכע מיטלען אונזערע אַנטי־סעמיטען ווענדען אָן געגען דעם אידען אים צו פאַרניכטען. זיי שטעכט די אויגען אונזער אייגענאַרטיג לעבען. זיי שטעכט אין די אויגען אונזער קולטור, אונזער עם סגולה אידעען, וועלכע ברענגען נייע לאָזונגען, נייע ווערטהען, און מיר שאַפען נייע רייכטימער און נייע אוצרות פאַר דער וועלט. זוכען זיי אַנצואווענדען געגען אונז צווייערליי מעטאָדען. איין מעטאָדע איז: צו געבען דעם אידען אַלע בירגערליכע פרייהייטען, צולאָזען אים צו אַלערליי געשעפטען כדי ער זאָל רייך ווערען, און „ורם לבבך ושכחת״ — אַז מען ווערט רייך, פאַנגט מען זיך אָן ביסלעכוויז צו אַסימילירען. די צווייטע

מענש און תורה

מעטאָדע איז: רדיפות און גזירות. מען טוט אָן דעם אידען אַזעלכע צרות, אַזעלכע יסורים, כדי עס זאָל אים מיאוס ווערען דער דרך היהדות, דאַן וועט ער זיך אויסמישען מיט זיי.

אָט דאָס איז די פּלוגתא פון רב און שמואל. איינער זאָגט: „מלך חדש״ — אַז עס איז געווען אַ נייער קעניג, וואָרום עס איז אונמעגליך אַז דער אַלטער קעניג זאָל פארגעסען דאָס גוטס וואָס אידען האָבען אויפגעטאָן אין מצרים, אָבער אויף אַ נייעם קעניג שיקט זיך דאָס שוין. דער ערשטער פּרעה איז געווען אַן אוהב ישראל, און דער צווייטער פּרעה איז געווען אַ שונא ישראל. דער צווייטער אָבער זאָגט: ניין, עס איז געווען דער זעלבער פּרעה, נאָר דאָס גוטס וואָס ער האָט פריהער געטאָן מיט די אידען איז ניט געווען מחמת גוטסקייט, נאָר מחמת רשעות. ער איז אויסען געווען אַז די אידען זאָלען אַראָפּגיין פון זייער דרך היהדות און זיך אויס־מישען מיט זיי, דעריבער האָט ער זיי געגעבען אַלע פרייהייט אין דער וועלט, זעענדיג אָבער, אַז דאָס העלפט ניט, האָט ער זיך גע־נומען צו דער צווייטער מעטאָדע, צו פארניכטען זיי מיט צרות און רדיפות. דער אַלטער פּרעה, נאָר מיט נייע גזירות...

***

וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי.

איז געגאַנגען אַ מאַן פון שבט לוי און האָט גענומען אַ ווייב פון דעם זעלבען שבט און ביי זיי איז אַ זוהן געבאָרען געוואָרען.

דאָס איז דער גאַנצער יחוס פון אונזער אידישען גואל, פון אונזער אידישען געזעץ־געבער. ער איז געקומען אויף אַ נאַטירלי־כען אופן, פון אַ מענשליכען טאַטען, און פון אַ מענשליכער מאַמען.

ביי די אַלטע גריכען, רוימער, עגיפּטער, כינעזער, און זאָגאַר ביי די אַלטע מעקסיקאַנער, זיינען זייערע גדולים געבאָרען געוואָרען אָן טאַטעס. דער גרויסער פילאָזאָף פּלאַטאָ האָט געהאַט אַ מאַמען, אָבער ניט קיין טאַטען, זיין טאַטע איז געווען (אַזוי זאָגט מען) אפּאָלאָ,

דר. י. ל. שניצער

דער זון־גאָט, וועלכער האָט געשיקט זיינע זון־שטראַלען און האָט זיין מאָמען שוואַנגער געמאַכט.

ווי עס קוקט אויס, איז אפּאלא זייער אַ געפערליכער שאַרלאַטאַן געווען, נאָך פיל ערגער ווי דער אויבער־גאָט יופּיטער. אַ גאַנצע וועלט מיט יונגפרויען האָבען געהאַט צו קלאָגען אויף אַפּאלא'ס יאָרען, אַז ער איז געווען דער פאָטער פון זייערע קינדער. מאַנכע ווידער, האָבען זיך נאָך געשעמט צו דערציילען אַז זיי האָבען געהאַט ליבע פאַרהעלטעניסען מיט דעם זון־גאָט.

אַט האָט צום ביישפּיל די אָרעמע קלימענע זיך געראַנגעלט געגען איר זוהן, וועלכער האָט געפאָדערט פון איר אַז זי זאָל אים זאָגען ווען זיין פאָטער איז. ביז זי האָט זיך סוף כל סוף מודה געווען פאר אים, אַז זיין טאַטע איז אפּאלא, דער זון־גאָט, און דער אינגעל האָט זיך גענומען גרויסען מיט זיין יחוס. ניט אזוי די קינדער אַליין האָבען זיך געגרויסט מיט דעם יחוס, נאָר אַ סך מאַמעס זיינען געוואָרען ביי זיך גדול'דיג דערמיט וואָס זיי האָבען ארויפ־געוואָרפען זייער אויסגעלאסענהייט אויף די פּלייצעס פון די געטער.

שפּעטער האָט מען אויך אונזער לאַנדסמאַן, יאָסעל פון נצרת, צוגעטיילט דעם כבוד און געזאָגט אַז ער איז געבאָרען געוואָרען אָן אַ טאַטען. אַ הייליגער גייסט האָט זיין מאַמען באַפרוכפּערט, און עס איז געבאָרען געוואָרען אַ זוהן פון גאָט.

און בשעת די אַלע פעלקער האָבען זייערע צולאָזענע פרויען פאַרשלעפּערט אין הימעל־בעטען און געמאַכט גלויבען די וועלט אַז זייערע גדולים שטאַמען פון געטער, האָט די אידישע תורה זיך גראָדע אָפּגעשטעלט אויף משה רבנו'ס יחוס, אַז ער דער גרעסטער פון אַלע אידען, דער אידישער געזעץ־געבער, האָט געהאַט ניט נאָר אַ מאַמען, נאָר אויך אַ טאַטען, אַ מאַן פון שבט לוי, און איז ניט געווען קיין גאָט, און אויך ניט קיין האַלבער גאָט, נאָר אַ מענש ווי מיר אַלע, געבאָרען געוואָרען פון גוטע אידישע עלטערען, וואָס האָבען זיך פאַרבונדען צו פירען אַן ערליכען פאַמיליען־לעבען.

***

מענש און תורה

ותראהו את הילד והנה נער בוכה.

פרעה׳ס טאָכטער האָט דערזעהן אַ קינד וואָס וויינט ווי אַ „נער״, ווי אַ דערוואַקסענער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ אידיש קינד, ווייל נאָר אַ אידיש קינד, קען אזוי ביטער וויינען ווי אַ דער־וואַקסענער. די אידישע צרות האָבען אַרויסגעוויינט פון אים.

***

האָט אימיצער אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם מערקווירדיגען פארגעניגען וואָס אַ מענש האָט פון טראַכטען?

אָן שיפען, אָן באַנען, אָן טראַמווייען און אָן אָטאָמאָבילען באַ־רייזט מען אין איניגע מינוטען דעם גאַנצען ערד־קוגעל, די ווערטער „ווייט״ און „צייט״ זיינען אין דער געדאַנקען וועלט ניטאָ, מען רעדט מיט לעבעדיגע, מען רעדט מיט טויטע, מען הערט שטימען פון מענשען וואָס געפינען זיך טויזענטער מיילען ווייט פון אונז, און אויך שטימען פון אַזעלכע וועלכע זיינען שוין יאָרען לאַנג טויט.

וואונדערבאַר! וואונדערבאַר, איז דער געדאַנקען וועלט!

אָט זעה איך אין דער געדאַנקען־וועלט ווי דאָס אידישע פאָלק אַרבייט שווער און ביטער און בויט אייביגע הויכע פיראַמידען פאר אַ ווילדען קעניג וואָס איז ארומגערינגעלט מיט אַ חברה שווינדלערס און מכשפים און וויס ניט, פון פיל וואוילטאָג, וואָס צו טאָן.

אָט זע איך אין דער געדאַנקען־וועלט ווי פרעה מיט זיינע מכשפים האַלטען אָפּ די ערשטע קאָנפערענץ וועגען דער אידען־פראגע. די ערשטע אידען־פראגע אין דער וועלט געשיכטע.

אָט הער איך אין דער געדאַנקען־וועלט ווי אַלע קאַבינעט מיט־גלידער זיינע האָבען איינגעשטימט קיין נייע אידען ניט ארייגצולאָזען אין לאַנד. יעדער זכר אימיגראַנט וואָס וועט קומען זאָל מען אים אין וואַסער אריינוואַרפען.

אָט זע איך ווידער אַ גאַנצע רייהע בילדער פאַר זיך. אָט זע איך משה׳ס הערליכע פיגור ווי ער שטייט און מונטערט זיינע ברי־דער. ער ערקלערט זיי וואָס עס מיינט פרייהייט און וואָס עס מיינט

דר. י. ל. שניצער

באַקוועמליכקייט צו האָבען אַן אייגען לאַנד און זיין אַן אייגענער בעל הבית איבער זיך.

אַט זע איך ווידער אין דער געדאנקען־וועלט אַ אידיש קע־ניגרייך, אידישע קנאה־שנאה, אידישע זינד, עס קומט איין חורבן נאָכ'ן צווייטען, איין גלות נאָכ'ן אַנדערען. דאָס קליינע אידישע פאָלק ווערט צוזייט און צושפרייט און צוטיילט אין קליינע גרופּען: רוסישע אידען, פּוילישע אידען, גאַליציאַנער אידען, רומענישע אידען, דייטשע אידען, ענגלישע אידען, אַמעריקאנער אידען, פראנצויזישע אידען, פּאָרטוגעזישע אידען, תימן'ער אידען, אָפּגעריסענע אידען, נאַרישע אידען, פארפירטע אידען, גרופּען, גרופּען וואָס זיינען קיין מאָל ניט אייניג, און איך טראַכט ביי זיך: אַז צו זיין אַ משה איצט איז פיל, פיל שווערער ווי אַמאָל, כאָטש אַלע גרופּען ווייסען און פילען אַז מען מוז האָבען אַן אייגענע היים, ווייל לענדלאָרדס בייטען זיך. מען פאָלט אַמאָל אריין צו אַ לענדלאָרד אַ ווילדע בריאה וואָס דערגייט די יאָרען און די טעג. און דאָך זיצט מען די הענד פאַר־לייגט און מען טוט גאָרניט! איצט פרעגט זיך די פראַגע: וועל־כע שקלאַפען זיינען מער פאַרטגעשריטען געווען — די אַמאָליגע פרעה'ס־שקלאַפען, צו די איצטיגע „מאמאָנ'ס" שקלאַפען?

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ווי מיר ווייסען, איז משה רבנו געווען איבערגעגעבען זיינע אָרימע פאַרשקלאַפטע ברידער, מיט לייב און לעבען, פון יוגענד אָן איז שוין זיין האַרץ צובראָכען געווען אויף זייער פינסטערער, ביי־טערער לאַגע, איז דאָך, נאָכ'ן שכל נאָך, ווען גאָט האָט אים געהייסען גיין באַפרייען זיינע ברידער, האָט ער זיך געדאַרפט מיט שמחה אָנ־כאַפּען אָן דער שליחות. צום סוף לאָזט זיך אויס אַז ער האָט גע־זוכט מיט אַלערליי תחבולות און קונצען, זיך ארויסצודרייען פון געשעפט: ער איז ניט קיין רעדנער, ניט קיין פּאָליטיקער, און זאָל דער אובערשטער בעסער שיקען זיין ברודער אהרן אויף זיין פּלאַץ.

מענש און תורה

פרעגט זיך די פראגע: ווי קומט עס אַז אַזאַ גרויסער פּאַטריאַט ווי משה איז געווען, זאָל ער גאָר זוכען זיך אַרויסצודרייען פון אַזאַ וויכטיגער שליחות?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם בן־יחיד:

אַ רייכער פּאָטער האָט געהאַט איין איינציגען זוהן, וועלכער האָט זיך זעהר ניט שיין אויפגעפירט. ער האָט זיך גענומען חבר'ן מיט ניט קיין שיינע חברותא, נאָכגעטאָן זייערע מעשים און געטאָן אַזעלכע זאַכען וואָס פאַר'ן פּאָטער איז דאָס ניט געווען קיין כבוד. איז דער פּאָטער אין כעס געוואָרען און אים באַשטראָפט אַז פיר יאָר צייט זאָל ער פאַר זיינע אויגען ניט קומען, ער וויל זיין פּנים ניט אָנקוקען. נאָך די פיר יאָר צייט, אַז ער וועט זיך אַביסעל אויסמענשלען, וועט ער דאָן זען וואָס ער האָט צו טאָן מיט אים.

האָט זיך, נעבאַך, דער בן־יחיד אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד און געטאָן כל עבודת פרך, געטראָגען ציגעל, געקנאָטען ליים און געשטאָרבען דריי מאָל אין טאָג פון הונגער. ער פלעגט שרייבען זיין פּאָטער האַרצרייסענדע בריוו און אים בעטען, ער זאָל איהם העלפען אין זיין פינסטערער, ביטערער לאַגע, אָבער דער פּאָטער האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט.

אַזוי זיינען אַוועקגעלאָפען צוויי יאָר צייט. אויפ'ן דריטען יאָר האָט דער פּאָטער רחמנות געקראָגען אויף זיין בן־יחיד, איז ער אַוועק צו זיינעם אַ נאָענטען קרוב מיט'ן נאָמען ר' משה און איהם געבעטען, אַז ער זאָל גיין ברענגען זיין זוהן צו אים צוריק. האָט ר' משה זיך צו אים אָפּגערופען: „איך קען זייער גוט דיין נאַטור, איך ווייס אַז דו האָסט נאָך קיין מאָל ניט משנה בדבור געווען, אַז דו האָסט איינמאָל ארויסגערעדט פון דיין מויל פיר יאָר, איז דאָס פיר יאָר. איצט ווילסטו כלומר'שט אויף אַ ווילע צו זיך אים נעמען און נאָכדעם אים ווידער שיקען אין גלות ענדיגען די אַנדערע צוויי יאָר. נייך, אויף אַזאַ אופן גיי איך ניט! שיק בעסער מיין ברודער אהרן, אָבער ניט מיר". אָבער אַז דער פּאָטער האָט אים

דר. י. ל. שניצער

פֿאַרזיכערט אַז ער טוט דאָס אויס רחמנות און אַז ער וועט אים מער אין גלות ניט שיקען, דאַן האָט ר׳ משה די שליחות אָנגענומען.

דער אויבערשטער האָט אברהמ׳ן אויסדריקליך געזאָגט אַז זיינע קינדער וועלען זיין אין גלות פיר הונדערט יאָר. פלוצים, אין מיטען טערמין, הייסט ער משה׳ן גיין זיי באַפרייען. משה האָט געזוכט מיט אַלערליי קונצען זיך אַרויסצודרייען, אָבער ווען דער אויבערשטער האָט אים פֿאַרזיכערט אַז ער מיינט אַ ריכטיגע גאולה, „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה״ — אַט אויף דעם באַרג וועל איך זיי געבען אַ תורה און אַנשטאָט פרעה׳ן וועלען זיי מיר אָפדינען די איבעריגע צייט וואָס עס קומט זיי צו דינען, דאַן איז משה געגאַנגען אויספירען דעם אויבערשטענס שליחות.

וארא

פרעה קריגט קלעפ און גיט זיך ניט אונטער. משמעות, אַז אומ־זיסטע שקלאַפען איז זעהר אַ געשמאַקער ביסען. אַט האָבען מיר אַמאָל דאָ אין אַמעריקע אויך געהאַט אַ בירגער־קריעג צוליב די אומ־זיסטע שקלאַפען; די צפון־שטאַאַטען האָבען געזוכט צו באַפרייען די שקלאַפען, און די דרום־שטאַאַטען האָבען געוואָלט זיי אָנהאַלטען, און אפילו איצט, אין דעם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט, זוכט מען אויך צו שלאָגען קאַפּיטאל פון ביליגע שקלאַפען־הענט. איין ראַסע פאַר־פאָלגט די צווייטע, איין לאַנד פאַרשקלאַפט די צווייטע, מען פיהרט מלחמות, מען הרג׳עט אויס מיליאָנען מענשען אין נאָמען פון נאַציזם, פאַשיזם, קאָמוניזם, און נאָך אַזעלכע נעמען, וואָס די מאָדערנע פרעה׳ס האָבען זיך אין זייערע קעפּ ארייגעגנומען.

און דאָס איז אַלץ די ארבייט פון דעם נחש־הקדמוני, פון דער אַמאָליגער שלאַנג אין גן עדן, וועלכע האָט זיך ארייגעגנב׳עט ביים מענשען אין האַרצען און האָט אים געגומען איינרעדען, אַז ער זאָל פאַרלאַנגען אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען ניט נויטיג פאַר זיין עקזיסטענץ. ער האָט אים געוויזען, צום ביישפּיל, דעם בליאַסק פון גאָלד, דעם בליץ פון געוויסע שטיינדלאַך און נאָך אַזעלכע זאַכען, וועלכע ברייגען אים קיין שום נוצען ניט. נאָר ער האָט אָנגעצונדען אין אים זיין תאוה און אים געגומען איינרעדען, אַז די אַלע שפּילצייג זיינען אַ נויטווענדיג־קייט, עס מאַכט שיין, מ׳באַקומט דורך דעם מאַכט און קראַפט, און נאָך אַזעלכע גליקען, אָבער אַזוי ווי די אלע זאַכען זיינען ניטאָ גענוג אין דער נאַטור, אַז מען זאָל עס קענען פאַרנאַנדערטיילען, האָבען זיך די שטאַרקערע גענומען באַנוצען מיט׳ן מיטעל פון שקלאַפעריי. אַ פרעה

דר. י. ל. שניצער

האַט זיך געוואָלט אומשטערבליך מאַכען מיט בויען פּיראַמידען און פעסטונגען, האָט ער גענומען אַ פאָלק, אַן אינטעליגענטען פאָלק, נאָר אַ פרעמדס, ניט פון מצרים, און האָט זיי פארשקלאַפּט, כדי צו באַפריי־דיגען זיין תאוה פון מאַכען זיך אומשטערבליך.

שפּעטער איז געוואָרען אַ גאַנצער האַנדעל מיט שקלאַפען. מען פלעגט כאַפּען מענשען און זיי פארקויפען פאר שקלאַפען, און די שקלאַפען פלעגען באפרידיגען די תאוה פון זייערע בעלי בתים דורך גראָבען פאר זיי גאָלד, זילבער, איידעל־שטיינער און נאָך אַזעלכע זאַכען.

און דאָס קען אויך זיין איז געווען משה׳ס פאָרשטעלונג אין דער היינטיגער סדרה מיט׳ן שטעקען און שלאַנג.

וואָרום אייגענטליך, אויב דער אויבערשטער האָט געוואָלט ווייזען פרעה׳ן אַ מופת, טאָ פארוואָס האָט ער איהם געוויזען גראדע אַזאַ מופת, וואָס זיינע חרטומים האָבען עס געקאָנט נאָכמאַכען?

נאָר דער תירוץ איז, אַז דער שטעקען מיט׳ן שלאַנג איז ניט געווען קיין מופת, נאָר אַ פאָרשטעלונג פון פרעה׳ס כאַראַקטער.

— דו, פרעה, דו ווייסט וואָס דער ערשטער איד יוסף האָט אויפ־געטאָן פאר׳ן לאַנד מצרים, ער האָט דאָס לאַנד פון הונגער געראַטעוועט און עס גליקליך געמאַכט, צום סוף מאַכסטו זיך כי־לא־ידע פון יוספ׳ס נאָבעלער אַרבייט און דו פאַרשקלאַפסט זיינע ברידער?!

— דו, פרעה, דו האַלסט אין דיין האַנט אַ שרביט (סצעפּטער), וואָס גאָט האָט דיר געגעבען אויסצוטיילען חסד צו אַלע דיינע אונטער־טאַנען אָהן אַן אויסנאַם, צום סוף האָסטו פון סצעפּטער געמאַכט אַ שטעקען, און פון דעם שטעקען אַ שלאַנג.

— פרעה, דו ביזט געגליכען צו יענעם רייזענדער, וואָס האָט געפונען אַ פארפראָרענעם שלאַנג אויפ׳ן וועג. אויס רחמנות האָט ער זי צו זיך אין בוזעם ארייגענומען, כדי זי צו דערוואַרעמען, און ווען די שלאַנג איז צו זיך געקומען, האָט זי דעם בעל־רחמנות גע־טויט מיט איהר גיפט.

מענש און תורה

— אַט אַזוי האַנדלסטו איצט מיט די אידען, וואָס האָבען דיין לאַנד פון הונגער געראַטעוועט. דיין סצעפּטער איז אַ שטעקען וואָס שלאָגט, און דיין דאַנקבאַרקייט אַ ביס פון אַ שלאַנג.

אָבער פּרעה האָט דעם וואונק אויף זיין כאַראַקטער ניט פאַר־שטאַנען. ער האָט געמיינט, אַז משה און אהרן זיינען געקומען ווייזען איהם אַ מופת, האָט ער גערופען זיינע חרטומים און געוויזען, אַז זיי קענען אויך דעם זעלבען קונץ מאַכען.

***

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים.

אַ קראַנקער ווען ער פילט אַ ווייטאָג, זוכט ער זיך כלומר'שט צו ראַטעווען. שלעכט אָבער איז דעם קראַנקען, וואָס פילט ניט קיין ווייטאָג, דאַן ווערט אים יעדען טאָג אַלץ ערגער און ערגער. מיט דעם גלות איז אויך אזוי. דער ערגסטער גלות איז — ווען מען הערט אויף צו פילען דעם גלות, ווען מען ווערט צוגעוואוינט צו די אַלע צרות און יסורים. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים", אויב איר האָלט שוין ביי אַזאַ מצב, אַז איר קאָנט שוין סובל זיין דעם גלות. דאָס הייסט, איר פילט שוין גאָר מעהר קיין ווייטאָג ניט, אייך אַרט שוין דער גלות ניט... דאַן איז די העכסטע צייט אייך שוין ארויס־צופיהרען פון מצרים.

***

בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי.

איצט געה איך שיקען פּרעה'ן אַלע מיינע מגפות, זאָגען אויף דעם אונזערע חכמים: „מכאן שמכות בכורות שקולה כנגד כל המכות", פון דאַנען איז געדרונגען, אַז „מכות בכורות" איז געוועזן די גרעסטע און די וויכטיגסטע פון אַלע מכות. פרעגט זיך די פראגע: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט געבען פּרעה'ן צעהן מכות, ער האָט דאָך איהם גלייך געקענט דערלאַנגען די מכות בכורות און פאַרטיג?

נאָר דער תירוץ איז: אַז ווען אַ פּריוואַטער מענש קאָכט אַ מיטאָג פאַר זיך אליין, קאָכט ער בלויז איין געריכט, אָדער צוויי געריכטען

און פאַרטיג, אָבער ווען אַ בעל אכסניא קאָכט אַ מיטאָג פאר זיינע אורחים, דאַן מוז ער שוין מאַכען פארשידענע געריכטען, כדי צופרידען צו שטעלען דעם געשמאַק פון זיינע אורחים.

ווען די מכות וואָלטען געווען פאר פרעה׳ן אליין, וואָלט טאַקע גענוג געווען איין גרויסע מכה און פאַרטיג. אָבער די צרה איז געווען, וואָס די אידען אליין זיינען ניט געווען קיין גרויסע מאמינים, זיי האָט מען געדאַרפט ווייזען מכות פון פארשידענע מינים, כדי זיי זאָלען באַגייסטערט ווערען פון דעם אויבערשטענס וואונדער. אָט די פאר־שידענע מכות האָבען זיי געוויזען, אַז דאָס איז דעם אויבערשטענס ארבייט, און זיי זיינען גרויסע מאמינים געוואָרען.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

דער „דרך החיים" זאָגט: אַז מען מוז מכוון זיין מיט גרויס כוונה יעדע ברכה, איבערהויפט ווען מען דערמאָנט דעם אויבערשטענס נאָמען. (יכוין בברכות, וכשיזכיר השם יכוין שהוא אדון הכל), צו־פעליגערווייז איז ער געלאַדען געווען מיט אַ באַרימטען רב צוזאַמען אויף אַ בר מצוה סעודה און ווען דער רב האָט געמאַכט אַ ברכה, האָט ער עס אזוי שנעל אַ מורמעל געטאָן, אַזוי ווי אַ בעל קורא די „עשרת בני המן" אין דער פורים׳דיגער מגילה. פרעגט זיך די פראַ־גע: וואו איז די כוונה אַהינגעקומען?

— מיין ליבער פריינט — האָב איך צו איהם געזאָגט, — אויב איהר זייט אַזאַ פרומער איד און דערצו נאָך אַזאַ גרויסער מקפיד, דאַרפט איהר וויסען דאָס וואָס די גמרא זאָגט: „אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה אל תהרהר אחריו", אויב איהר האָט געזעהן, אַז אַ תלמיד חכם איז באַגאַנגען אַן עבירה טאָרט איהר ניט נאָכקלעהרען וועגען דעם. און דערביי האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער:

רבי לוי יצחק האָט געדאַוועט יום כפור פאר׳ן עמוד, און ווען עס איז געקומען צו דער ברכה: מלך מוחל וסולח לעונותינו ולעונות

עמו בית ישראל, ומעביר אשמותנו בכל שנה ושנה, איז ער געבליבען שטעהן שטיל און פארצווייפעלט אַ היבש שטיקעל צייט. נאָכדעם האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט און אַ זאָג געטאָן די ברכה מלך מוחל וסולח מיט אַ געוואַלדיגער שנעלקייט. נאָך דער ברכה איז זיין געזיכט ליכטיגער געוואָרען און אַ זיסער שמייכעל האָט זיך צעשפרייט איבער זיינע ליפען.

מוצאי יום כפור, האָט דער עולם איהם אַ פרעג געטאָן:

— רבי, וואָס האָט איהר זיך אזוי מאָדנע אויפגעפיהרט ביי דער ברכה מלך מוחל וסולח? איהר זייט אַ צייט שטיל געבליבען, נאָכדעם זיך פונאַנדערגעוויינט, און צום סוף זעהר שנעל אַ זאָג געטאָן די ברכה?

— איך וועל אייך זאָגען — האָט רבי לוי יצחק זיי געענטפערט — זאָגענדיג די תפלה „מחל לעונותינו" בין איך אריין אין אַזאַ מין עקסטאַז, אַז מיין נשמה האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך, און איך האָב דערזעהן, אַז מען קווינקעלט זיך עפּעס צו געבען אַ מחילה דעם כלל ישראל, ווייל דער שטן האָט צופיל מקטרג געווען אויף זיי. בין איך געבליבען שטעהן פארצווייפעלט און דערשראָקען, פלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַ מעשה'לע וואָס איך האָב געזעהן: אַ טאַטע האָט געפיהרט זיין אינגעל אין חדר, פארבייגעהענדיג דעם מאַרק, האָט דער אינגעל דערזעהן עפּעל, זאָגט ער צום טאַטען:

— טאַטע, קויף מיר אָן עפּעל!

— דו דאַרפסט ניט קיין עפּעל — האָט דער טאַטע איהם געענטפערט.

— טאַטע, קויף מיר אָן עפּעל! — האָט דער אינגעל גענומען וויינען.

— איך וועל דיר ניט קויפען! — האָט דער טאַטע זיך אַ בייזער געטאָן.

זעהענדיג, אַז דער טאַטע איז איינגעשפּאַרט, און וויל איהם דעם עפּעל ניט קויפען, האָט דער אינגעל שנעל אַ מאַך געטאָן די ברכה „בורא פרי העץ".

דר. י. ל. שניצער

זייענדיג אַ פרומער איד, האָט דער טאַטע ניט געוואָלט, אַז דער אינגעל זאָל מאַכען אַ ברכה לבטלה, האָט ער איהם געקויפט דעם עפעל.

דאָס זעלבע האָב איך אויך געטאָן, איך האָב מיך פונאַנדערגעוויינט פאַר׳ן רבונו של עולם, אַז ער זאָל מוחל זיין דעם כלל ישראל, זעהענדיג אָבער, אַז עס געהט צו זעהר שווערליך, האָב איך שנעל אַ זאָג געטאָן די ברכה: „מלך מוחל וסולח״, און אַ טראַכט געטאָן:

— נו, רבונו של עולם, דו וועסט דאָך ניט וועלען, אַז איך זאָל מאַכען אַ ברכה לבטלה, דעריבער מוזטו מוחל זיין דעם כלל ישראל און זיי אָנשרייבען אַ גוט יאָהר!

בא

מי ומי ההולכים.

צוויי הונדערט און צעהן יאָהר האָבען די אידען געשקלאַפּט אין מצרים, און ווען דער אויבערשטער האָט געשיקט משה'ן זיי צו באַפרייען, האָט ער צו אים געזאָגט: „לך ואספת את זקני ישראל" (געה און זאַמעל צונויף די אַלטע אידען). פרעגט זיך די פראגע: פארוואָס עפּעס די אַלטע אידען? וואו זיינען די יונגע אידען געבלי־בען?

נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט דאַן אין מצרים געהערשט מיי־נונגס־פארשידענהייט צווישען דעם אידישען פאָלק, יונג און אַלט זיינען ניט געגאַנגען צוזאַמען, יונג און אַלט האָבען אָנגעפירט אַ קאַמף צווישען זיך, דעריבער האָט גאָט געזאָגט צו משה'ן, „לך ואספת את זקני ישראל", געה פריהער און זאַמעל צונויף די עלטערע אידען, דעם מאַרך פון דעם אידישען פאָלק, נאָכדעם זאָלסטו זיך נעהמען צו די אינגערע, צו די הענט, צו די ארבייטער, ווען דער מאַרך מיט די הענט וועלן זיין פאראייניגט, דאַן וועט איר זיגען.

און אזוי איז געווען. די גאַנצע צייט האָט פרעה ניט געפרעגט „מי ומי ההולכים" (ווער זיינען די געהערס?) ער האָט גערעכענט, אַז דאָס איז בלויז אַ קאַפּריז פון אַ פּאָר אויפגעקומענע אַלרייטניקעס, וועלכע זיינען געוואָרען אויף דער עלטער רעפאָרמער און ווילען מאַכען אַ סוירמאַן, אָדער אַ גאָטעס־דינסטעל, אָבער די יוגענט, וועלכע איז אויפגעצויגען געוואָרען אין מצרים, לאַכט זיך געוויס אויס פון די אַלע זאַכען.

אָבער ווען משה האָט צו אים אַ זאָג געטאָן: „בנערינו ובזקנינו נלך" (יונג און אַלט צוזאַמען וועלען מיר געהן) דאָס הייסט, אַז די

דר. י. ל. שניצער

ביידע עלעמענטען זיינען ביי אונז פאַראייניגט, דאָ איז פרעה אין כעס געוואָרען און זיי אַרויסגעטריבען (ויגרש אתם מאת פני פרעה), ווייל פרעה האָט געפיהלט, אַז אַזאַ מין פאַראייניגונג וועט געוויס פיהרען צום טריאומף.

***

לייענט ישראל היינטיגען שבת אין דער תורה: „החודש הזה לכם ראש חדשים", דער חודש ניסן איז דער ערשטער, דער וויכ־טיגסטער, און דער אָנפאַנג פון אַלע חדשים אין יאָהר. נאָך דעם שרעקליכען ווינטער, ווען אַלעס אין דער נאַטור איז געווען ווי אָפּ־געשטאָרבען, דער באַדען באַדעקט מיט שנעע; די בוימער זיינען געשטאַנען ווי אַבלים און געטרויערט נאָך זייערע בלעטער און בלומען וועלכע זיינען פארשוואונדען; די טייכעלעך האָבען אויפגעהערט זיך צו באַוועגען און אויסאַרבייטען זייערע חנ׳עוודיגע פאַלבען; די פויגעלעך האָבען אַריבערגעטראָגען זייערע טרעלען־געזאַנג אין די וואַרימע לענדער, און אויף זייער פלאַץ זיינען אָנגעקומען שוואַרצע קראָהען מיט זייער טרויעריגען: קראָ! קראָ! קראָ!... נאָך דעם דאָזיגען ווינטער, קומט דער חודש ניסן, וועלכער ברענגט מיט זיך דעם ערליכען פריהלינג און די גאַנצע נאַטור לעבט ווידער אויף!...

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך דורכגעמאַכט אַ געפעהרליכען ווינטער אין מצרים, אַ טיפער קאַלטער שנעע האָט באַדעקט און איינ־געבויגען זייערע קעפּ. זייערע יונגע בלימעלעך און פלאַנצונגען, זיינען געלעגען פארפראָרען אָהן אַ שום לעבען אין זיך, און די קערפערליכע און גייסטיגע שקלאַפעריי, האָט זיי אַלעמען פאר געצענדינער גע־מאַכט.

איז געקומען דער חודש ניסן, און דאָס אידישע פאָלק האָט אַראָפּ־געוואָרפען פון זיך, דעם שרעקליכען מצרים ווינטער, און האָט גענומען צוריק אויפלעבען. די יונגע בלימעלעך האָבען אויך ערוואַכט פון זייער ווינטער שלאָף און גענומען מורמלען צו די אַלטע בוימער: „בנערינו ובזקנינו נלך", צוזאַמען, צוזאַמען, לאָמיר עמפפאַנגען דעם

זיסען פריהלינג. דעריבער איז דער חודש ניסן ביי אונז אַזוי ליעב און טייער, ווייל אויסער וואָס מיר זיינען אין דעם מאָנאַט פון דעם גלות מצרים אויסגעלייזט געוואָרען, האָפען מיר נאָך אויך אין דעם מאָנאַט פון דעם איצטיגען גלות אויסגעלייזט צו ווערען, (בניסן נגאָלו, ובניסן עתידין להגאל)...

***

החודש הזה לכם:

דער חודש ניסן באַלאַנגט צו אייך, דאָס הייסט, ער ליגט אין אייערע הענט איהם צו מאַכען פאר אַ גאולה־חודש אין דער צוקונפט.

וויפיל מיליאָנען האָט ישראל אַוועקגעגעבען פאר די לעצטע צוויי טויזענט יאָהר אין גלות, צו זיינע בלוטיגע שונאים אלס „לא יחרץ" געלט, אַז מען זאָל איהם צורוה לאָזען. מיט די מיליאָנען האָט ער שוין לאַנג לאַנג צוריק געקענט האָבען אַן אייגען לאַנד פאר זיינע אונגליקליכע און פארוואָגעלטע ברידער. ישראל האָט אָבער פאַרנאַכלעסיגט דעם „לכם" און זיצט און וואַרט אויף נסים!...

***

זאָגט צו מיר אַ איד: יעדעס מאָל ווען עס קומט שבת פרשה חודש, דערמאָנט ער זיך וואָס דער מדרש זאָגט אויף דעם און ער קען איהם בשום אופן ניט פארשטיין.

„החודש הזה לכם" — גאָט זאָגט צו די אידען אז פון דעם חודש פאַנגט זיך אָן צו ציילען אייער גאולה, „אמרו לפניו" — האָבען די אידען זיך צו איהם אָפּגערופען: „רבונו של עולם, ארבע מאות שנה אמרת לנו להשתעבד, ועדיין לא שלמו" — דו האָסט אונז געזאָגט אַז מיר וועלען מוזען שקלאַפען אין מצרים פיער הונדערט יאָהר, טאָ ווי קומט עס אַז דו נעהמסט אונז ארויס פאר דער צייט? „אמר להם כבר שלמו, שנאמר הנצנים נראו בארץ" — האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט, אז די צייט האָט זיך שוין לאַנג געענדיגט, אַ באַווייז האָט איהר, אַז דער פרילינג האָט זיך שוין באוויזען אין לאנד. „מיד גלו

הצדיקים את ראשיהם שהיו מכוסים״ — ווי די אידען האָבען דאָס דערהערט, האָבען די צדיקים גלייך אויפגעדעקט זייערע קעפּ וואָס איז געווען די גאַנצע צייט צוגעדעקט. פרעגט זיך אַ פראגע: וואָס האָט „אתה הראית״ צו דער אַרענדע? ווער זיינען געווען די צדיקים? און וואָס מיינט צוגעדעקטע קעפּ און אָפּגעדעקטע קעפּ?

האָב איך געענטפערט דעם אידען: ווען ער וואָלט זיך אַביסעלע טיפער ארייגעטראַכט אין מדרש, וואָלט ער געזעהן וואָס פאַר א הויכער און טיפער געדאַנק דאָרט ליגט. אין די פאַר קורצע ווערטער שפּיגעלט זיך אָפּ די טראַגעדיע פון אונזער אַמאָליגען גלות, ווי אויך די טראַגעדיע פון אונזער איצטיגען גלות.

ווי מיר ווייסען, האָבען אונזערע חכמים מתקן געווען „קידוש לבנה״, צו באַנייען די לבנה יעדען חודש. דער זין פון מחדש זיין די לבנה איז איינצופלאַנצען באַגייסטערונג און גלויבען צו דער אייביגקייט פון אידישן פאָלק, די גוים זיינען געגליכען צו דער זון, זי איז אימער ליכטיג. זיי האָבען די ערד, די טייכען, די ימים, מיליטער, ארמייען, געלד, קראַפט, מאַכט און רעגירונגען. די אידען אָבער זיינען געגליכען צו דער לבנה, אַ שוואַכע ליכטיגקייט, וועלכע קריגט איהר השפעה פון דער זון. און ניט אַלע מאָל איז זי ליכטיג. עס קומט ענדע חודש ווערט זי זעהר פינסטער און מען מיינט אז עס איז שוין אויס לבנה, זי וועט שוין מעהר צוריק ניט אָפּלעבען. אָם ענדע אָבער באַווייזט זי זיך ווידער. איהר אויפלעבען דערוועקט אין אונז באַגייסטערונג, גלויבען און האָפנונג אַז מיר וועלען נאָך אַמאָל אויך אויפגעריכט ווערען.

„כשם שאַני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה״ — אזוי ווי איך טאַנץ אַנטקעגען דער לבנה און קען דיך ניט אָנריהרען, אזוי זאָלען מיינע שונאים זיך ניט קענען אָנריהרען אָן מיר! „דוד מלך ישראל חי וקים״ — דוד, דער סימבאָל פון אידישען פאָלק, לעבט און עקזיסטירט אייביג. אָט דאָס איז דער געדאַנק פון מחדש זיין די לבנה יעדען חודש, די לאגע פון דער לבנה

מענש און תורה

איז די אידישע לאַגע און די באַנייאונג פון דער לבנה איז די ווידער־געבורט פון אידישען פאָלק.

נאָך אַ געדאנק, פיעל העכער און שעהנער ווי דער ערשטער, האָבען אונזערע חכמים אויסגעדריקט מיט מחדש זיין די לבנה.

וואָס נעהענטער די לבנה קומט צו צו דער זון, אַלץ פינסטערער און פינסטערער ווערט איהר אייגענע ליכט, און וואָס ווייטער זי איז פון דער זון, אלץ מעהר ווערט די לבנה ליכט שטאַרקער.

ווען דער איד רוקט זיך צו צו דער זון, צו די גוים, ווערט זיין ליכטיגקייט, זיין תורה, זיין ליטעראטור און זיין קולטור אלץ פינסטע־רער און פינסטערער. אָבער וואָס ווייטער ער דערווייטערט זיך פון דער זון, אלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערט זיין אייגען ליכט.

מיר האָבען אין יענעם גלות אויך געהאַט געלעהרטע, קינסטלער, פילאָזאָפען, דענקערס און ליטעראטען, וועלכע זיינען, נעביך, גע־צוואונגען געווען צו צודעקען זייערע קעפּ, מען זאָל ניט ארויסזעהן אַז זיי זיינען אידען. זיי האָבען רייך געמאַכט מיט זייער מאַרך, מיט זייער פעהיגקייט פּרעה׳ס שפּייכלערס, און פּרעה׳ס ליטעראַטור. דאָך אָבער, ווי זיי האָבען נאָר דערהערט אַז די גאולה קומט, „מיד גלו הצדיקים את ראשיהם שהיו מכוסים" — האָבען זיי באַלד אָפּגעדעקט זייערע צוגעדעקטע קעפּ. און געגאַנגען מיט׳ן פאָלק. אייערע צרות זיינען אונזערע צרות, אייער גלות איז אונזער גלות און אייער גאולה איז אויך אונזער גאולה.

לײדער אָבער קען מען דאָס אויף אונזערע איצטיגע צדיקים, אויף אונזערע איצטיגע געלעהרטע ניט זאָגען. מיר האָבען שוין געהאַט איינִיגע געלעגענהייטען דעם אידישען פריהלינג צו דער־נענטערען, אָבער אונזערע אידישע צדיקים האָבען זייערע קעפּ ניט אויפגעדעקט. זיי דרעהען זיך אַרום אין פרעמדע גערטנער און פלאַנצען דאָרטען פרעמדע בלומען, פרעמדע ליטעראטור און לאָזען די אייגענע אַלץ מעהר און מעהר פאַרוויאַנעט און פאַרטריקענט ווערען. דער איז אַן אַמעריקאנער, דער איז אַן ענגלענדער, דער איז אַ פראנצויז און דער איז אַ דייטש. און אפילו איצט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך

דר. י. ל. שניצער

צופלאַקערט אין יעדער לאנד מיט זיינע שרעקליכסטע פלאַמען, דעקען זיי נאָך אלץ זייערע קעפּ ניט אויף, נאָר זיי זיצען און קלעהרען, פון וואַנען האָבען זיך גענומען איצט אַזעלכע שווארצע מיאוס׳ע פלעקען אויף דער זון? דאַכט זיך, מיר האָבען זיך געשלאָגען פאר דעמאָקראַטיע. טויזענטער און טויזענטער מגן דוד׳לעך באַצירען די קברים פון אונזערע אידישע געפאַלענע העלדען. מיר האָבען זיי, דאַכט זיך, געוויזען אַז מיר אידען זיינען אויך איבערגעגעבען צו די לענדער וואו מיר וואוינען. טאָ — „מה לנו לצרה הזאת״? — ווי קומט עס אַז מען מאַכט פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד, אין רומעניען, אין עסטרייך און אין פוילען? אַנדערש ניט ווי דאָס איז אַ „מכת מדינה״: אַ עקאָנאָמישע פראגע, אָבער ניט קיין אידישע פראגע. איז פארוואָס־זשע שלאָגט מען גראדע אידען? וועמען דען זאָלען זיי שלאָגען? זיך אליין? אָט מיט אַזעלכע פלפולים בעשעפטיגען זיך איצט אונזערע געלעהרטע.

מען מאָרדעט אידען טאָג טעגליך. אידיש האָב און גוטס ווערט געראַבירט. אידען לויפען מיט שרעק פון זייערע היימען און האָבען ניט וואו זייערע קעפּ אַנידערצולייגען, און אונזערע גדולים, אונזערע צדיקים, אונזערע געלעהרטע, אונזערע „סער׳ס״, אונזערע „לאָרדען״, אונזערע מאַגנאַטען זיצען און פלפול׳ן זיך.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענע צוויי ישיבה בחורים:

צוויי ישיבה בחורים זיינען געזעסען אין בית המדרש און האָבען געלערענט בשותפות, איינער האָט געהאַט אַ גמרא, און דער צווייטער אַ קישען, זיינען אריינגעקומען צוויי סאָלדאַטען און האָבען צוגענומען פון זיי די גמרא מיט דעם קישען און זיינען אַוועקגעגאנגען. רופט זיך אָפּ איין ישיבה בחור צום צווייטען מיט׳ן גמרא ניגון:

„זאָג מיר נאָר, בערעל, מיט וועמען האַלטען אייגענטליך די סאָלדאַטען? האַלטען זיי מיט דעם תנא וואָס זאָגט: „לא איברי ליליא אלא לשינתא״ — אַז די נאַכט איז נאָר באַשאַפען געוואָרען צום שלאָפען, טאָ פאַרוואָס האָבען זיי צוגענומען דעם קישען? האַלטען זיי ווידער מיט דעם תנא וואָס זאָגט: לא איברי ליליא אלא לגירסא״ —

מענש און תורה

אַז די נאַכט איז באַשאַפען געוואָרען צו לערנען, טאָ פארוואָס האָבען זיי צוגענומען די גמרא״?

„שמערעל, שמערעל, דו האָסט דאָך גאָר קיין שכל ניט! — האָט דער צווייטער איהם געענטפערט — האָסטו דען ניט געזעהן אַז עס זיינען געווען צוויי סאָלדאַטען״?

„נו, אַז צוויי טאָ וואָס איז״?

„האָט איין סאָלדאַט געהאַלטען ווי איין תנא און דער אַנדערער סאָלדאַט האָט געהאַלטען ווי דער צווייטער תנא, דעריבער האָבען זייביידע זאַכען צוגענומען״.

„שוטים! שוטים״! — האָט זיך אַ דריטער ישיבה בחור אָנ־גערופען — וואָס איז אייך די נפקא מינה צו די סאָלדאַטען האָבען גע־האַלטען ווי דער תנא, אָדער ווי יענער תנא? אַבי מען האָט פון אייך אַלעס צוגענומען. קלעהרט בעסער אין וואָס וועט איהר איצט לער־נען און אויף וואָס וועט איהר איצט שלאָפען״.

בשלח

„ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים".

דער אויבערשטער האָט די אידען ניט געפיהרט דורך דאָס לאַנד פון די פלשתים, „כי קרוב הוא", ווייל עס איז געוועזן צו נאָהענט און צו שנעל. אַ פאָלק, וואָס איז דערצויגען געוואָרען אין קנעכטשאַפט, קען אין איין מאָמענט ניט פארוואנדעלט ווערען אין העלדישע קעמפער, עס מוז נעהמען צייט אויסצואַרבייטען דעם קערפּער און אויך אויסצובילדען דעם גייסט, צו ווערען אַ מוטיגער מענש. דעריבער האָבען זיי געמוזט וואנדערען פערציג יאָהר אין דער מדבר, כדי צו פארהאַרטעווען זייער קערפּער און אויך צו קריגען מעהר ערפאהרונג אין לעבען, אַז ווען זיי וועלען זיך באַזעצען אין זייער לאַנד זאָלען זיי זיין גייסטרייכע און זעלבסטשטענדיגע מענשען.

אָט דער „ולא נחם" פּאַסט זיך אויך זעהר גוט אויף דער איצטיגער צייט. אין די פעטע גוטע יאָהרען איז דער עולם פּשוט משוגע געוואָרען פון צופיעל וואוילטאָג, מען איז געשפּרונגען פון די האָלאָבליעס און מען האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון לוקסוס. עס איז אויסגעוואָקסען אַ דור פון שקלאָפען צום חומר, וועלכע האָבען געהאַט נאָר איין אידעאַל, צו לעבען אַ גוטען טאָג. אפילו אונזערע אחינו בני ישראל זיינען אויך מיטגעריסען געוואָרען מיט דער כוואַליע לוקסוס-זוכער, מען איז אַנטלאָפען פון דער אידישער מחנה און מען האָט זיך באַזעצט אין פרעמדע אַריסטאָקראטישע מקומות, דאָרטען האָט מען זאָגאר דעם אַלטען אידישען גאָט אויך אַריבערגעפיהרט אין מאַרמארנע טעמפּלען... און אָנגעפיהלט די אַטמאָספערע מיט „אש זרה", מיט פרעמדען פייער, און מיט פרעמדע ווייערך.

מענש און תורה

אום אַרומצואוואַשען און אָפּצושווענקען דעם עולם פון דעם לוקסוס שטויב, אויסצוצוואָגען זייערע פּאַרריסענע קעפּ און עפענען זייערע אויגען, אַז זיי זאָלען קענען זעהן דעם ריכטיגען אָרט און דעם ריכטיגען פּלאַץ, דאַרף נעהמען זעהר פיעל צייט. וואַנדערט איצט דער עולם אין דער מדבר און שפּייזט זיך מיט דעם „לחם הקלוקל״, מיט די רעליף־געלדער וואָס די רעגירונג וואַרפט זיי כלומר׳שט צו. אָט דעריבער האַלט דער קריזיס אזוי לאַנג אָן, דאָס מדבר־לעבען איז אַ מעדיצין און אַ לעהרע פאַר׳ן עולם ווי זיך צו פיהרען אין דער צו־קונפט.

**
*

ויהי בשלח פרעה את העם.

זאַנדערבאַר ביזטו איד און זאַנדערבאַר זיינען אויך דיינע האַנד־לונגען!... דו האָסט דורכגעמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע אין מצרים, אָבער דו האָסט ניט געזוכט צו פאַרכאַפּען די רעגירונג פון לאַנד אין דיינע הענט, אַזוי ווי די מעהרסטע רעוואָלוציאָנערען טוהען. ניין, דו האָסט בלויז אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די אייזערנע קייטען און זיך אַוועקגעלאָזען זוכען אַ פּלאַץ וואו דו זאָלסט קענען זיין זעלבסטשטענדיג און ניט קיין שקלאַף.

און אַפילו שפּעטער, אין דעם פאַרלויף פון אונזער לאנגען גלות, ווען מיר זיינען געלעגען ביי אַנדערע פעלקער אין די הענט, האָבען מיר אויך קיינמאָל ניט געלאָזען זיך מעהר פאַרשקלאַפען. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיל אין מיטעל־אַלטער, ווען אַ סך לענדער האָבען איינגע־פיהרט אַ געוויסע עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָס האָט זיך גערופען „פעאָדאליזם״, וואו דאָס פּראָסטע פאָלק איז געווען פאַרשקלאַפּט צו אייניגע שררות. איז דאָך נאָכ׳ן שכל נאָך, האָבען אידען געדאַרפט זיין די ערשטע שקלאַפען, ווייל זיי זיינען געווען שכנים אין יענע לענ־דער און מען האָט זיי שרעקליך פיינט געהאַט. פונדעסטוועגען האָט קיין איד זיך ניט פאַרקויפט צו אירגענד וועלכען פּרייז אַלס שקלאַף.

דר. י. ל. שניצער

אַט דערפאַר אַליין איז דער איד ווערט צו טראָגען אויף זיך דעם טיטול „אתה בחרתנו״!

***

אָז ישיר משה ובני ישראל.

זינגט משה מיט די אידען צוזאַמען אַ פּאָעטישע הימנע צום רבונו של עולם, צו ווייזען אַז גאָט וויל ניט קיין טרוקענעם יודענטום, נאָר אַ יודענטום וואָס זאָל ענטהאַלטען אין זיך פּאָעזיע און „שירת היהדות״, ווייל געזאַנג ברייננט באַגייסטערונג, און אין דעם געזאַנג פון אַ פאָלק ליגט באַהאַלטען זיין נשמה. ניט אומזיסט זאָגט די וועלט: אַז דאָס גוטע און דאָס שיינע ווערט קיינמאָל ניט פארגעסען, זיי לעבען אייביג אין לעגענדען און אין לידער.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

משה צוזינגט זיך: „סוס ורוכבו רמה בים״, די רייטער מיט די אומשולדיגע פערד זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים. פרעגט זיך די פראגע: ערשטענס, ווי קומט גאָט צו נעהמען אַזאַ מין נקמה פון זיינע באַשעפענישען? און צווייטענס, ווי קומט עס, אַז אונזער גרויסער אידעאַליסטישער משה זאָל נאָך אונטערזינגען אויף דעם?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט יענעם „פריץ״:

אין אַ שטעטעל איז געווען אַ פּריץ, זעהר א גוטער און א הויכגעבילדעטער מענש. אין דער צייט וואָס אַלע פריצים האָבען איינגעפירט שקלאַפעריי אין זייערע אימעניעס, וואו יעדער אונטערטאַן האָט געמוזט ארבייטען שווער און ביטער פאַר׳ן פריץ, האָט ער אויסגעסטרויעט אַ גרויסע פאַבריק פאַר די איינוואוינער פון שטעטעל און איינגעפירט, אַז יעדערער זאָל ארבייטען בלויז אַ פּאָר שטונדען צייט אין פאבריק און קריגען שכירות פאר זיין ארבייט.

פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך האַלטען לעקציעס פאר זיינע ארבייטער און זיי ערקלערען, ווי נידעריג שקלאַפעריי איז, דאָס מאַכט

מענש און תורה

פון דעם מענשען וואָס איז באַשאַפען געוואָרען „בצלם אלהים״ אַ מיאוס׳ע שוואַכע באַשעפעניש; און ניט אַזוי דער שקלאַף אליין איז גאָר קיין מענש ניט, אפילו דער שקלאַפען־טרייבער איז אויך אַ פאַר־דאָרבענע בריאה, אויף וועלכע מען טאָר קיין רחמנות ניט האָבען. קורץ, ביידע זיינען קיין מענשען ניט, ביידע זיינען די מיאוס׳טע, עקעלהאַפטסטע באַשעפענישען אויף דער וועלט.

מיט די לעקציעס האָט ער געזוכט צו בילדען און ציוויליזירען זיינע ארבייטער, אַז זיי זאָלען זיין מענשען, ריכטיגע דענקענדע מענשען, און ניט קיין נידעריגע קנעכט.

דאַרף זיך טרעפען, אַז דער פריץ האָט געדאַרפט אַוועקפאָהרען אויף אַ פאָר יאָר צייט אין אַן אַנדער מדינה, און איז געצוואונגען געווען איבערצוגעבען די פאַרוואלטונג פון דער פאבריק אין פרעמדע הענט, אָבער ער איז זיכער געווען אַז די פאַרוואַלטער און די אַרבייטער וועלען זיך געוויס פיהרען ווי ער האָט זיי געלערענט און געפריידיגט.

ווי ערשטוינט אָבער איז דער פריץ געוואָרען, ווען ער איז צוריק־געקומען אַהיים און האָט געפונען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זיין פאַבריק. די ביסעל דענקענדע און פאָרטגעשריטענע אַרבייטער האָ־בען די שטעטעל אין גאַנצען פאַרלאָזען און געגאַנגען זוכען ערגעץ אַנדערשוואו אַ מקום מנוחה; געבליבען אין שטעטעל זיינען נאָר אַ מחנה שקלאַפען און שקלאַפען־טרייבער, וועלכע האָבען איינגעפיהרט אַ נייע סיסטעם פון קנעכטשאַפט, אזוי ווי ביי אַלע אַנדערע פריצים.

פון גרויס כעס האָט דער פריץ געגומען און צושטערט די פאבריק, אַז מעהר זאָל קיין ארבייט לא יזכר ולא יפקד ווערען. און אַז די שקלאַפען און די שקלאַפען־טרייבער זיינען געקומען פאר איהם ווייַ־נען און קלאָגען, אַז זיי זיינען איצט געבליבען שטעהן ווי אין מיטען ים, אָהן שום וועלכע מיטלען צו לעבען, האָט ער צו זיי אַ זאָג געטאָן:

ניין, איהר קענט מעהר ביי מיר קיין רחמנות ניט ערוועקען. איך האָב אייך גענוג געלערענט און געפריידיגט אַז איהר זאָלט זיין מענ־שען, דענקענדע מענשען, פאָרטגעשריטענע מענשען, מיט ווירדע און מיט רעספעקט צו זיך אליין. איהר אָבער האָט מיך ניט געפאָלגט.

דר. י. ל. שניצער

דאַן מוזט איהר ליידען, ביידע, ביידע מוזט איהר ליידען, אי דער פערד, דער שקלאַף, און אי דער רייטער, דער שקלאַפען־טרייבער!

גאָט האָט געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווייזען דער וועלט, דאָס אַזוי גוט ווי ער האָט פיינט די דעספאָטען, וועלכע רייטען אויפ׳ן פאָלק, אַזוי האָט ער אויך פיינט אַ פאָלק פון פייגלינגע, וועלכע לאָזען אויף זיך רייטען. משה האָט זיך אויך ניט געפרעהט וואָס די אונשול־דיגע פיער־פיסיגע פערד טרינקען זיך אין ים, נאָר אין די ווערטער: „סוס ורוכבו רמה בים" ליגט אַ הויכע פּאָעטישע מליצה אויף די דעספּאָטען פון איין זייט און אויף די שוואַכלינגע פון דער צווייטער זייט, אין וועלכע דאָס עגיפּטישע פאָלק איז געווען צוטיילט. אָט דאָס זאָגט משה:

„אָשירה לד׳ כי גאה גאה", איך זינג צו גאָט, וועלכער זייענדיג זעלבסט גרויס, האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אַביסעל גרויסקייט און שטאָלץ אין דער מענשהייט. דעריבער איז: „סוס ורוכבו רמה בים", דעם פערד און זיין רייטער, דעם דעספּאָט און דעם שקלאַף האָט ער אין ים אַריינגעוואָרפען, ווייל ביידע צוגלייך זיינען ביי איהם פאַר־האַסט!...

יתרו

אום צו איבערצייגען ווי פאַלש עס זיינען געווען די אַלע פאַלשע באַהויפּטונגען פון פילע קריטיקער, וועלכע זאָגען אַז אונזער משה רבנו איז ניט געווען דער אָריגינעלער באַשאַפער פון די „עשרת הדברות״, נאָר אַז ער האָט די אַלע געזעצן גענומען פון די אַסיריער און עגיפּטער, — ווען מיר צונויפזאַמלען אַלע אַלטע און נייע רע־ליגיאָנען אויף איין פלאַץ, „איש איש על דגלו״, יעדער איינער מיט זיין פאָהן, און זעהן ווי זיי קוקען אויס אין פאַרגלייכעניש מיט אונז.

אַט שטעהט אַ פייער־פאַרביגע פאָהן אויף וועלכער עס איז אויס־געמאָהלט דער ערד־קוגעל, האלב ווייס און האַלב שוואַרץ. דאָס זיינען די „פּאַרטהער״ אַנהענגער פון „זאַראַ־אסטער״, וועלכע גלויבען אין צוויי געטער, אַ גוטער גאָט און אַ שלעכטער גאָט. „ארמוזד״ איז דער גוטער גאָט, דער גאָט פון ליכט, ער האָט אַלעס באַשאַפען און וויל טאָן נאָר גוטעס אויף דער וועלט. „אהארימאַן״ איז דער שלעכטער גאָט, דער גאָט פון פינסטערניש, וועלכער זוכט נאָר צו טאָן שלעכטעס אויף דער וועלט, און ביידע פיהרען אָן אַ שרעקליכען קאַמף פאַר דער הער־שאַפט איבער דער וועלט.

אַט שטעהט אַ הימעל־בלויע פאָהן, אַרום איהר אַ סך קליינע פענ־דעלעך פון דעם זעלבען פאַרב, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלט אַלערליי ווילדע באַשעפענישען פון די „אינדיער״, זיי זוכען ניט זייערע געטער אין הימעל, זיי געפינען זיי אויף דער ערד, זיי גלויבען אַז די נשמות פון די טויטע געהען אַריבער אין מייז, אין שלאַנגען, אין זשאַבעס, און אין נאָך אַזעלכע שרצים. זיי בויען האָספּיטעלער פאַר אַלטע קראַנקע שרצים און לאָזען מענשען שטאַרבען אין די גאַסען פון הונגער און נויט.

דר. י. ל. שניצער

אַט שטעהט אַ פאָהן אויף וועלכער עס איז אויסגעמאָלט אַ מענש־ליכע פיגור מיט פיער קעפּ, דאָס איז דאָס בילד פון דעם גרויסען גאָט „בראהמא״, די לייטע גלויבען אין אַ דרייעגדיגען גאָט, בראהמא, ווישני, און סיווא. בראהמא האָט באַשאַפען די וועלט און איהר איינגעאָר־דענט אויפ׳ן בעסטען אופן, פון דעמאָלט אָן רוהט ער זיך אָפּ און טהוט מעהר גאָרנישט. די הויפּט ראָלע שפּילט איצט ביי זיי ווישני מיט זיין ווייב „לאקשימיי״, וועלכע איז די געטין פון ליבע און פרוכבאַרקייט, און סיווא מיט זיין ווייב „קאלי״ וועלכע איז זעהר אַ בלוטיגע געטין, זי טוידט און פארניכטעט אלעס.

אַט שטעהען ווידער אַ סך פאָהנען, אַלע פון איין פאַרב, וואָס דאָס איז אַ באַווייז אַז אַלע אַנערקענען איין גאָט, און דאָך האָט יעדע מחנה אַן אַנדער פאָרשטעלונג פון גאָט און יעדערער רופט איהם מיט אַן אַנ־דער נאָמען. די כינעזער רופען אים „פאה״, די יאַפּאַנעזער — „בודסא״, די ציילאָנער — „בודהא״, די איינוואוינער פון לאאם רופען איהם „פאטא״, די סיאמעזען — „סאמאנא״, דער טיבעטער רופט איהם „לא״, און קיינער פון זיי קען זיך ניט איינינען ווי אזוי מען זאָל איהם דינען. דאָ שטעהט אַ יאַפּאַנעזישער גייסטליכער און פרעדיגט: אַז די נשמות פון זינדיגע מענשען ווערען מגולגל נאָכ׳ן טויט אין אַ חיה, אין אַ בהמה, אין אַ שטיין און אין אַ בלום, און דאָ שטעהט אַ כינעזישער גייסטליכער און פרעדיגט: אַז דער מענש האָט גאָר קיין נשמה ניט, די נשמה פון מענשען איז די זעלבע ווי אַ מעלאָדיע פון אַ פידעל. ווען די פידעל איז גאַנץ גיט זי ארויס טענער. ווערט זי צובראָכען אַזוי פאַרשווינדט אויך די מעלאָדיע.

אַט שטעהט אַ ווייסע פאָהן מיט אַ צלם אין מיטען, דאָס איז די פאָהן פון יעזוס קריסטוס.

זיינע נאָכפאָלגער גלויבען אויך אין איין גאָט, נאָר דער גאָט איז צוזאַמענגעשטעלט פון דריי פאַרשידענע שטיקער, און איינער פון די דריי שטיקער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ מענש, געלעבט ווי אַ מענש, און געשטאָרבען ווי אַ מענש, און אזוי ווי ניט אַלע קענען פארשטיין אַזעלכע טיפע סודות, האָט מען אָנגעפאנגען צו ברענען און צו בראָ־

מענש און תורה

טען די אַלע אַנדערש גלויביגע פעלקער מיט אַ רעליגיעזען האַס און מיט אַ פינסטערען פאַנאַטיזם.

אַט שטעהט ווידער אַ גרינע פאַהן אויף וועלכער עס איז אויס־געמאָלט אַ האַלבע לבנה, אַ שווערד און אַ קייט, דאַס איז די פאַהן פון דעם גרויסען נביא מחמד.

זיינע נאָכפאָלגער פאָדערען אַז מען מוז גלויבען, אַז גאָט האָט גע־האַלטען פארפאַקט ביי זיך אין שרייב־טיש אַ תורה, ביז עס איז גע־קומען מחמד און ער האָט עס איהם איבערגעגעבען.

דער „קאראַן" זאָגען זיי איז קלאָהר און דייטליך, דאָך קומען די „מופטי׳ס" און די „דערווישען" און גיבען פארשידענע פירושים און קאָמענטאַרען איבער איהם, יעדערער פון זיי זאָגט, אַז נאָר ער אליין פארשטעהט גאָט׳ס געזעצע, און אַזוי מוז זיין... אַז ניט, איז דאָ אַ שווערד און אַ קייט...

אַט שטעהט ווידער אַ בלויע ווייסע פאַהן, אויף וועלכע עס איז אויסגעמאָלט אַ מגן דוד, דאַס איז די אידישע פאַהן.

אויפ׳ן בארג סיני האָבען זיי אויפגענומען די אידעע פון איין גאָט, און ער איז דער איין איינציגער גאָט פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיג־קייט, פון אַבסאָלוטער ווארהייט, פון אַבסאָלוטער ליבע, און פון אַב־סאָלוטע פרייהייט, נאָכהער האָט זייער געזעץ־געבער משה גענומען פאָרמולירען פאר זיי געזעצע, אויף אלע געביטען פון מענשליכען לעבען, די באַציהונגען פון מענשליכען לעבען, די באַציהונגען פון מענש צו מענש, פון מענש צו דער פאַמיליע, צו דער געזעלשאַפט, צו דעם גאַנצען מענשליכען מין, און פון דער מענשהייט צו גאָט, דעם אויפזעהער פון דעם מענשליכען גליק, מיט אַ תכלית צו ענטוויקלען זיין שכל, כדי ער זאָל איהם ערהויבען פון די נידעריגע באַשעפענישען און באַגרייפען די ריינע געטליכקייט, אַז דער ציעל פון לעבען איז — צו טאָן גוטעס און דענקען ריכטיג, גוטע טהאַטען באַרעכטיגט די עקזיסטענץ פון גוף, און ריכטיג דענקען — גיט אַן אונשטערבליכקייט צו דער נשמה.

דר. י. ל. שניצער

אָט דאָ, האָט איהר פאר זיך כמעט די אַלע אַלטע און נייע רעַ־ליגאָנען און אורטיילט פאר זיך אליין וועלכע איז די שעהנסטע, די העכסטע און די אנגענעהמסטע...

צו די ביבעל קריטיקער, וועלכע באַהויפּטען, אַז משה רבנו איז ניט געווען דער אָריגינעלער איבערברענגער פון די עשרת הדברות, דערמאָהנען מיר די מעשה מיט יענעם מאַהלער:

אַ גרויסער באַריהמטער מאַהלער האָט אַמאָל אָנגעקלאָגט אַן אומבאַקאַנטען מאַן אין געריכט, וועגען אַ געוויסע קונסט־בילד. דער מאַהלער האָט גע'טענה'ט: אַז מיט אַ פּאָר מאָנאַטען צוריק האָט ער פאַרטיג געמאַכט אַ בילד און עס געהאַלטען צו שיקען אויף אַ אויס־שטעלונג. פּלוצלונג איז דאָס בילד פארפאלען געוואָרען פון זיין הויז, אָבער נאָך אַ לאַנגען זוכען און פאָרשען, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס בילד געפינט זיך ביי דעם מאַן אין הויז.

דער מאַן, ווידער, האָט גע'טענה'ט, אַז ער איז אויך אַ מאַהלער, און דאָס בילד איז זיין אייגענע האַנד־ארבייט, דערביי האָט ער מיט־געבראַכט אייניגע מענשען, וועלכע האָבען עדות געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַן ערליכער מאַן און ניט קיין גנב.

דעם מאַהלער׳ס אַדוואָקאַט אָבער האָט גע'טענה'ט, דאָס אַזאַ באַריהמטע פּערזאָן ווי זיין קליענט איז, וועט זיך ניט צו־טשעפּען סתם צו אַ פרעמדען מענשען און אויסטראַכטען אויף איהם אַזאַ גראָבען בלבול.

דער ריכטער האָט נאָכגעקלערט אַ שטיקעל צייט וועגען דעם ענין און איז געקומען צום באַשלוס, היות, אזוי ווי עס איז זעהר שווער צו דערגעהן ווער פון זיי זאָגט דעם אמת,ביידע ווידער האָבען עדות, אַז זיי זיינען אָרענטלעכע מענשען, איז קיין אַנדער מיטעל ניטאָ, ווי נאָר זיך איבער־צו־צייגען אין זייער טאַלאַנט. געוועהנליך, דער קלעגער דאַרף אונז קיין באַווייזע ניט ברענגען, ער איז אַ באַ־ריהמטע פּערזענליכקייט, מיט אַ נאָמען אויף דער וועלט אלס קינסט־לער. אָבער אזוי ווי דער צווייטער מאַהלער זאָגט, אַז ער איז אויך אַ מאַהלער, געפינט דאָס געריכט פאר נויטיג אַז ער זאָל ברענגען

זיינע בילדער וועלכע ער האָט געמאָהלען, כדי מיר זאָלען זיך אי־בערצייגען, צי ער איז פעהיג צו מאָהלען אַזאַ בילד.

„געעהרטער ריכטער״! — האָט דער אומבאַקאַנטער מאָהלער אַ זאָג געטאָן, — „אייער באַשלוס איז אונמעגליך פאר מיר אויסצו־פיהרען, איך קען אייך מיינע ארבייט אין געריכט ניט ברענגען, ווייל מיינע מאַהלעריי זיינען אויף די ווענט פון הייזער״. (ער איז אַ הויז־פאַרבער געווען)...

אַלע אין געריכט האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבען זיין אורטייל, אַז דאָס קונסט־בילד זאָל איבער־געגעבען ווערען צום באַוואוסטען מאָהלער, ווייל זיין געגנער האָט זעלבסט באַוויזען, אַז ער איז אַ ליגנער.

אַ פאָלק וואָס האָט ארויסגעגעבען די עשרת הדברות, האָט גע־מוזט באַזיצען די אמונה אין איין איינציגען גאָט און אַ הויכען גע־פיהל פון גערעכטיגקייט, עטיקס און סאָציאָלאָגיע. די אַלע אַלטע פעלקער זיינען בלויז געווען הויז־פאַרבערס... די נייע רעליגיאָנען ווידער, האָבען אויך קיין נייעס ניט אויפגעטאָן, זיי האָבען בלויז אי־בערגע׳חזר׳ט די אַלטע אויסגעדראָשענע ווערטער...

משפטים

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", דאָס זיינען די דינים וואָס די זאָלסט פאָרלייגען „לפניהם", פאַר זיי, פאַר די אידען, אָבער ניט פאַר די אומות העולם. אַט אין דעם „לפניהם" ליגט די אומשטערבליכ־קייט פון דעם אידישען פאָלק. ווען אַ דאָקטאָר זאָגט צו אַ חולה, דאָס זאָלסטו יאָ עסען און דאָס ניט, איז אַ סימן, אַז דער חולה וועט לעבען. ווען אַ חולה איז אָבער געפעהרליך, און דער דאָקטאָר זאָגט: „גיט איהם עסען וואָס ער וויל", איז אַ סימן, אַז דער חולה איז סיי ווי סיי פאַרלאָרען, און עס שפּילט שוין נישט קיין ראָלע, וואָס ער וועט עסען.

און אַזוי איז טאַקע אויך געווען. וואו זיינען די אַלטע עגיפּטער, די אַלטע פלשתים, די אַלטע באַבילאָנער, די אַלטע גריכען און די אַלטע רוימער? — אונטערגעגאַנגען, ניטאָ מעהר קיין זכר פון זיי, און מיר לעבען! פאַרוואָס? ווייל דער הימעלשער־דאָקטאָר האָט זיי קיין „דייעטע" (די אָרדנונג פון עסען און טרינקען) ניט געגעבען. ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבען צו לעבען בלויז געצעהלטע טעג, דערי־בער האָבען זיי געמעגט אַלץ עסען.

אונז אידען אָבער, האָט ער יאָ אַ „דייעטע" געגעבען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז מיר זיינען אַן אומשטערבליך פאָלק, דעריבער זאָגט ער צו משה'ן אין דער היינטיגער סדרה: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם".

***

ווען אונזער ציוויליזירטע וועלטעל וואָלט זיך געפיהרט לויט נאָך אונזער משה'ס איינאָרדנונג, אין היינטיגער סדרה, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע וועלט עס וואָלט אַרויסגעקומען!

מענש און תורה

לאָמיר נעהמען צום ביישפּיל די באַציהונג פון דער געזעלשאַפט צום גנב:

די היינטיגע ציוויליזירטע וועלט בויט טורמעס, וואוהין מען פאַרשיקט די גנבים, כלומר׳שט צו שיצען די געזעלשאַפט. אין דער אמת׳ען אָבער זיינען די טורמעס אקאדעמיעס פאר פאַרברעכער, קליינע גנבים ווערען גרויסע, און גרויסע גנבים ווערען נאָך גרע־סערע. אונזער תורה אָבער איז געגען תפיסה. זי הייסט ניט שיקען דעם גנב אין טורמע, ווייל לעבענדיג אין אַ שלעכטער סביבה, אָהן ליכט, אָהן לופט און אָהן רחמנות — מוז זיין הארץ נאָך מעהר פאַר־גיפטעט ווערען, און זיין ווייב און קינדער מוזען, סוף כל סוף, אויך ווערען פאַרברעכער. דער עונש וואָס ווערט פאר איהם אויסגע־שטעלט אין אונזער תורה, איז אַ געלד שטראָף, „כפל״, און אויב ער האָט קיין געלד ניט צו באַצאָהלען, דאן פאַרקויפט איהם „בית־דין״ אויף זעקס יאָהר צייט צו אַן אַנשטענדיגע פאמיליע, וואו ער לעבט אין אַ גוטער סביבה, האָט צו עסען און צו טרינקען און זיין ווייב און קינדער פּילען זיך ניט אַזוי דערשלאָגען. דער פּאָטער אר־בייט און פארדינט עהרליך זיין חיונה.

נאָך די זעקס יאָהר מוז איהם זיין בעל־הבית מאַכען פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען מענשען. ער מוז איהם געבען פון אַלעס גוטען און איהם אזוי ווייט אויף די פיס שטעלען, אַז אלע זיינע אַמאָליגע פארברעכערישע נייגונגען זאָלען איבער איהם מעהר קיין שליטה ניט האָבען.

אום קיינע גנבות זאָלען אין גאַנצען ניט פאָרקומען, מוז דער באָדען צוטיילט ווערען פאר אַלעמען גלייך, „כי לי כל הארץ״, דאָס איז דאָס געטליכע אייגענטום פאר אלעמען גלייך צו ארבייטען און צו געניסען, — די גלייכע פארטיילונג איז אָבער נאָך אַלץ ניט קיין גאַראַנטיע אַז דער באָדען זאָל זיך, סוף כל סוף, ניט קאָנצענטרירען אין אייניגע הענט. ווייל ניט אַלע מענשען זיינען גלייך. עס זיינען פאַראַן פעהיגע און אונפעהיגע, פלייסיגע און נאַכלעסיגע נאַטורען, קראַנקע און געזונטע. פאַמיליעס, וועלכע די נויט צווינגט זיי צו

דר. י. ל. שניצער

פארזעצען זייער באָדעןביים רייכען, און ווען זיי האָבען ניט צו באַצאָהלען פארלירען זיי זייער באָדען. הויבט דאָס לאַנד ווידער אָן צו קאָנצענטרירען אין די הענט פון די רייכע, אָבער דאָס טאָר ניט זיין! ווייל אַבסאָלוטע רייכטום דעמאָראַליזירט דעם מענשען גייסטיג; אַבסאָלוטע אָרעמקייט צוברעכט דעם מענשען קערפערליך. האָט דאָס אידישע געזעץ איינגעפיהרט „יובל". ווען דער יאָהר פון יובל איז געקומען, ווערט אומגעקעהרט צו דעם אָרעמאַן און צו דעם שוואַכען זיין פארקויפט לאַנד.

די אידישע תורה איז אויך געגען קנעכטשאַפט. אַנטלויפט אַ קנעכט, טאָרסטו איהם ניט איבערגעבען צו זיין האַר. ווי נאָר דער מענש האָט זיין פוס אויף דעם ארץ ישראל באָדען געשטעלט, איז ער אַ „בן חורין", פריי און אונאָפּהענגיג און קען וואוינען „במקום אשר יבחר לו", וואו ער וועט זיך אליין אויסוועהלען, אפילו אין דיין הייליגער ירושלים, די רעזידענץ פון בית המקדש און פון קעניג. נאָך מעהר: „לא תוננו" דו זאָלסט איהם ניט קרענקען, אָדער צאָרנען. געה ארום מיט איהם ווי מיט אַ אידעלער מאַטעריע. דאָס וואָרט „עבד" איז קיין שאַנדע נאָמען ניט, משה רבנו אליין איז אויך באַצייכענט געוואָרען מיט דעם טיטול „עבד ד'", דעם אויבערשטענס קנעכט.

אָט אַזוי איז אונזער גאַנצע תורה פול מיט גייסט, מיט גערעכטיגקייט און מיט רחמים. זי קימערט זיך פאר די אָרעמע און אונטערדריקטע, פאר די נידעריגע שיכטען. איהר אַרבייטער־געזעצגעבונג איז אַן אידעאַל, וואָס אונזער געזעלשאַפט מיט איהרע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען און ארבייטער, האָבען עס נאָך ניט דערגרייכט. אַ געזעצגעבונג, וועלכע זאָל זיין צוגעפּאַסט פאר'ן מענשענ'ס פיהלען און דענקען, וועלכער זאָל זיין דער אויסדרוק פון זיין נשמה. געזעצע, וועלכע זאָלען איהם מיט דער אייביגקייט פארבינדען, אַ קאָנסטיטוציע, וועמעס סטאַטוען זאָלען זיין „חסד", „משפט" און „צדק".

***

מענש און תורה

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אונזערע חכמים זאָגען: „אַל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס״, — איהר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט, וואָס באַדינען דעם האַר כדי צו באַקומען דערפאר באַצאָהלט, נאָר איהר זאָלט זיין ווי קנעכט, וואָס באַדינען דעם האַר אָהן שום לוין, הייסט עס, אַז ביי אונזערע גייסטיגע פיהרער טאָר די געלט־פראגע ניט שפילען די הויפט־ראָלע. צום סוף אָבער לאָזט זיך גאָר אויס פונקט קאַפויר. איך האָב געוואָלט אַביסעל אויפוועקען די אידען פון אונזער שוהלכעל, אַז זיי זאָלען ווערען טעטיגער אין זייער גייסטיגער ארבייט, בין איך אַוועקגעגאַנגען צו אַ געקרוינטען דרשן און איהם געבעטען, אַז ער זאָל קומען אויפמונטערען אַביסעל דעם עולם פון אונזער שוהלכעל, האָט ער מיר אַ זאָג אַ פרייז, אַז עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. פרעגט זיך די פראַגע: וואו איז דער „אל תהיו״, וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט?

אַלס ענטפער אויף זיין פראגע, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם דאָקטאָר:

אַ גרויסער דאָקטאָר, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ סך געלט, האָט זיך מישב געווען, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאר דער מענשהייט אויך, איז ער געגאַנגען און מודיע געווען אין אַלע צייטונגען, אַז פון היינט אָן און ווייטער קורירט ער מענשען אומזיסט, און לא די וואָס ער נעמט ניט קיין געלט פאר זיין וויזיט, גיט ער נאָך מעדיצין אויך אַלעמען פריי, און אזוי ווי קיין אָרימע לייט פעהלט ניט, גאָט צו דאַנקען, איז זיין אָפּיס געווען געפּאַקט גאַנצע טעג מיט פארשידענע חולאים, אזוי ווי אין אַ שפּיטאַל.

צווישען זיינע חולאים זיינען געווען איניגע, וועלכע האָבען ניט געקענט פארטראָגען די רפואות, זיי זיינען געווען צו ביטער פאר זיי, זיינען זיי געקומען צום דאָקטאָר און איהם געפרעגט, אויב ער קען זיי געבען אַביסעל זיסערע רפואות, עס זאָל ניט זיין אזוי שלעכט דאָס איינצונעהמען, האָט דער דאָקטאָר זיי געענטפערט:

— געוויס קען איך דאָס טאָן, אָבער דאָס וועט אייך קאָסטען צו צעהן דאלאר אַ שטיק.

— צעהן דאלאר? — האָבען זיי פארוואונדערט אויסגערופען, — ס'טייטש, איהר האָט דאָך מודיע געווען, אַז איהר קורירט און גיט רפואות אומזיסט, טאָ פארוואָס פארלאנגט איהר איצט פון אונז געלט?

— איך וועל אייך זאָגען — האָט דער דאָקטאָר זיי געענטפערט — אמת טאַקע, איך דאַרף אייך קורירען און געבען רפואות אומזיסט, ווען איז דאָס גערעדט, אַז איהר זאָלט נעמען די רפואות ווי זי איז, איהר אָבער ווילט זיסע רפואות, און זיס מאַכען אייערע רפואות קען מען נאָר מיט וויין, ברידערלאך, מוזט איהר באַצאָהלען, ווארום ווען איך זאָל אַלע מיינע חולאים געבען אַלע טאָג וויין וועט מיין גאַנצער פאַרמעגען אויף איין יאָהר צייט ניט גענוג זיין.

אמת טאַקע, דער רב, דער דרשן, דער דאָקטאָר פאר'ן גייסט דאַרף געבען רפואות פאר די חולי הנפש פריי, אָהן געלט, אָבער דאָס אומגליק איז, וואָס דאָס פאָלק וויל ניט נעמען די רפואות פון דער תורה ווי עס איז, עס איז צו ביטער פאר זיי, נעהמט דער באַגאַבטער דרשן און גיסט אריין אין די רפואות וויין, שעהנע משלים'לאך, שעהנע פאַנטאַזיעס, גוטע וויצען און דער עולם קוועלט פון זיי, אָט פאר דעם וויין, מוזט איהר באַצאָהלען.

תרומה

ווען מען טראַכט זיך אריין, זעהט מען ווי אויסגעצייכענט די סדרות זיינען איינגעטיילט געוואָרען. די פריהערדיגע סדרה איז געגאַנגען „משפטים״, אַ רייהע דינים אין וועלכע דער מענש ווערט געוואָרענט ניט צו טאָן דעם צווייטען קיין שלעכטעס און קיין שאָדען, אָבער דאָס אליין איז נאָך ניט גענוג. מען דאַרף אויך טאָן גוטעס, שטיצען יענעם, העלפען איהם, און געבען „תרומה״ און צדקה.

**
*

ועשו לי מקדש.

באַשעפטיגט זיך אויך היינטיגע סדרה מיט קאָנסטרוקטיווע אר־בייט. דאָס פאָלק געהט בויען אַ משכן, דער אויבערשטער איז גע־וואָרען אַן ארכיטעקט און האָט געוויזען משה'ן אַ מאָדעל, און איהם געהייסען, אַז ער זאָל נאָכגעהן נאָך דעם מאָדעל „ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו וכן תעשו״, (אָט אַזוי ווי איך וויז דיר די געשטאַלט פון דעם משכן מיט אַלע זיינע כלים, אַזוי זאָלסטו נאָכמאַכען). פרעגט זיך די פראגע: צו וואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט האָבען דעם גאַנצען פאָדריאַד פון בויען אַ משכן? ער האָט דאָך געקענט אַראָפּשיקען פון הימעל דעם גרייטען מאָדעל און פאַרטיג?

אויף דעם קאַבאַליסטישען וועג איז דאָ זעהר אַ שעהנער תירוץ צו ענטפערען. די אַלטע מקובלים און די פארצייטיגע דאָקטוירים האָבען צוגעגליכען דעם געבוי פון אַ מענשען צו אַ הויז, און גע־וויזען, אַז די אַלע מכשירים, וואָס געפינען זיך אין אַ הויז געפינען זיך אויך אין מענשען.

דר. י. ל. שניצער

איבערהויפּט זיינען זעהר אינטערעסאַנט די קליינע צימערלאַך אין וועלכע דער מאַרך געפינט זיך, לאָמיר אויף טשיקאַוועס אריינ־קוקען אין דעם אַפּאַרטמענט. דורך די שאַרפע אויגען פון דער נשמה, וואָס איז דער אויפזעהער פון דעם אַפּאַרטמענט און זעהן וואָס דאָרט טוט זיך.

צוויי „באָרדערס" דרעהען זיך דאָרטען אַרום, איינער אַ מיסטער יצר הרע און דער צווייטער אַ מיסטער יצר טוב. ביידע האַלטען דעם אפּארטמענט בשותפות, און קאָמאַנדעווען.

פון פאָרענט געפינט זיך אַ גרויסער גרינער בוים און מאָדנע פויגעלאַך פון פארשידענע קאָלירען קומען צו פליהען, שטעלען זיך אַוועק אויף די צווייגען און זינגען פאַרשידענע מעלאָדיעס, אייניגע בויען דאָרטען זייערע נעסטען, אָבער דאָס מעהרסטע פון זיי פליהען צוריק אַוועק, און אזוי ווי מען ווייסט ניט פון וואַנען זיי זיינען געקו־מען, אזוי ווייסט מען ניט וואוהין זיי פליהען אַוועק.

נעבען בוים איז דאָ אַ טיפער טייך, עס שווימען ארום אינווייניג זעהר שעהנע גאָלדענע פישעלאַך, אָבער אין דעם זעלבען טייך שווימען אויך אַרום שוואַרצע העסליכע פיש, וואָס זעהען אויס ווי קראקאדילען און שלינגען איין די שעהנע פישעלאַך, און ווען מען קוקט אריין אין טייך אייניגע סעקונדען, ווערען די אַלע פיש פאַר־שוואונדען און מען זעהט דאָרט בלויז דאָס אייגענע פנים.

אַביסעל ווייטער געפינט זיך אַ קוזניע, וואו מען קלאַפּט, מען האַמערט און מען איז שטענדיג פארנומען מיט שמידען האַרמאַטען, שווערדען, ביקסען און געצייג פאַר ארבייטער, אַביסעל אָן אַ זייט אַר־בייט מען אויס זילבערנע בעכערס, גאָלדענע מעדאלען און נאָך אַזעלכע עהרע־צייכענס.

מען געפינט דאָרטען אויך גערטנער מיט פארוועלקטע גראָזען פון עראינערונגען, פארוועלקטע בלומען פון האָפנונגען און פון צייט צו צייט קומט אַ שניי און דעקט אלץ צו.

אויף אַ הויכען באַלקאָן, אַנטקעגען די גערטנער זיצט אַן אָר־קעסטער און שפּילט, מחנות מענשען שטעהן ארום און הערען זיך צו,

מענש און תורה

מען קען אָבער בלויז כאַפּען שטיקלאַך און ברעקלאַך פון דער מוזיק, אַ גאַנצע מעלאָדיע קען מען קיינמאָל ניט צוזאַמענשטעלען.

ווי קליין דער „קאָפּ־אַפּאַרטמענט" איז, דאָך קען מען דאָרטען געפינען אַ ריזיגע וועלט, וואו עס שוויבעלט און גריבעלט מיט טויזענטער און טויזענטער מענשען, מען האַנדעלט, מען וואַנדעלט, מען לויפט, מען ארבייט, מען קויפט, מען פארקויפט, מען קאָכט זיך, מען שרייט און מען לאַרעמט, און יעדער איינער וואונדערט זיך צו־וואָס דאַרף מען האָבען דעם גאַנצען טאַראַראַם?

מאַנכע צימערלאַך אין דעם קאָפּ־אַפּאַרטמענט זיינען געבויט ווי אַ בעכער, דער בעכער פון ליבע, וואו מאַנכע געפינען לעבען און רוה, אַ צווייטער צימערעל איז אויך געבויט ווי אַ בעכער, אָבער די ווענט זיינען שוואַרץ און פארברענט פון שכרות און טויט. אין דריטען צימערעל געפינט זיך דער שטוהל פון גאָט, אין פערטען — דער פאַרזאַמלונגס פלאַץ פון טייוואָלים, אין פינפטען הערט זיך דאָס געזאַנג פון מלאכים, אין זעקסטען ברענט די היץ פון מכשפות, אין זיבעטען שטעהען פלעשער מיט גוטען בוימעל, אין אַכטען — פלעשער מיט מענשען־בלוט פון פאַרשידענע טראַגעדיעס.

זעהר אָפט קען מען הערען פון דעם דאָזיגען צויבערישען קאָפּ־אַפּאַרטמענט די זיסע לידער פון מאַמעס, וואָס פארוויגען זייערע קינדער, די ווילדע געשרייען פון משוגענע ליבעס־ערקלעהרונגען פון פארליבטע. יאָמערליכע קולות פון ליידענדע, ריהרענדע תפילות פון מענשען, וואָס בעטען גאָט, דונערדיגע געשרייען פון גענעראַלען, וואָס קאָמאַנדעווען: „שיסט אויף אייערע ברידער"! זיסע קושען פון פארליבטע און קולות פון גנבים און גזלנים. אלץ, אלץ קומט פאָר אין דעם אַפּאַרטמענט, ערליכקייט, פאַלשקייט, גוטס, שלעכטס, ווייס שוואַרץ, און נאָך אַזעלכע זאַכען, קורץ, אַ קליינער אַפּאַרטמענט, אָבער מיט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען.

דער אויבערשטער דאַרף קיין וואוינונג ניט האָבען, דער בית המקדש איז בלויז געווען אַ סימבאָל פון דער מענשליכער געביידע. „ועשו לי מקדש", אַז איהר וועט מאַכען פון אייער אַפּאַרטמענט אַ

דר. י. ל. שניצער

הייליגטום, „ושכנתי בתוכם״ — דאָן וועט די גאָטהייט רוהען ביי אייך. אַט אַזוי ווי איך וויַז דיר דעם מאָדעל פון משכן מיט אַלע זיינע כלים, אַט אזוי זאָל יעדער מענש פון זיך מאַכען.

און אַז איהר ווילט שוין יאָ האָבען פויגעלאך און צאַצקעלאַך אַרום אייער משכן, זאָלען די פויגעלאך וויניגסטענס האָבען אַ זין, „והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה״, די כרובים זאָלען אויס־שפרייטען זייערע פליגלען אין דער הויך צו רופען גאָט ווען אייך איז ענג, „סוככים בכנפיהם על הכפורת״, פאַרדעקען דעם ארון מיט זייערע פליגלען, באַשיצען ווי ווייט מעגליך אייער תורה, „ופניהם איש אל אחיו״ און זייערע געזיכטער זאָלען זיין איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען, איהר זאָלט לעבען צוזאַמען אין אַחדות.

***

ווי עס ווייזט אויס איז אפילו אין מדבר שוין אויך געווען די קאָמיוניטי צעטיילט ווי אין די איצטיגע מאָדערנע קהילות, ווייל ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן, אַז דער משכן זאָל געמאַכט ווערען פון גאָלד, זילבער, קופער און נאָך אַזעלכע פאַרשידענע שטאָפען, האָט משה אַ פרעג געטאָן דעם אויבערשטען:

— סטייטש, ווי אַזוי קען מען געהן צו די געוועזענע שקלאַפען און זיי הייסען געבען אַזעלכע טייערע חפצים צו מאַכען אַ משכן?

האָט גאָט איהם געענטפערט:

— משה, דו זאָלסט ניט געהן צו די אָל־רייטניקעס, וואָס ווייסען ניט פון קיין סענטימענטען, נאָר פון טרוקענע ציפער, זיי וועלען דיר לייגען שטיינער אויפ׳ן וועג און האַלטען אין איין אָפלייגען. דו הויב אָן דיין קאמפיין ביי די „כל נדיבי לב״, ביי די האַרציגע מענ־שען, ביי די מענשען, וואָס לאָזען זיך ניט רעגירען פון די קעפּ, נאָר פון די הערצער. אַט די סענטימענטאַלע מענשען וועלען דיר געבען און קיין קשיות דיר ניט פרעגען.

און אזוי איז געווען. משה האָט זיך געווענדעט צו די „נדיבי לב", צו די האַרציגע מענשען, און זיי האָבען געגעבען איבער גע־נוג.

**
*

די לעגענדע פון דער „מנורה", וועגען וועלכער מען רעדט אין היינטיגער סדרה, ווערט באַשריבען אין אַ בוך ווי פאָלגענד:

אין יאָהר 455, ווען די מאַכט פון דער רוימישער אימפעריע איז שוין געווען געבראָכען, די באַרבאַרישע גערמאַנישע שבטים האָבען געריסען פון איהר שטיקערווייז, זיינען די ווענדעלס אריין אין רוים און האָבען איהר סיסטעמאַטיש אויסגעראַבירט, יעדע זאַך וואָס מען האָט נאָר געקענט צונעהמען און אַוועקפיהרען, האָבען זיי אָנגע־לאָדען אויף זייערע וועגענער און שיפען. קורץ, זיי האָבען אויס־געליידיגט די שטאָדט.

ווען די אידען האָבען זיך דערוואוסט, אַז די ווענדעלס האָבען אַוועקגערויבט די מנורה, וועלכע טיטוס האָט מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק אַרויסגענומען פון בית המקדש און זי געבראַכט אין רוים, האָבען זיי זיך פאַרזאַמעלט אין שוהל און גענומען קלאָגען און וויינען. ענדליך האָט דער רב איינגעשטילט דעם עולם און פאָרגע־לייגט זיי אַ פּלאַן: נעמליך, אז מען זאָל אויסקלייבען עלף זקנים פון דער געמיינדע, זיי זאָלען נאָכגעהן די ווענדעלס, כדי צו זעהן וואָס מיט דער מנורה וועט געשעהן. אָבער אידער זיי הויבען זיך אָן צו גרייטען אין וועג אריין, מוזען זיי מיטנעהמען אַ קליין אינגעל, אַז ער זאָל עדות זאָגען, אַז ער האָט געזעהן די מנורה און ער זאָל עס דערצעהלען די קומענדע דורות.

און אזוי איז געווען. עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צעהן זקנים און דער רב, אַלע זיבעציג און אַכציג יאָהריגע אידען, דאַ־רונטער אויך אַ זיבען יאָהריגען אינגעל מיט'ן נאָמען בנימין, און מען האָט גענומען נאָכפאָלגען די ווענדעלס.

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. דאָס קינד פרעגט דעם רב, פאַרוואָס מוזען זיי געהן היטען די מנורה, און דער רב דער־

צעהלט איהם די געשיכטע פון דעם ערשטען חורבן, פון דעם צווייטען חורבן; „גאָט האָט ליעב דאָס ליכט וואָס ער האָט אָנגעצונדען, מיר אידען האָבען געמאַכט די מנורה אויס דאַנקבערקייט צו איהם פאַר דעם ליכט, מיט וועלכען ער האָט דערפרעהט אונזערע אויגען. ווען די מנורה ברענט פאר אונז שבת, ווערען אונזערע נשמות אזוי ווי אַ בית־המקדש. דערפאר איז קיין סימבאָל ניט אזוי טייער ביי אונז אידען ווי די מנורה. וואו דו וועסט געפינען אַ אידען, וואָס האַלט זיך ביים גלויבען אין דעם אידישען גאָט, וועסטו ביי איהם געפינען אַ מנורה מיט זיבען רעהרען".

די אַלטע מיט'ן קינד האָבען זיך דערשלאָגען ביז'ן ברעג, וואו די ווענדעלס האָבען די אַלע געראויבטע זאַכען ארויפגעבראַכט אויף אַ שיף. די אידען זיינען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ביז זיי האָבען דערזעהן ווי אַ שקלאַף טראָגט די מנורה, דער קליינער אינגעל איז געוואָרען אַן אויפגעציטערטער און אָנגעכאַפּט דעם שקלאַף. יענער האָט איהם געגעבען אַ שטויס און דאָס אינגעל איז געפאַלען און זיך צעבראָכען אַ האַנד. די זקנים האָבען איהם אויפגעהויבען און אַוועקגעטראָגען, און ווען די שיף איז אָפּגעפאָהרען פון ברעג, זיינען די אַלטע צוריק אַוועק אַ היים.

אַכציג יאָהר זיינען פארבייגעלאָפען, די עלף זקנים זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. אָבער בנימין לעבט נאָך. זיין נאָמען איז פארהייליגט געוואָרען צווישען די אידען אין רוים, זיי רופען איהם „בנימין דער פארביטערטער" (בנימין מר נפש) און פארהייליגט איז ער געוואָרען, ווייל ער איז געוועזן דער לעצטער, וועלכער האָט די מנורה געזעהן.

עס האָט זיך דערטראָגען די נייעס צו די אידען פון רוים, אַז דאָס קעניגרייך פון די ווענדעלס איז געפאַלען און די אוצרות זיינען איבערגעפיהרט געוואָרען אין „ביזאנטיוס" (די איצטיגע טערקיי). בנימין מר נפש האָט זיך דערשלאָגען צום קייזער פון ביזאנטיוס און בעט איהם, אַז ער זאָל די מנורה אָפּגעבען צוריק צו די אידען, אָבער דער קייזער זאָגט עס איהם אָפּ. דאַן שרייט אויס בנימין אַ ווארנונג

אַז די אַלע קעניגרייכע, וועלכע האָבען פאַרהאַלטען די מנורה, זיינען אונטערגעגאַנגען, און ביזאַנטיוס וועט האָבען דעם זעלבען סוף. דער קייזער דערשרעקט זיך און גיט אַרויס אַ באַפעהל, אַז מען זאָל די מנורה אָפּשיקען קיין ארץ ישראל און איהר אריינשטעלען דאָרטען אין אַ קירכע אונטער אַ צלם.

דער באַפעהל טרעפט די אידען ווי אַ דונער, און בנימין מר נפש קלאָגט מיט ביטערע טרעהרען אויף דעם אונגליק. פלוצלונג קומט צו איהם זכריהו דער גאָלדשמיד און דערצעהלט איהם, אַז נעכ־טען האָבען די שקלאַפען געבראַכט צו איהם די מנורה אַרומצופוצען און זי וועט זיין ביי איהם ביז מען וועט זי אַריבערשיקען קיין ירושלים.

בנימין האָט זיך זעהר דערפרעהט, און שלאָגט פאָר זכריהו׳ן אַז ער זאָל מאַכען אַ קאָפּיע פון דער מנורה און די קאָפּיע זאָל ער איבערגעבען צו דער רעגירונג. זכריהו איז אויף דעם פּלאַן איינגע־גאַנגען, ער האָט געמאַכט אַ קאָפּיע און האָט די קאָפּיע איבערגע־געבען צו דער רעגירונג און די אמת׳ע מנורה איז געבליבען ביי די אידען.

בנימין האָט אריינגעלייגט די מנורה אין אַן ארון און געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער פיהרט אַ טויטען אידען צו דער קבורה אין ארץ ישראל. קומענדיג אין ארץ ישראל האָט ער אויסגעגראָבען אַ קבר, אַריינגעלאָזט דעם ארון און אַ זאָג געטאָן: „איך בין דער לעצטער עדות, קיינער אויף דער וועלט ווייסט ניט דעם רוה פּלאַץ פון דער מנורה״!

אויף מאָרגען פריה האָבען דורכגעהער געפונען דעם טויטען קערפּער פון בנימינ׳ען, אויף דעם וועג, וואָס געהט פון יפו קיין ירושלים. זיינע אויגען זיינען געווען ברייט געעפענט, דער אויס־דרוק פון זיין פנים איז געווען אַ פריידליכער, די ליפען אָבער זיינען געווען פעסט צוזאַמענגעפּרעסט, אַזוי ווי זיי וואָלטען פאַרשלאָסען אַ סוד, וועלכער טאָר ניט אויפגעדעקט ווערען נאָכ׳ן טויט.

דאָס איז אין קורצען דער אינהאַלט פון דער לעגענדע.

דר. י. ל. שניצער

די באַדייטונג דערפון איז: די מנורה איז די אידישע מאָראל, די עטיק, יושר, גערעכטיגקייט און מענשען־ליבע, וואָס דער אידישער גלויבען לערענט דער מענשהייט, דעם אידען׳ס אויפגאַבע איז צו פאַרשפרייטען די ליכט צווישען די פעלקער, אָבער צוליב דעם גלות קענען מיר די געטליכע אויפגאַבע ניט דורכפיהרען, ווייל דאָרטען ווערט די מנורה, די אידישע מאָראל, פארשוועכט און צונויפגעפאָרט מיט אומריינע לעהרעס. די מנורה וועט ערשט דאַן קענען אויפלייכטען ווען די אידען וועלען האָבען אַן אייגען לאַנד, אָבער ביז דאָס וועט געשעהן, מוזען די אידען אָפּהיטען די מנורה, האַלטען איהר פאַרדעקט, אַז זי זאָל ניט פארדאָרבען ווערען.

תצוה

„ויקחו אליך שמן זית זך". דער אויבערשטער זאָגט צו משה'ן אַז די אידען זאָלען נעהמען ריינע קלאָהרע בוימעל אָנצוצינדען די מנורה. איז פאַרשטעהסטו דאָך אליין, משה, אַז איך פערזענליך דאַרף קיין ליכט ניט האָבען, נאָר דאָס פאָלק דאַרף האָבען ליכט, דעריבער גיב איך זיי צוויי גרויסע ליכטער וואָס זאָלען באַלייכטען זייער לעבען. די ליכט פון אמונה און די ליכט פון דעם מענשליכען שכל. די ליכט פון שכל אָבער, מוז זיין „שמן זית זך", קלאָהרע און ריינע געדאַנקען, דאָס הייסט, עהרליך דענקען און אָנערקענען אַז דער שכל איז באַגרע־ניצט. ווען עס קומט צום ביישפיל צו אַזאַ מין ענין וואָס זיי קענען מיט זייער שכל ניט פאַרשטעהן, דאַן זאָלען זיי אָנצינדען די צווייטע ליכט פון אמונה און זי זאָל באַלייכטען זייערע ווינקעלעך, אָבער ניט פאַרפיהרט ווערען אין לאַבירינט פון קרומע און פינסטערע וועגען, וויל זייער אויפגאַבע איז: „להעלות נר תמיד", צו שאַפען און צו שפרייטען שטענדיג ליכט אויף דער וועלט!...

***

דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט אין דער היינטיגער סדרה, אַז מיר זאָלען נעהמען „שמן זית זך" — ריינעם, קלאָהרען בוימעל אָנצוצינדען די אידישע מנורה. ערשטענס, וועט עס ליכטיגער ברע־נען, און צווייטענס, וועט דער ליכט־צינדער, דער גייסטיגער פיהרער, זיין באַשעפטיגט „מבוקר עד ערב", פון אין דער פריה ביז ביינאַכט, „לפני ד'", מיט געטליכער, גייסטיגער ארבייט.

מיר אָבער האָבען דאָ אין אַמעריקא דעם „שמן זית זך" אַוועק־געלעגט אין גאַנצען אָן אַ זייט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ אַ רבֿ

דר. י. ל. שניצער

אַ למדן, אַ ירא שמים און אַ בעל מדות טובות? מיר פיהלען דאָ אָן די אידישע מנורה מיט הייזוען, מיט פסולת, און אַ ליכט־צינדער זוכען מיר אַזעלכען, וואָס „ונשמע קולו בבואו אל הקודש", ער זאָל האָבען אַ שעהנע שטימע און מאַכען קוקורעקו אין ענגליש. נו, איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס די אַמעריקאנער אידישע מנורה ברענט אזוי טונ־קעל?

***

שמן זית זך.

די נשמה, דאָס איז די מנורה, וואָס שטעהט אין „אהל־מועד", אין מענשליכען קערפּער „נכח השלחן", אַנטקעגען דעם מאַטעריאַליסטי־שען טיש, פאַרבונדען מיט אַ „חלק אלהי ממעל", אַ הייליגען געטליכען פונק, „להעלות נר תמיד", צו דערהויבען דעם מענשען צו אַ ליכטיגערע מדרגה און צו אַ העכערע שטופע. דאָס הייסט, אַז די נשמה איז אַ רעפלעקשאָן, אַן אָפּלשאַג פון דער גרויסער געטליכער ליכט, (כי נר אלהים נשמת אדם), זי נעהמט אויף ליכט אין זיך און רעפלעקטירט אויך ליכט פון זיך, און וואָס מעהר ליכט זי נעהמט אויף, אַלץ ליכטיגער ווערט איהר אייגענער רעפלעקשאָן, דאָס זיינען די גוטע טהאַטען, וואָס די נשמה גיט ארויס פון זיך.

גאַנץ אָפט קען מען זעהן דעם רעפלעקשאָן אין די אויגען, וואָס דאָס זיינען די פענסטער פון דער נשמה, דורך די פענסטער קען מען דערקענען אַ מענשען׳ס כאַראַקטער, זיינע געדאנקען, זיינע געפיהלען און אויך זיין גאַנצען גייסטיגען מהות.

עס זיינען פאַראַן גרויסע אויגען, וואָס ווילען איינשלינגען די גאַנ־צע וועלט; בייזע אויגען, וואָס שטעכען דורך ווי שפּיזען; טרויעריגע אויגען, וואָס ברעכען דאָס הארץ פאַר רחמנות; פאַרבענקטע אויגען, וואָס שמאַכטען נאָך ליבע און צערטליכקייט; שמאַלציגע אויגען, וואָס דערצעהלען פון זעלבסט־צופרידענהייט; חוצפה׳דיגע אויגען, וואָס דערצעהלען פון פרעכקייט און אונפאַרשעהמטקייט;

גוטמוטיגע און מילדע אויגען, וואָס דערצעהלען פון איידעלע געפיהלען און גרויסע אידעען.

די נשמה ליכט אַנטהאַלט אין זיך די אלע זיבען קאָלירען פון „ספעקטרוס״. דעריבער זעהט יעדער איינער דורך די נשמה־פענסטער די וועלט אין אַן אַנדער פארב. איינער זעהט אלץ שווארץ, און די וועלט איז ביי איהם אַ יאָמער־טאָל. דער צווייטער זעהט אַלץ ווייס, און די ערד אונטער זיינע פיס איז אַ טאַנץ־זאַל. איינער זעהט אַלץ רויט און זוכט מיט מלחמה־בלוט נאָך רויטער צו פארבען. איינער זעהט אַלץ געל און זוכט וואָס מעהר געלע גאָלד צו זאַמלען, און אזוי ווייטער און ווייטער.

און דאָס קען זיין האָט דער מדרש געמיינט מיט דעם וואָס ער זאָגט:

ווען דער אויבערשטער האָט געהייסען די אידען, אַז זיי זאָלען נעמען שמן זית זך אָנצוצינדען די מנורה, „אמרו ישראל״, האָבען די אידען צו איהם געזאָגט: „כי אתה נרי ואתה אומר שנאיר לפניך״, דו ביזט אונזער ליכט, טאָ צו וואָס דארפען מיר אָנצינדען אַנדערע ליכט? „אמר להם״, האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: „בשביל להעלות אתכם שתאירו לי כדרך שהארתי לכם״, כדי אייך צו דערהויבען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז איהר זאָלט מיר לייכטען ווי איך לייכט אייך, אַז איהר וועט אָנפילען די מנורה מיט שמן זית זך, מיט ריינע קלאָהרע מעשים טובים, דאן וועט עס מיר אויך לייכטען.

**
*

שמן זית זך.

מיר אידען זיינען געגליכען צו „שמן״, צו בוימעל. אַלע משקאות מישען זיך צונויף איינע מיט דער צווייטער. בוימעל, אָבער, לאָזט זיך ניט צונויפמישען, בוימעל בלייבט שטעהן באַזונדער. אזוי איז אויך מיט׳ן אידישען פאָלק, דער איד לאָזט זיך ניט אַסימילירען צווישען די פעלקער.

**
*

דר. י. ל. שניצער

שמן זית זך.

אַלע משקאות ווען מען מישט זיי צוזאַמען, קען מען ניט דערקע־נען וועלכע משקה איז פון אונטען און וועלכע איז פון אויבען. בוימעל, אָבער, בלייבט שטענדיג שטעהן פון אויבען. אַט אַזוי איז אויך דער איד. מיט זיין אָפּגעהיטקייט, מיט זיין שעהנעם פאַמיליען לעבען שטעהט ער אין דער הויך, העכער פון אַלע נאַציאָנען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

דער רמב״ם זאָגט, אַז די פערציג יאָהר, וואָס די אידען האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר, זיינען זיי געווען אַ מין „איבונג־שוהלע״, צו אַנטוויקלען זייערע קערפּערס, דאָס שווערע לעבען זאָל זיי פאַר־האַרטעווען און מאַכען זיי פאַר העלדישע קעמפער. פרעגט זיך די פראגע: אויב דער גאנצער צוועק פון וואנדערען אין דער מדבר איז נאָר געווען דעם קערפּער צו פארהאַרטעווען, האָט משה געדאַרפט מאַכען מיט זיי קערפּערליכע איבונגען, גימנאַסטיק, עקסערסייזעס און נאָך אַזעלכע סאָלדאַטסקע איינריכטונגען, און ניט קאַרמענען זיי די גאַנ־צע צייט מיט נשמה איבונגען, אָבער חוקים און משפטים און ווידער חוקים און משפטים, וואָס האָבען חוקים און משפטים צו טאָן מיט קער־פּערליכע איבונגען?...

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם דאָקטאָר:

איינער האָט זעהר שטאַרק געליטען אויפ׳ן הארץ, האָט מען אַראָפּגעבראַכט צו איהם אַ פּראָפעסאָר, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער וועלט אַלס האַרץ־ספּעציאַליסט.

ווען דער פּראָפעסאָר האָט דעם קראַנקען אונטערזוכט, האָט ער זיך צו איהם אָנגערופען:

— הערט אויס, מיין פריינד, די אַלגעמיינע מעדיצינען וועלען אייך וויניג וואָס העלפען, אייך קען נאָר אויפהאַלטען דאָס לעבען ווען איהר וועט מיך פאָלגען דאָס וואָס איך געה אייך איצט זאָגען. צום אַלעם

מענש און תורה

ערשטען דאַרפט איהר נעהמען אויף זיך קיינמאָל ניט אין כעס צו ווערען. איהר טאָרט זיך ניט בייזערען און אויך ניט אויפגערעגט ווערען אויף קיינעם, איהר מוזט זעהן צו לעבען ווי ווייט מעגליך רוהיג, ניט זיין שטאַרק פארקאָכט אין געשעפט, איהר טאָרט זיך ניט נאָכיאָגען נאָך געלט און נאָך רייכטימער, איהר מוזט זיך צופרידען שטעלען מיט דעם וואָס איהר האָט, און ניט זוכען צו פארכאַפּען די גאַנצע וועלט, געלד מאַכט אַ מענשען גליקליך, אַ רוהיג לעבען אָהן דאגות, איז דאָס גרעסטע גליק אויף דער וועלט.

צווייטענס, מוזט איהר זעהן צו פיהרען א ריין און אַן אָנשטענדיג לעבען, ווייל אונמאָראַלישע אויפפיהרונגען זיינען זעהר שעדליך פאר אייער געזונט.

דריטענס, מוזט איהר זעהן צו ענדערען אייער „דייעטע", חזיר פלייש איז פאר אייך גיפט, פיש, אָהן פלוס־פעדערען און אָהן שופען איז אויך זעהר שעדליך פאר אייך, קיין בלוט טאָרט איהר ניט טרינקען, קיין נבלות און קיין טרפות זאָלט איהר ניט עסען.

קורץ, ער האָט איהם אויסגערעכענט אַ גאַנצען רייסטער וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר ניט, זיך געהייסען באַצאָהלען פאר זיין וויזיט און איז אָפּגעפאָהרען.

צופעליגערווייז זיינען אין הויז געווען דעם קראנקענס אייניגע גוטע פריינט, וועלכע האָבען געהערט וואָס דער פּראָפעסאָר האָט דעם חולה אָנגעזאָגט, און ווען דער פּראָפעסאָר איז אוועק, האָט זיך איינער אָנגערופען:

— איך פאַרשטעה ניט וואָס פאַר אַ מין דאָקטאָר דאָס איז. אַנשטאָט צו געבען דעם חולה אַ מעדיצין, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ קאַפּיטעל מוסר. ממה־נפשך, ביזטו אַ מגיד, טאָ געה אַרום איבער די שוהלען און זאָג דעם עולם מוסר; ביזטו אַ דאָקטאָר, פאַרשרייב דעם חולה אַ רעצעפּט און פאַרטיג, וואָס טויג דעם קראנקען מוסר?

— דו ביזט אַ גרויסער נאַר — האָט אַ צווייטער זיך צו איהם אָנגערופען — אָט דער מוסר, וואָס דער דאָקטאָר האָט דעם חולה דערלאַנגט, איז פאר איהם די בעסטע רפואה. ער האָט איהם, צום ביישפּיל,

דר. י. ל. שניצער

אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך מיט קיינעם ניט קריגען און זיך ניט נאָכיאָגען נאָך געלט. רעכענסטו, אַז ער האָט געמיינט דערמיט, אַז דער חולה זאָל האָבען עולם הבא? ווייס איך וואָס! נאָר וואָס דען? ער האָט געמיינט, אַז דער חולה זאָל זיך ניט ערגערען און זיך ניט עסען דאָס האַרץ, אָט דאָס וועט זיין פאר איהם די בעסטע רפואה, און דאָס זעלבע איז אויך מיט די איבעריגע זאַכען, וואָס ער האָט איהם אָנגעזאָגט.

דאָס וואָס עס איז גוט פאר דעם מענשענ׳ס נשמה, איז אויך גוט פאַר זיין גוף. אָט די נשמה־איבונגען, וואָס משה האָט געגעבען די אידען אין דער מדבר, האָבען אויך זעהר פיעל געשטאַרקט זייער קער־פער, די חוקים און משפטים פון דער מדבר האָבען געריייניגט דעם אידענ׳ס בלוט, און דערפאר קאָן זיין איז דאָס אידישע פאָלק אונ־שטערבליך געבליבען.

תשא

עגל הזהב.

פרעגען מאַנכע ביבעל־קריטיקער: „וואָס איז געווען די אידעע פון דעם גאָלדענעם קאַלב״? אויב דאָס פאָלק האָט געוואָלט האָבען אַן אָבגאָט צו פארנעהמען דעם פּלאַץ פון משה רבנו, פארוואָס האָבען זיי ניט געמאַכט אַ גאָלדענעם מענש, אָדער אַ סטאַטוע פון משה רבנו אליין?

שפּעטער ווידער, ווען ירבעם בן נבט האָט געוואָלט מאַכען אָב־געטער פאר זיין פאָלק האָט ער אויך געמאַכט גאָלדענע קעלבער, איז דערפון צו זעהן, אַז ווען איינער האָט גענומען קלעהרען וועגען מאַכען אַן אָפּגאָט, איז גלייך איהם געקומען אויפ׳ן זינען אַ גאָלדענע קאַלב, אָבער פאַרוואָס? וואָס פאר אַ שייכות האָט אַ גאָט צו אַ גאָלדענעם קאַלב?

מאַכנע ענטפערען דעם תירוץ, אַז די פּערצייטיגע העברעער האָ־בען זיך אָפּגעלערענט די פארהייליגונג פון אַ קאַלב אָדער פון אַן אָקס פון די עגיפּטיאַנער, וועלכע האָבען פארגעטערט דעם אָקס „אפּיס״, אָבער דאָס מאַכט דעם ענין נאָך מעהר רעטזעלהאַפט. פאר־וואָס האָבען די אַמאָליגע ציוויליזירטע עגיפּטיאַנער פאַרגעצויגען צו דינען צו אַן אָקס איידער צו אַ מענשען? אויב שוין יאָ דינען צו אַ באַשעפעניש, פארוואָס ניט אויסקלייבען די קליגסטע באַשעפעניש?

אָבער איידער מיר וועלען ענטפערען אויף דער רעטעניש, ווע־לען מיר מאַכען אַ קורצע סאָציאָלאָגישע באַמערקונג.

די הערשאַפט פון דער וועלט צעטיילט זיך אויף צוויי סאָרטען מאַכט: „קערפּערליכע אָדער ברוטאַלע מאַכט״ און „שכל־מאַכט״. דעם מענשענ׳ס שכל האָט זיך ענטוויקעלט און גרויסע ערפינדונגען און ענטדעקונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט דער שכל צוגענומען די הערשאַפט פון דעם „פויסט״ און גענומען רעגירען די וועלט, די גוטע

דר. י. ל. שניצער

קעפ רעגירען איצט די וועלט, און ניט דער שטאַרקער „פויסט", דער מענש, צום ביישפּיל וואָס האָט ערפונדען די דאַמף־שיף, איז אליין געוועזן שוואַך און קרענקליך אין קערפּער, אָבער דורך די ערפינדונג פון זיין שכל, איז ער געוואָרען שטאַרקער פון דעם שטאַרקסטען ריעז, וואָס אַ מענש קען זיך פאַרשטעלען. דאָס ווייזט, אַז די קראַפט פון שכל איז פיעל, פיעל שטאַרקער ווי די קראַפט פון קערפּער. אָט די צוויי קלאַסען מאַכט — די קראַפט פון קערפּער און די קראַפט פון שכל, קענען סימבאָליזירט ווערען דורך דעם „אָקס" און דעם „מענשען". אין קערפּערליכער ענטוויקלונג שטעהט טאַקע דער אָקס פיעל העכער ווי דער מענש, דערפאר אָבער האָט גאָט געגעבען דעם מענשען אַ מתנה, וואָס וועגט אַריבער אַלע מעלות פון די נידעריגע באַשעפענישען. קורץ, דער מענש מיט זיין שוואַכען קערפּער איז פיעל שטאַרקער און פע־היגער ווי דער אָקס מיט זיין קערפּערליכער קראַפט.

ליידער אָבער זיינען דעם מענשענ'ס אויפטוהונגען געקומען צו שפּעט, די פיזישע קראַפט האָט זעהר אַ לאַנגע צייט רעגירט. די פעל־קער, צום ביישפּיל, האָבען געפיהרט שטענדיגע מלחמות צווישען זיך און געפאָכטען מיט ברוטאַלע, פיזישע קראַפט — האַנד אין האַנד, פנים צו פנים און מיט שפּיזען און שווערדען. דער קעניג וועלכער האָט גע־האַט אַ גרעסערע מחנה, האָט געוואונען די מלחמה. אָט דאָס האָט געבראַכט די פאַרצייטיגע עגיפּטיאַנער אַנצובעהטען דעם אָקס אַלס גאָט, ווייל דער אָקס איז דער סימבאָל פון פיזישע קראַפט.

די אידען, וועלכע האָבען הונדערטער יאָהרען געוואוינט צווישען די עגיפּטיאַנער, האָבען נאַטירליך געבאָרגט פון זיי די אידעע פון פי־זישע מאַכט, און ווען זיי האָבען געוואָלט מאַכען אַן אָפּגאָט, האָבען זיי אויסגעקליבען דעם אָקס.

איז אָבער געקומען משה און געוויזען די אידען, אַז עס איז דאָ אַ שטאַרקערע מאַכט ווי דער פויסט, ער האָט זיי געגעבען אַ לעקציע, אַז די שטאַרקערע מאַכט וואָס רעגירט די וועלט, האָט ניט קיין גוף, פונדעסטוועגען האָט ער געגוג כח צו צווינגען דעם קעניג פון עגיפּטען מיט זיין גאַנץ פאָלק, צו טאָן וואָס ער פאַרלאַנגט. די סאָרט לעהרע

מענש און תורה

האָט אויף אַ ווײַלע געהאַט אַ ווירקונג, די אידען האָבען אָװעקגעוואָרפען דעם עגיפּטישען גאָט און האָבען אַנערקענט דעם אמת׳ן און איינציגען גאָט, דעם גאָט פון זייערע עלטערען.

אָבער דאָס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, ווייל משה׳ס לעהרע האָט נאָך ניט געשלאָגען קיין טיפע וואָרצלען אין זייער הארצען. דע־ריבער ווען משה איז אַוועקגעגאַנגען און איז געבליבען לענגער ווי זיי האָבען איהם דערוואַרט, האָבען זיי גערעכענט, אז איהם האָט געוויס אַן אונגליק געטראָפען, און זיין גייסטיגער גאָט האָט איהם ניט גע־קענט באַשיצען. האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו זייער פריהערדיגער אידעע, אַז פיזישע קראַפט איז נאָך אַלעמען די שטאַרקסטע מאַכט, וואָס רעגירט דעם גאַנצען באַשאַף. און קוים זיינען זיי געקומען צו דעם באַשלוס, האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער עגיפּטישער אמונה און געמאַכט אַ קאַלב, מיט דער מיינונג, אַז די עגיפּטער זיינען אַ גרויי־סע פאָלק האָבען זיי אַן אָקס פאַר אַ גאָט, זיי, אָבער, זיינען אַ קליין פאָלק, איז גענוג פאר זיי אַ קאַלב.

אָט דאָס קען אויך זיין, האָט געמיינט דער מדרש מיט דעם וואָס ער זאָגט, אַז ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן „לך רד כי שיחת עמך" (געה זעה וואָס דיין פאָלק האָט געטאָן), זאָגט דער מדרש: „לך רד — מרדות הם צריכים", (זיי דארפען האָבען געזונטע קלעפּ). פרעגט זיך די פראגע: פאַרוואָס האָט פאַרוואָרפען דער מדרש דעם איינפאַכען פשט און אָנגענומען עפּעס גאַר אַן אַנדער מיינונג?

נאָר דער תירוץ איז, דער מדרש האָט דערמיט געמיינט צוצופּאַ־סען זייער שטראָף צו זייער זינד, אַזוי לאַנג ווי אַ מענש גלויבט אין מאַכט פון שכל, איז זעהר גרינג איהם אַרויפצופיהרען אויפ׳ן גליי־כען וועג דורך שכל׳דיגע ארגומענטען, ווייל שכל קען מען באַקעמפען מיט שכל.

ווען אָבער אַ מענש פאַרוואָרפט דעם שכל אין גאנצען, און הויבט אָן גלויבען אין ברוטאַלע מאַכט פון פויסט, דאן איז אומזיסט די מי איהם צו איבערצייגען מיט שכל׳דיגע באַווייזען, ווייל ער גלויבט ניט אין שכל, איהם דארף מען נאָר באַגעגענען מיט זיינע אייגענע

דר. י. ל. שניצער

וואַפען. דו גלויבסט אין פויסט, „מרדות הם צריכים״, זיי דאַרפען געזונטע קלעפּ. ווייל דאָס איז די איינציגע מאַכט וואָס זיי קענען פארשטעהן, דעריבער ברעך זיי גוט אָן די ביינער, משה.

⁂

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען בצלאל בן אורי צו בויען דעם משכן, און האָט איהם געגעבען חכמה, וויסענשאַפט, „לחשב מחשבת״, צו קענען לייענען יענעמס געדאַנקען, ווי אויך צו ארבייטען מיט גאָלד, זילבער און קופער. פרעגט זיך די פראגע: מילא, אַז ער האָט איהם געגעבען חכמה, וויסענשאַפט, ווי אויך צו ארבייטען מיט גאָלד, זילבער און קופער, דאָס פארשטייט ער, ווייל אום צו בויען אַ געצעלט פאר'ן אויבערשטען, מוז מען האָבען אַ מאַן, וואָס פארשטייט די מלאכה, אָבער דעם „לחשב מחשבת״, קען ער ניט פארשטיין, צו וואָס האָט בצלאל געדאַרפט קענען לייענען יענעמס געדאַנקען?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט יענעם „ישוב'ניק״:

רבי חיים וואלאזשינער זצ״ל האָט געהאַט אַ משולח, וואָס פלעגט ארומפאָהרען איבער דער מדינה קלייבען געלט פאר דער ישיבה. ווען ר' חיים האָט איבערגעקוקט דעם משולח'ס בוך, האָט ער געפונען, אַז אַ דערבייאיגער ישוב'ניק, אַ פראָסטער מענש, גיט יעדען יאָהר פופציג רובעל אויף דער ישיבה. ר' חיים איז זעהר שטאַרק פארוואונדערט געוואָרען, אַ פראָסטער ישוב'ניק זאָל דאָס טאָן, און נאָך פופציג רובעל דערצו, וואָס צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ גאַנץ פאַרמעגען.

אין אַ קורצע צייט אַרום זאָגט דער משולח צו ר' חיים'ן: אַז ווען די ישיבה וואָלט געהאַט אַן אייגען פערד און וואָגען, וואָלט ער געקאָנט מאַכען נאָך אַמאָל אַזוי פיעל געלד, ווייל איצט קומט איהם אויס צו שטעהן אין אַ שטעטעל עטליכע טעג, ביז ער קריגט אַ בעל

עגלה צו פאָהרען אין אַן אַנדער שטאָט. אָבער מיט אַן אייגען פערד און וואָגען, איז אַ שמיץ און אַ פאָהר, און ער איז שוין אין אַן אַנדער שטאָט.

ר׳ חיים האָט זיך געלאָזט איינרעדען, געקויפט פאר׳ן משולח אַ פערד און וואָגען, אָנגעשטעלט פאר איהם אַ מענשען וועלכער זאָל פאר איהם פיהרען דעם וואָגען און איהם געהייסען זיך מכין צו זיין אין וועג אריין.

— ניין, רבי! — האָט דער משולח זיך צו איהם אָנגערופען, — איצט, אַז מיר האָבען שוין אַן אייגען פערד און וואָגען, וואָלט גע־פאַסט, אַז איך זאָל האָבען אַ שעהנערע קאַפּאָטע אויך. איהר פאר־שטייט דאָך אליין, רבי, אַז מען קומט אריין צו אַ גביר אין הויז, דאַרף מען גערהן אָנגעטאָן ווי אַ מענש, ניט אין אַזאַ פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטע ווי מיינע איז.

ר׳ חיים האָט איהם דאָס אויך נאָכגעגעבען, געלאָזט אויפנייען פאַר איהם אַ שעהנע אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ נייע סאַמעטענע היי־טעל, און דער משולח האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער מדינה.

ווי ערשטוינט אָבער איז ר׳ חיים געוואָרען ווען דער משולח איז אין אַ פאָר מאָנאַטען ארום צוריק געקומען פון דער נסיעה און האָט געבראַכט אַ סך ווייניגער געלט ווי פריהער. ער קוקט אריין אין דעם משולח׳ס בוך, זעהט ער, אַז דער ישוב׳ניק, וואָס פלעגט פריהער געבען פופציג רובעל פאר דער ישיבה, האָט היינטיגס יאָהר קיין קאָפּיקע ניט געגעבען, האָט ער באַשלאָסען, אַז ער מוז אליין ארי־בערפאָהרען און זעהן זיך מיט׳ן ישוב׳ניק.

דער ישוב׳ניק האָט אויפגענומען ר׳ חיים׳ן מיט גרויס כבוד, און ווען ר׳ חיים האָט איהם דערציילט די אורזאך וואָס ער איז גע־קומען, האָט דער ישוב׳ניק צו איהם געזאָגט:

— פריהער פלעג איך געבען מיט גרויס שמחה מיין נדבה, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דאָס געלט געהט פאר די ישיבה־בחורים, איצט אָבער, אַז איך האָב דערזעהן מיט וואָס פאר אַ סטראַי אייער משולח איז געקומען, אַן אייגען פערד און וואָגען, מיט אַ מענשען,

וועלכער טרייבט דעם וואָגען, און נאָך אין אַטלעסענע בגדים, אויף אַזעלכע זאַכען גיב איך קיין געלט ניט.

— הערט אויס, מיין ליבער פריינט — האָט ר' חיים זיך צו איהם אָנגערופען, — אין דער תורה שטעהט: ווען דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען בצלאל'ן צו בויען דעם משכן, האָט ער איהם גע־געבען חכמה און „לחשב מחשבת", צו קענען לייענען יענעמס געדאַנ־קען, פרעגט זיך די פראגע: צו וואָס האָט ער געדאַרפט לייענען יענעמס געדאַנקען? נאָר דער תירוץ איז, דער משכן איז געווען איינגעטיילט אין פארשידענע הייליגקייטען: דער קדשי קדשים איז געווען הייליגער פון דעם היכל, דער היכל איז געווען הייליגער פון דעם עזרת כהנים, דער עזרת כהנים איז געווען הייליגער פון דעם עזרת ישראל, און אזוי ווי עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע מנדבים אויף דער וועלט, האָט בצלאל געמוזט קענען לייענען יענעמס גע־דאַנקען. האָט איינער געגעבען אַ ריינע הערצליכע נדבה, איז דאָס געגאַנגען צום קדשי קדשים, האָט אָבער איינער געגעבען אַ נדבה פון כבוד וועגען, איז דאָס געגאַנגען אויף די איבעריגע הייליגקייטען.

מיט אונזער ישיבה איז אויך די זעלבע, אויב איינעמס כונה איז פאר די ישיבה בחורים, וועט געוויס געהן זיין נדבה פאר דעם צוועק. ווען אָבער איינער גיט אַ נדבה פון כבוד וועגען, געהט אַביסעל פאר'ן פערד און וואָגען, אַביסעל פאר דער אַטלעסענע קאַפּאָטע און אַבי־סעל פאר די ישיבה־בחורים אויך. איהר פארשטייט? עס ווענדעט זיך נאָר וואָס פאר אַ כונה מען האָט.

תזריע מצורע

„תזריע־מצורע״ — באפּרוכפּערונג און פּלאג, טהרת המשפּחה און נגעים, אַ מיקראָסקאָפּישע פאַרבינדונג פון איינער צו דער אנדערער.ביידע געהן האַנד אין האנד אפילו אויך אין דער איצטיגער צייט און רואינירען דעם קערפּער און די נשמה.

נגעים אויפ׳ן לייב פון סעקסועלער פאַרדאָרבענהייט, נגעים אויפ׳ן קאָפּ פון שעדליכע דעות, נגעים אין קליידער פון צופיעל פּוץ, נגעים אין הייזער פון אַ צוריסענעם פאַמיליען לעבען, אַט די אַלע נגעים־באַצילען קומען פון ניט קיין ריינעם צימער, פון אַ צימער וועלכער איז ניט דורכגעלופטערט געוואָרען מיט דעם אַנטיסעפּטיק פון טהרת־המשפּחה.

עס איז זעהר לייכט אַז אַ באַהן זאָל אַרונטערגעהן פון די רעלסען. איין מינוט, און דער אומגליק איז געשען! עס נעמט אָבער זעהר פיעל צייט און ארבייט דעם באַהן צוריקצוברענגען אויף די זעלבע רעלסען.

עס איז זעהר לייכט צו מאַכען אַ חורבן פון דעם שעהנעם פאַמיליען־טעמפּעל, וואו עס רוהט די שכינה פון ליעבע, און פון טהרת־המשפּחה, עס איז אָבער שווער, זעהר שווער עס צוריק גוט צו מאַכען.

דער מדרש ערקלעהרט אונז דעם פּסוק: „ויטע ד׳ אלהים גן בעדן מקדם״ — דער אויבערשטער האָט געפּלאַנצט אַ גאָרטען אין עדן, „למה הוא מזכיר שם מלא בנטיעת הגן״? וואָרום דערמאָנט דער פּסוק דעם אויבערשטענס נאָמען אין גאַנצען מיט׳ן אויסדרוק „ד׳ אלהים״? „שמתחלת ברייתה היא צריכה כוון, קודם עד שלא נוצרה ממעי אמה, אדם צריך לכוון את רוחותיה״. אזוי ווי אַ פאַרמער אָדער אַ באָטאַניקער, אַז ער געהט פּלאַנצען אַ גאָרטען רעכענט ער פריהער

ד"ר. י. ל. שניצער

גוט אויס און זוכט צוצופאַסען דעם פּלאַץ, דעם קלימאַט, און דעם ריכ־טיגען באָדען, אז עס זאָל ניט זיין צו הויך וואו די זון ברענט זעהר שטאַרק, אָדער צו נידעריג וואו אַלעס קען פאַרטרוקנען ווערען. אַט אַזוי דאַרף מען אויך זעהר פאָרזיכטיג זיין מיט דעם מענשען, מיט דעם בחיר היצורים, אַז ער זאָל ניט געבוירען ווערען מיט דעם אינ־סטינקט פון אַ חיה אָדער פון אַ בהמה.

איבערהויפּט דאַרף דער באָטאַניקער אָנווענדען אַלע זיינע קרעפ־טען אויפצופּאַסען אויף די שפּראָצונגען ווען זיי פאַנגען אָן ארויסצו־קומען. גאַנצע כאַלאַסטרעס פון געפערליכע אינסעקטען דרייהען זיך אַרום זיי ארום און זוכען זיי צו פארגיפטען. מאַנכע אינסעקטען קומען אין די פאָרמע פון „ביכער" וועלכע זיינען גיפט צו דעם פאַ־מיליען־גליק. זיי מאַכען דעם איינדרוק, אַז די וועלכע האָבען זיי געשריבען קריגען באַצאָהלט פון דעם שטן אליין כדי די יונגע בוי־מעלעך צו פארניכטען.

ווען זיי נעהמען אריין אַ בוך אין דער האנט און זעהן אַז פון אָנפאַנג ביז צו דער ענדע איז דער בוך פול מיט פאַמיליען־סקאַנדאַלען, ווערט ביי זיי אין מוח איינגעקריצט אַז די גאַנצע וועלט איז פאַלש און פאַרדאָרבען, אויף אַזאַ אַרט און וויזע ווירקט עס לאַנגזאַם אָבער זיכער, אַז די הייליגקייט פון טהרת המשפחה זאָל איהר גלאַנץ פארלירען. און ווען אפילו דער בוך זאָל אויף דעם לייענער אַ גאַנץ קליינע וויר־קונג מאַכען. קריגט ער אָבער אין דער זעלבער צייט אַ פאַלשען באַ־גריף צו דענקען, אַז ער אַליין איז אַן אויסנאַם . . . ווייטער זיינען אַלע מענשען שרעקליך פאַרדאָרבען, און ער פאנגט אָן צו קוקען אויף דער וועלט מיט פארדעכטיגע אויגען.

דאָס אידישע פאָלק איז פון שטענדיג אָן געווען גליקליך אין זייער פאַמיליען־לעבען, ווייל זיי האָבען ניט געלייענט, ניט געזעהן, און ניט געהערט פון אַזעלכע פאַלשקייט און אונטרייהייט וואָס מען באַגעגענט אין היינטיגע ראָמאַנען. זיי האָבען אויך אויפגעפּאַסט אויף זייערע קינדער אַז זיי זאָלען פון די אינסעקטען ניט געביסען ווערען. דערי־בער זיינען טאַקע אונזערע אַמאָליגע קינדער געווען פריי פון אַלע

פארברעכערישע נייגונגען, היינט אָבער איז דאָס אין גאנצען אַנדערש געוואָרען.

אפילו ליבע וואָס איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען „הימלישע טאָכטער" איז אויך איצט זעהר וואָכעדיג געוואָרען.

די יונגע קינדער וואָס לייענען אַ סך ביכער פון ליבע און וויי־נען און פרעהען זיך צוזאַמען מיט זייערע ראָמאַנען העלדען, קריגען דעם באַגריף אַז ליבע איז אַזאַ מין זאַך וואָס באַהערשט מענשליכע הער־צער בלויז ביז דער חתונה, די ליבע האָט אָפּגעטאָן איהר אַרבייט און ראָס פּאָר פאָלק האָבען חתונה געהאַט, אָדער עס האָט געפיהרט צו אַ טראַגעדיע און עס האָט זיך אויסגעלאָזען מיט'ן טויט.

אָבער פון ליבע נאָך דער חתונה, דערפון באַגעגענט מען גאנץ ווייניג אין די ראָמאַנען. דעריבער איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די ליבע נאָך דער חתונה ווערט קאַלט און פארפראָרען, דער קער־פּער אויסגעשלאָגען מיט נגעים, און מען לויפט צום כהן, צו אַ רב אָדער צו אַ ריכטער.

וואָלט וועניגסטענס דער כהן וואָס באַטראַכט די נגע געהאַט צוויי אויגען וואָלטען פיליכט אזוי פיעל גט'ן ניט געווען. די צרה איז אָבער וואָס דער כהן איז אַ בלינדער. ער האָט מעהר ניט ווי איין אויג... און אונזערע חכמים זאָגען: „כהן שסומא באחת מעיניו אסור לראות את הנגע", דער כהן וואָס באַטראַכט די נגע מוז האָבען ביידע אויגען, איין אויג דאַרף זעהן די נגע און די צווייטע אויג דאַרף זעהן די סיבה און די אורזאכע וואָס האָט די נגע ארויסגערופען. אַ כהן אָבער וועלכער זעהט בלויז מיט איין אויג, ער זעהט בלויז די שלעכטע זייט און זוכט ניט אריינצודרינגען אין די טיפערע סיבות וואָס האָבען געבראכט די נגע, אַזאַ כהן איז פסול צו אורטיילען איבער נגעים.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ביי יעדער געלעגענהייט ווען מיר בעטען דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אונז העלפען, בעטען מיר אלץ: „לא לנו ד' לא לנו", ניט פון

דר. י. ל. שניצער

אונזערט וועגען בעטען מיר דיר הילפע, נאָר: „לשמך תן כבוד״, גיב עהרע און אַכטונג צו דיין אייגענעם נאָמען, דאָס הייסט, טהו עס מעהר צוליב זיך ווי צוליב אונז. פרעגט זיך די פראגע: אונז איז שלעכט, אונז איז ביטער, וואָרום בעטען מיר איהם ניט, אַז ער זאָל אונז העלפען און געענדיגט! ווארום עפּעס צוליב זיין כבוד וועגען?

אלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם אָרימאַן:

אַן אָרימאַן האָט געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וועלכע ס'איז שוין לאַנג צייט געוועזן חתונה צו מאַכען, אָבער ער האָט, נעבאַך, פאַר איהר קיין נדן ניט געהאַט, איז ער געקומען צו זיינעם אַ רייכען ברו־דער און איהם דערצעהלט זיינע צרות און איהם געבעטען, ער זאָל איהם זעהן אַרויסהעלפען. האָט דער רייכער ברודער איהם געגעבען הונדערט רובעל און איהם געהייסען געהן זוכען אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער.

גראד איז דאַן געוועזן פאַר יום טוב, און אזוי ווי זיין ווייב, זיין טאָכטער און אויך ער אליין האָבען ניט געהאַט קיין גאנצען מלבוש אויף זיך, האָט ער גענומען דאָס געלד וואָס זיין ברודער האָט איהם געגעבען אויף נדן און אויסגעגעבען אויף קליידער פאַר זיך, פאַר זיין ווייב און פאַר זיין טאָכטער. פאַר איין וועג האָט ער אויך געלאָזט פאררייכטען זיין הייזעל, און צוגעקויפט אַ ביסעל נייע מעבעל, ווייל טאָמער קומט אַ חתן און וועט זעהן ווי דער דלות טאַנצט ביי איהם אין הויז, וועט איהם דער שידוך ניט געפעהלען.

ווען דאָס לעצטע ביסעל געלד פון דעם הונדערטער איז אַוועק, איז דעם אָרימאַן זעהר ביטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, וואָס זאָל ער איצט טאָן? טאָמער מאַכט זיך שוין אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, האָט ער ווידער קיין נדן ניט, איז ביי איהם געבליבען אַז ער זאָל אריבערגעהן צו זיין רייכען ברודער און איהם דערצעהלען די גאַנצע מעשה און איהם בעטען אַנדערע געלד אויף נדן. ווען דעם אָרימאַנס אַ פריינד האָט געהערט וואָס ער וויל טאָן, האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען:

מענש און תורה

„געה ניט, מיין פריינד! געה ניט צו דיין ברודער בעטען נייע געלד. ווארום ווען ער וועט זיך דערוויסען אַז דו האָסט יענע געלד וואָס ער האָט דיר געגעבען אויסגעגעבען אויף אַנדערע זאַכען, וועט ער דיר מעהר קיין גראָשען ניט געבען, דען מיט וואָס איז ער זיכער אַז דו וועסט די נייע געלד ווידער ניט אויסגעבען? דו זעה בעסער צו קריגען אַ חתן פאר דיין טאָכטער אָהן נדן, דאָס הייסט, דו זאָלסט איהם צוזאָגען צו געבען נדן נאָך דער חתונה, און שפּעטער נאָך דער חתונה, זאָלסטו ברייגגען דיין איידעם צו דיין רייכען ברודער און איהם דער־צעהלען דעם גאַנצען אמת און זאָגען צו איהם: ניט פאר זיך בעט איך דיר איצט, מיין טייערער, ליבער ברודער, נאָר איך וויל אַז דו זאָלסט העלפען מיין איידעם. איך האָב איהם אַנגעגעבען אין נדן אַז איך האָב אַ רייכען ברודער מיט אַ גוט איידעל הארץ וואָס וועט איהם ניט פארלאָזען. דעריבער, טייערער ברודער מיינער, בעט איך דיר אַז דו זאָלסט מיין איידעם און דיין פלימעניק ניט לאָזען פאלען. טהו עס ניט אזוי צוליב מיר ווי צוליב דיין כבוד וועגען, אז מיין נייער איידעם זאָל זיין שטאָלץ אויף אַזאַ גוטהערציגען פעטער".

מיר אידען האָבען שוין לאנג אונזער זכות אויפגעגעסען, זיינען געקומען אונזערע גוטע פריינד די חז"ל און אונז געגעבען אַן עצה אַז מיר זאָלען בעטען ביי דעם רייכען פאָטער אין הימעל „לא לנו", ניט פאר אונזערט וועגען זאָלסטו אונז שיקען דיין הילף, נאָר צוליב דעם כבוד פון דיין אייגענעם נאָמען.

אחרי

נאָך דעם טויט פון אהרנ׳ס קינדער, נדב ואביהוא, האָט גאָט גע־הייסען משה׳ן מאַכען די צערעמאָניע פון דעם שעיר המשתלח.

דער כהן גדול זאָל אַוועקשטעלען צוויי ציגעלעך, איינס ביי זיין רעכטער האַנט און דאָס צווייטע ביי זיין לינקע האַנט און זאָל אָנ־שרייבען צוויי צעטעלעך. אויף איין צעטעלע זאָל שטעהן „לד׳״ (צו גאָט) און אויף דעם צווייטען צעטעלע זאָל שטעהן „לעזאזל״ (צום טייפעל). דיביידע צעטעלעך זאָל ער פריהער גוט אויסמישען, און נאָכדעם זאָל ער ציהען דעם גורל. דאָס צעטעלע וואָס די רעכטע האַנט האָט ארויסגעצויגען, זאָל ער אַוועקלייגען אויף דאָס ציגעלע פון זיין רעכטער האַנט, און דאָס צעטעלע וואָס זיין לינקע האַנט האָט אַרויסגעצויגען זאָל ער אַוועקלייגען אויף דאָס ציגעלע פון זיין לינקער האַנט, אַט דער גורל וועט איהם וויזען וועלכעס ציגעלע עס געהט לד׳״ און וועלכעס געהט „לעזאזל״.

פרעגט זיך די פראגע: ערשטענס, וואָס האָט דער „שעיר המשתלח״ צו טאָן מיט דעם טויט פון אהרנ׳ס קינדער? און צווייטענס, צו וואָס האָט מען געדאַרפט האָבען אין גאנצען די צערעמאָניע מיט׳ן גורל? מען האָט דאָך געקענט נעמען איין ציגעלע צו גאָט און דאָס צווייטע לעזאזל און פאַרטיג.

דער תירוץ איז: אהרן איז אַרומגעגאַנגען זעהר פאַרצווייפעלט איבער דעם טויט פון זיינע קינדער און האָט זיך אליין שולדיג גע־מאַכט: מעגליך, אַז ער האָט זיי קיין ריכטיגע ערציהונג ניט געגעבען, דעריבער האָבען זיי אריינגעבראַכט „אש זרה״ — פרעמדע פייער, פרעמדע זיטען און פרעמדע מנהגים אין דער אידישער מחנה. האָט גאָט צו איהם געזאָגט:

מענש און תורה

— ניין, אהרן! דו ביזט ניט שולדיג, איך ווייס אַז דו האָסט גע־וואָלט אַז אַלע דיינע קינדער זאָלען זיין „לד׳״, ריכטיגע נאַציאָנאַלע אידען, אָבער ניט אַלע מאָל געהט עס ווי עס ווילט זיך. עס איז ווי אַ גורל, ווי אַ לאָטערעי, מאַנכע עלטערען גליקט עס אָפּ און מאַנכע ניט. נעהם אדרבא צוויי גלייכע ציגעלעך, וואָס קוקען אויס איינס ווי דאָס אַנדערע, שטעל אַוועק איינס ביי דיין רעכטע האַנט און דאָס צווייטע ביי דיין לינקע האַנט, שרייב אָן צוויי צעטעלעך, אויף איינעם זאָל שטעהן „לד׳״ און אויף דעם צווייטען זאָל שטעהן „לעזאזל״, מיש זיי דורך און ציה אַ גורל, ווערסטו האָבען אַ באַגריף וואָס עס מיינט „שיקזאַל״ מיט קינדער. גאַנץ אָפט טרעפט זיך אַז עלטערען גיבען אַלע זייערע קינדער אַ גלייכע ערציהונג און האָפען אַז זיי וועלען אויסוואַקסען אַלע „לד׳״ מענשען, צו גאָט און צו לייטען, צום סוף אָבער מאַכט זיך, אַז איינער אָדער צוויי געהען אַוועק „לעזאזל״. מען קען אָבער די עלטערען ניט באַשולדיגען, זיי האָבען זייער פליכט גע־טאָן, נאָר עס האָט זיך ניט איינגעגעבען.

פינסטער און ביטער אָבער איז, ווען עלטערען זוכען גאָרניט צו ערציהען זייערע קינדער „לד׳״, עס איז גאָר קיין אידיש פאָלק ניטאָ, שרייען זיי, זיי לאַכען זיך אויס פון אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, פון אונזער קולטור און פון אונזער אידישע געשיכטע, אָט דאָ איז זעהר טרויעריג.

און דאָס קען אויך זיין האָט געמיינט דער זוהר מיט דעם וואָס ער זאָגט: „המצטער על מיתת בני אהרן ומוריד דמעות עליהם ביום הכפורים, מוחלין עוונותיו ובניו אין מתים בחייו״ — דער איד וואָס וויינט יום כפור ווען מען לייענט וועגען דעם טויט פון אהרנ׳ס קינ־דער און באַגרייפט די אורזאַכע וואָס האָט געבראַכט די טראַגעדיע, אַזאַ אידען איז מען מוחל זיינע זינד און ער קען אויך זיכער זיין, אַז זיינע קינדער וועלען גייסטיג ניט אָפּשטאַרבען ביי זיין לעבען, ווייל ער וועט זיי ערציהען „לד׳״, לעבעדיגע קינדער מיט וואַרעמע אידישע נשמות.

**
*

דר. י. ל. שניצער

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער קען מיט זיין שכל ניט פארשטעהן, ווארום די „עבירות שבין אדם למקום" (פון מענשען צו גאָט) איז יום כפור יאָ מכפר, אָבער די „עבירות שבין אדם לחברו" (פון מענש צו מענש) איז יום כפור ניט מכפר, סיידען „עד שירצה את חברו", ער זאָל דעם חבר איבערבעטען. פרעגט זיך די פראגע: וואו איז דאָ די לאָגיק? איינער טהוט אַ שרעקליכע עבירה געגען גאָט, איז יום כפור מכפר, האָט אָבער איינער חוטא געווען געגען אַ מענשען מיט אַ קלייניגקייט, מיט אַ נאַרישקייט, איז יום כפור ניט מכפר, סיידען ער זאָל געהן דעם מענשען איבער־בעטען, וואו איז דאָ דער שכל?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט יענעם זוהן:

אַ זוהן האָט אַמאָל גע'גנב'עט ביי זיין פאָטער אַ היבשע סומע געלט, דער פאָטער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער ביים זוהן צוגענומען דאָס געלד און איהם אָנגעזאָגט, אַז מעהר זאָל ער דאָס ניט טאָן, אָבער קיין שטראָף האָט ער איהם דערפאר ניט געגעבען.

אַ קורצע צייט שפעטער, האָט דער זוהן גע'גנב'עט אַביסעל קליינ־געלד ביי אַ פרעמדען, ווען דער פאָטער האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער זעהר אין כעס געוואָרען, און האָט דעם זוהן גע'הרג'עט מכות רצח און אָם ענדע איהם געהייסען נעמען זיינע זאַכען און פארלאָזען זיין הויז.

פאר'ן אַוועקגעהן, האָט דער זוהן דעם טאַטען אַ פרעג געטאָן:

„זאָג מיר נאָר טאַטע, פארוואָס ווען איך האָב גע'גנב'עט ביי דיר אַ גרויסע סומע געלט, האָסטו מיר ניט געשלאָגען און מיר ניט פון הויז ארויסגעטריבען, נאָר בלויז אַביסעל מוסר געזאָגט און פאַרטיג. איצט אָבער, ווען איך האָב גע'גנב'עט אַביסעל קליינגעלט ביי אַ פרעמדען, האָסטו מיך צוקיילט און צובייזלט און טרייבסט מיך נאָך פון הויז אויך ארויס? מיט וואָס איז די זינד ערגער ווי יענע זינד? דאַכט זיך, נאָך מיין שכל נאָך קומט אויס אַז דיין גנבה וואָס

מענש און תורה

איך האָב ביי דיר גע׳גנב׳עט איז אַ גרעסערע סומע געווען און איך האָב געדאַרפט מעהר באַשטראָפט ווערען״.

האָט דער פאָטער איהם געענטפערט:

„אַז דו האָסט גע׳גנב׳עט ביי מיר, בין איך אַ טאַטע, איך דאַרף דיר שפייזען, קליידען און געבען דיר אלעס וואָס דו באַדאַרפסט, נאָר אַז דו האָסט גע׳גנב׳עט אַ צו גרויסע סומע, האָב איך דאָס געלד פון דיר צוגענומען און דיר אויסגעשטראָפט אַביסעל אַז דו זאָלסט עס מעהר ניט טאָן. אָבער אַז דו האָסט גע׳גנב׳עט ביי אַ פרעמדען, דאָס איז שוין אַ צו גרויסע חרפה פאר מיר. עס מעג זיין אפילו אַ קלייניגקייט, נאָר פאר דער שאַנדע וואָס דו האָסט מיר אָנגעטאָן, קומט דיר אַ גרויסע שטראָף״.

די זינד וואָס מיר באַגעהן געגען גאָט, איז ער אַ טאַטע, און מוז ליידען! אָבער די זינד וואָס מיר באַגעהן געגען אונזערע מיטמענשען, דאָס קען ער ניט מוחל זיין, סיידען מיר זאָלען זיך מיט דעם געקריוודעטען איבערבעטען.

קדושים

איש אמו ואביו תיראו.

„שלשה שותפים יש באדם" — דריי שותפים באַטייליגען זיך אין דער באַשאַפונג פון מענשען, „הקב"ה, אביו ואמו" — גאָט, דער פאָטער און די מוטער, און יעדערער לאָזט איבער אין איהם זיין כאַראַקטעריסטיק. דער פאָטער — זיין פּראַקטישקייט, דעם ווילען צו אַרבייטען, צו פאַרדינען און צו שפּאָרען. די מוטער — איהר סענטימענטאַליטעט און „קלות הדעת" — פּוצען זיך, ריהמען זיך און גרויס מאַכען זיך געגען אַנדערע. פון גאָט באַקומט ער פאַרשטאַנד, דענקונגס־קראַפט, ענטציקונג פאַר שיינקייט און קונסט, פרייד פון טאָן גוטעס און געוויסענביסע, ווען ער טהוט אַ פאַרברעכען.

דעם אויבערשטענס חלק, טהוט דעם מענשען קיין שאַדען ניט. פאַרקעהרט, ער הויבט איהם גאָר אויף צו דער שטופע פון אַ מלאך. מורא האָבען דאַרף מען נאָר פאַר די אַנדערע צוויי חלקים וואָס ער ירש'נט פון זיין פאָטער און מוטער, יענע צוויי חלקים זיינען די געפעהרליכסטע וואָס קענען אַ סך שאַדען טאָן.

און דאָס קען אויך זיין האָט אונזער משה געמיינט מיט דעם אויבערשטענס ווערטער: „קדושים תהיו", הייליג זאָלט איהר זיין, „כי קדוש אני ד' אלהיכם", ווייל איך גאָט, בין אויך הייליג, דעריבער וועט אייך מיין חלק פון וועג ניט אַראָפּפיהרען. אָבער „איש" דו ביזט דאָך בלויז אַ מענשעלע, און דו האָסט נאָך צוויי שותפים צו מיר. „אמו ואביו תיראו", פאַר דעם טאַטע־מאַמעס חלק דאַרפסטו זעהר שטאַרק מורא האָבען, ווייל זייער צד זיינען די ריכטיגע גורמים פון אַלע דיינע פעהלערען. „אמו", פריהער די מאַמע, „ואביו" און נאָכהער דער טאַטע. ווייל די מאַמע האָט מעהר איינפלוס איבער

דיר ווי דער טאַטע. אָבער „ואת שבתותי תשמורו", אַז דו וועסט אָפּהיטען מיינע שבתים און רוהען אַ טאָג, דאַן וועסטו קענען אין דעם טאָג שטודירען דיינע פעהלערען, אויסבעסערען זיי און מאַכען איבער זיך אַ ריכטיגען חשבון הנפש. קוים אָבער וועסטו ארבייטען יעדען טאָג אין וואָך אָהן אַ אָפּרו, דאַן בלייבסטו אַ שקלאַף דיין גאַנצען לע־בען צו די פעהלערען וואָס דו וועסט ירש'ענען פון דיינע עלטערען...

***

לא תנחשו ולא תעוננו.

איהר זאָלט ניט גלויבען און ניט באַנוצען קיין כשוף, און די, וועלכע וועלען זיך ווענדען צו כשוף־מאַכערס, צו זנאַכערס, אָדער צו ספּיריטואַליסטישע מידיומס, זאָלען פאַרניכטעט ווערען פון דער וועלט.

די אמונה אין כשוף איז שוין אַזוי אַלט, ווי די מענשהייט. ווען ביי דעם פּרימיטיווען מענשען האָט זיך אָנגעצונדען דער ערשטער פונק פון פאַרשטאַנד, וואָס האָט איהם אָפּגעטיילט פון דער חיה, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו גלויבען אין טייפעל.

אַ בליץ, אַ פאַרפינסטערונג, אַ שטורם אָדער אַן אַנדער פורעניות, האָט דער פּרימיטיווער מענש ניט געקענט אַנדערש באַגרייפען ווי נאָר, אַז אַ געהיימע בייזע מאַכט, אַן אשמדאי, אַ לילית, מיט זייערע בייזע גייסטער, האָבען איהם אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל.

אום צו באַשיצען די מענשען פון די בייזע גייסטער, זיינען אַרויס־געשפּרונגען אַלערליי כשוף מאַכער, וואָס האָבען געהייסען אין מצרים „חרטומים", אין בבל „אשפים", אין פעניציע „קוסמים", אין פּערזיע „מאגיער", וועלכע האָבען געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק, אוי־בערהויפּט אויף פרויען.

פרויען זיינען בטבע צאַרטע, נערוועזע באַשעפענישען מיט רייכע פאַנטאַזיעס און גענייגט צו גלויבען אין אַלץ, וואָס שטייגט אַריבער דעם מענשליכען פאַרשטאַנד. דערפאַר איז די ביבלישע „בעלת־אוב" פון שאול המלך, געווען אַ פרוי... די ספּיריטואַליסטישע מידיומס פון אונזער צייט זיינען מערסטענס פרויען. די גרינדערין פון טע־

אזאפיע, די ענטדעקערין פון דעם מיסטישען פאקטאָר און רעליגיע איז געווען אַ פרוי. פארנעפעלטע רעליגיע פון קריסטשען סייענס און אַנדערע אַזעלכע רעליגיעזע סעקטעס, זיינען אויך אויפגעבויט געוואָרען פון פרויען, ווייל פרויען ווערען מעהר גערייצט פון די געהיימניסע פון צויבער־קונסט. עס צינדט אָן זייער פאַנטאַזיע און זיי הויבען אָן צו פּראַקטיצירען כשוף.

אָבער צויבער איז קיין קונסט ניט. מיט כשוף קאָן מען קיין נסים ניט באַווייזען, אָבער אום אויפצוהאַלטען זייער פּראָפעסיע, האָבען זיך די מכשפות גענומען צו אַלערליי שווינדלערייען און באַטרוג.

האָט אַ פרוי געהאַט, צום ביישפּיל, אַ זינדיגע ליבע און האָט געוואָלט פטור ווערען פון איהר מאַן, האָט די מכשפה איהר פארקויפט אַ לאַנגזאַם ווירקענדען גיפט, וואָס האָט דעם מאַן געטויט ביסלעכווייז און קיין פארדאַכט איז אויף איהר ניט געווען.

אָדער אַ מאַן האָט געוואָלט פארפיהרען אַ פרוי, האָט די מכשפה איהם געגעבען אַ „ליבעס געטראַנק״, אַ פארטויבונגס מיטעל, אום ער זאָל קאָנען אויספיהרען זיין שענדליכען פּלאַן.

די מכשפות זיינען געווען גיפט־מישערינס, מעקלערקעס פאר זינד, און האָבען געהאַט אַ האַנד אין אַלע מיאוס׳ע פארברעכענס. ניט אומזיסט דריקט זיך אויס דער פסוק אויף איזבל, אחאב׳ס ווייב: „זנוני איזבל אמך וכשפיה״ — די אויסגעלאסענהייט פון דיין מוטער איזבל און איהרע צויבערערייען, אָדער, „זנוני זונה טובת חן בעלת כשפים״, די אויסגעלאַסענהייט פון דער שעהנער פּראָסטיטוטקע, די כשוף מאַכערין. אזוי האָט די ביבעל פאַרשטאַנען, אַז וואו אַ פרוי באַשעפטיגט זיך מיט כשוף, איז זי אַן אויסגעלאַסענע.

און אַז אונזער משה האָט געזעהן, ווי די מכשפות פארדאַרבען דעם פאָלקס מאָראַל, ווי זיי פיהרען די מענשען אין זומפּ פון אויסגעלאַסענהייט און פארברעכען, האָט ער געגעבען אַ באַפעהל, אַז אַ מכשפה מוז מען אויסראָטען, און זאָגאַר דער, וואָס ווענדעט זיך צו כשוף־מאַכערס, זאָל אויך פארניכטעט ווערען.

**
*

מענש און תורה

פרעגט מיך אַ איד אַ קשיא:

ער געדענקט, ווי אין דער אַלטער היים איז אַ רב געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע, עפעס אַ קליינינקייט — דער רב, דער גאון, דער צדיק, דער פיהרער און דער חכם. דאָ אין אַמעריקא אָבער איז דער רב זעהר וואַכעדיג געוואָרען. פרעגט זיך די פראגע: וועמעס שולד איז דאָס? איז דאָס די שולד פון די רבנים, וואָס זיי וויסען ניט ווי אַזוי זיך צו האַלטען, אָדער דאָס איז די שולד פון די צונויפ־געטריבענע נקודים וברודים׳דיגע אידען, וואָס וויסען ניט וואָס רעספעקט איז?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט יענעם פויער:

אַ רייכער פויער איז געקומען אין שטאָט און האָט דערזעהן אין אַ צירונג־געשעפט זעהר אַ שיינעם וואנט־זייגער, איז ער אריין אין קראָם און אַ פרעג געטאָן דעם בעל הבית, וואָס דאָס איז אזוינס, און ווען דער בעל הבית האָט איהם ערקלעהרט די נוצען פון דעם זייגער, האָט ער איהם געקויפט און איהם מיטגענומען מיט זיך אין דאָרף אריין.

די פויערים פון דאָרף האָבען זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערען פון דעם זייגער. יעדער איינער האָט געהאַט אַ חשק צו קויפען אַזאַ מין צירונג, אָבער ווען זיי האָבען דערהערט וואָס פאר אַ פרייז דער פויער האָט באַצאָהלט דערפאר, זיינען זיי אַלע אָפּהענדיג געוואָרען. ווער קאָן זיך דאָס פארגינען אריינצונעהמען אַזאַ מין לוקסוס אין הויז אריין?

איין גויע האָט אָבער ביי זיך באַשלאָסען, אַז זי מוז אַזאַ מין זייגער זיך איינשאַפען, נאָר ווען זי האָט גענומען איבערעדען וועגען דעם מיט איהר מאַן, האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערען דערפון, ער האָט נאָך אויף איהר זעהר גוט אָנגעשריען וואָס זי האָט זיך אריינגענומען אַזאַ מין משוגעת אין קאָפּ אריין. איז די גויע אַוועק צו דעם פויער, וואָס האָט געהאַט דעם זייגער און איהם געבעטען, אַז ער זאָל זעהן ווירקען אויף איהר מאַן, אַז ער זאָל אויך אַזאַ זייגער קויפען. דער

דר. י. ל. שניצער

פויער האָט דאָס איהר צוליב געטאָן, געשיקט רופען איהר מאַן צו זיך, געוויזען איהם ווי דער זייגער ארבייט, וועלכע נוצען ער ברייננגט איהם און איהם געבעטען, אַז ער זאָל צוליב טאָן זיין ווייב און איהר אויך קויפען אַזאַ זייגער.

— ניין! — האָט דער פויער אויסגערופען, — איך וועל ניט זיין משוגע און קויפען אַ גזלן אין הויז... געהערט אַן איינפאל? ווען איך זאָל, צום ביישפיל, וועלען שלאָפען אַביסעל לענגער, וועט דער גזלן נעהמען שלאָגען און מיך אויפוועקען, וועל איך וועלען זיצען אַביסעל לענגער אין אָווענט, וועט ער נעהמען שלאָגען און מיר ווייזען, אַז עס איז שוין שפעט, וועל איך וועלען עסען אַביסעל פריהער, וועט ער נעהמען שלאָגען און מיר ווייזען, אַז עס איז נאָך צו פרי. ניין! איך וויל אַזאַ מין צרה אין מיין הויז ניט האָבען.

— דו האָסט אַ טעות, מיין פריינט! — האָט דער פויער צו איהם געזאָגט — דער זייגער האָט ווייזערס און דו קענסט איהם רוקען ווי דו ווילסט. ווילסטו שלאָפען לענגער, רוק די ווייזערס אויף צוריק, ווילסטו עסען פריהער, רוק די ווייזערס פאָראויס. דו ביזט דער בעל הבית, און ווי דו ווילסט אַזוי קענסטו דרייען די ווייזערס.

— ווי באַלד אַזוי — האָט דער פויער זיך צולאַכט — טאָ וואָס דאַרף איך דעם זייגער? סתם זיך נאַריש מאַכען און האַלטען אין איין דרייען די ווייזערס, ניין, ברודערקע! אויף אַזעלכע נאַרישקייטען וועל איך קיין געלט ניט אויסגעבען.

דער רב איז דער זייגער, דער וועקער, וואָס יאָ צו טאָן און וואָס ניט צו טאָן. וואָס עס איז ערליך און וואָס עס איז ניט ערליך, נאָר די צאָן קדשים ווייסען ניט ווי אַזוי מיט איהם אומ־צוגעהן, זיי דרייען די ווייזערס ווי זיי ווילען, און גאַנץ אָפט שטעלט מען אריין אין שוהל אַ זייגער אָהן רעדלאַך, נאָר בלויז אַ שיינעם ציפער־בלאַט, וועלכער ווייזט די צייט פאַלש, נאָר ער קלינגט, האַקט און האַמערט מיט ענגלישע פראַזען... און אויף האַקען און האַמערען איז דער צוהערער כאַצקעל דער שמיד, זעהר אַ גרויסער מבין.

בחוקותי

וואָס פאר אַ שטיק פילאָזאָפיע אונזערע חכמים האָבען אונז דער־לאַנגט אין דער היינטיגער סדרה זיי זאָגען: „הסייף והספר נתנו מכורכין מן השמים“, דער שווערד און דאָס בוך זיינען צוזאַמען געגע־בען געוואָרען פון הימעל. „אם בחוקותי תלכו“, אַז איהר וועט געהן אין מיינע וועגען און אָפּהיטען דאָס וואָס עס איז אָנגעשריבען אין דעם ספר, וועט איהר גערעטעט ווערען פון דעם שווערד, אויב אָבער ניט, וועט דער שווערד אייך פארניכטען.

און דאָס האָבען מיר פראַקטיש געזעהן. וואו זיינען די אור־אַלטע פעלקער, ווי אַשור, בבל, פרס, גריכענלאַנד און די רוימער? אונטערגעגאַנגען! זייער דעמאָראַליזירטע קולטור האָט זיי געבראַכט דעם פריצייטיגען טויט, ווייל זיי האָבען דעם שווערד אויסגעקליבען.

מיר אָבער האָבען אויסגעקליבען דאָס בוך, דעריבער זיינען מיר אונשטערבליך געבליבען. מיט אונזער טהרת המשפחה און מיט אונ־זער נאָרמאַלען פאַמיליען־לעבען, האָבען מיר אַלע אויבענדערמאַנטע פעלקער אַריבערגעלעבט, ווייל דאָס געטליכע בוך איז אַ ספר החיים, אַ בוך פון לעבען.

***

זאָגט צו מיר אַ איד:

יעדעס מאָל ווען ער לייענט אין אַ צייטונג, אַז מען האָט גע־כאַפּט אידישע גענגסטער און אידישע רעקעטירער, רייסט זיך אָפּ ביי איהם אַ שטיק הארץ; ס'טייטש, פון וואַנען נעמען זיך ביי אידען אַזעלכע פארשוינען, פאַרוואָס האָט מען אין דער אַלטער היים ניט געוואוסט פון אַזעלכע „פערזענליכקייטען“?

דר. י. ל. שניצער

— מיין פריינט — האָב איך זיך צו איהם אָפּגערופען — אין דער אַלטער היים האָבען די עלטערען געגעבען גאָר אַן אַנדער דערציהונג זייערע קינדער. אמת, אַז דער חדר איז געווען אַ פּראָסטער, אַן איינ־פאַכער, ניט קיין פארפּוצטער, און דער מלמד ניט קיין געגאָלטער, און ניט קיין געשאָרענער, אָבער דאָרט איז אַלץ צוגעגאַנגען ראַיעל, עהרליך, אָהן חכמות און אָהן קונצען. אַן אָרימער קערפּער, אָבער מיט אַ ברייט האַרץ און מיט אַ פייערדיגער נשמה.

ווער געדענקט עס ניט, מיט וועלכער באַגייסטערונג די אינגלעך פלעגען זאָגען דעם „ואני בבואי מפּדן", ואני, און איך, כאָטשבע איך בין דיך מטריח ארויסצופיהרען מיך פון מצרים און באַגראָבען מיך אין ארץ ישראל, און צו דיין מוטער רחל האָב איך ניט אזוי געטאָן, ווייל גאָט האָט מיר אזוי געהייסען, אַז ווען נבוזאראדן וועט טרייבען די אידען אין גלות, וועלען זיי פארבייגעהן איהר קבר, וועט די מאַמע רחל קלאָפּען אין די שערי־רחמים און תפלה טאָן פאר אונז.

זייערע שטימעלעך האָבען געקלונגען, זייערע אויגעלעך האָבען געלויכטען, עפּעס אַ קלייניגקייט? זיי האָבען זיך אויסגעלערענט דעם באַוואָרעניש, און דער רבי פלעגט זיך פּיהלען שטאָלץ מיט זיין קענ־טעניש, זיין הארץ פלעגט זיך פרעגלען אין נחת.

דאָ אָבער איז אַן עולם הפוך, אַ פאַרקערטע וועלט. שעהנע חדרים, אויסגעפּוצטע חדרים, אילומינירטע חדרים, אויסגעצוואָגענע מלמדים, געגאָלטע פעדאַגאָגען, פארפּוצטע לעהרער, אָבער אַלץ איז קאַלט און פארפרוירען, אָהן אַ האַרץ און אָהן אַ נשמה.

נו, איז עפּעס אַ וואונדער, אַז מיר אידען האָבען זיך שוין אויך איינגעקויפט אין יחוס און פּראָדוצירען אַ רעכט ביסעל גענגסטערס און רעקעטירס. עס איז אַן איינפאַכע גמרא. די גמרא זאָגט אונז:

„הכונס צאן לדיר", ווען איינער ברענגט אריין זיינע שעפּסען אין שטאַל, „ונעל בפניה כראוי", און ער האָט פאַרשלאָסען די טיר ווי געהעריג איז, „ויצאה והזיקה פטור", און זיי האָבען זיך אַרויסגע־גנב'עט און אָנגעטאָן אַ שאָדען, איז דער בעל הבית פטור.

„לא נעל בפניה כראוי ויצאה והזיקה חייב”, האָט ער אָבער ניט פאַרשלאָסען די טיר ווי געהעריג איז און זיי זיינען ארויס און אָנגעטאָן אַ שאָדען, איז דער בעל הבית שולדיג.

„הניחה בהמה, או שמסרה לחרש שוטה וקטן, ויצאה והזיקה חייב”, ווען ער האָט זיי איבערגעלאָזען אין דרויסען אויף הפקר, אָדער ער האָט זיי איבערגעגעבען צו אַ טויבען, צו אַ נאַרישעוואַטען, אָדער צו אַ יונגען אינגעל, אַז ער זאָל זיי היטען און זיי האָבען אָנגעטאָן אַ שאָדען, איז דער בעל הבית שולדיג.

ווען עלטערען גיבען די ריכטיגע השגחה איבער זייערע שעפּסעלעך, פּאַסען אויף זיי אויף, נעמען פון זיי די אויגען ניט אַרונטער, און דאָך געהט איינער אַמאָל ארויס לתרבות רעה און טוט שאָדען מיט זיין שלעכטע אויפפיהרונג, קען מען די עלטערען ניט באַשולדיגען. זיי האָבען געטאָן זייער פליכט, נאָר עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

ווען אָבער עלטערען לאָזען איבער זייערע שעפּסעלעך אויף הפקר, אָדער זיי גיבען זיי איבער אין די הענט פון נאַרישע יונגע שנעקעס, אַז זיי זאָלען זיין זייערע לעהרערס, זיי זאָלען זיי מחנך זיין, און נאָכדעם, אַז זיי ווערען געגנסטערס און רעקעטירס, חייב, חייב, חייב. דאָ זיינען די עלטערען שולדיג.

די וועלט־מלחמה האָט פּראָדוצירט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע פאַרברעכער אויך פון בכבוד׳ע מענשען. דאָ האָט מען ניט לאַנג צוריק אַרעסטירט אַ קאָמפּאַניע דאָקטוירים פאַר אַנטיילנעמען אין פאַלשע איבשורענס. דאָ האָט מען צוגענומען פון לאָיערס זייער רעכט צו פּראַקטיצירען, ווייל זיי האָבען געמאַכט קונקעל־מונקעל ביזנעס אין זייער פּראָפעסיע. דאָ האָט מען ווידער פאַר׳משפט גאַנץ בכבוד׳ע מענשען פאַר אַ פאַלשען באַנקראָט, אָדער פאַר אַ געפייקטען האָלד־אַפּ און נאָך אַזעלכע פאַרברעכענס וואָס די וועלט־מלחמה האָט באַשאַפען. מען האָט גענומען לעבען איבער די קרעפטען און אריבעריאָגען איינער דעם צווייטען אין לוקסוס. אָט די יאָגעניש האָט אַראָפּגעפיהרט פון וועג אַפילו בכבוד׳ע מענשען אויך.

דר. י. ל. שניצער

די מלחמה האָט אויך אין דער גייסטיגער וועלט געמאַכט אַ גאַנ־צע איבערקערעניש. גרויסע איינגעפונדעוועטע פירמעס האַלטען אין איין פאַלען און פאַלען.

אפילו דער מאָראַלישער צושטאַנד איז שוין אויך ניט ווייט פון באַנקראָט, ביסלעכווייז הויבט מען אָן אַרונטערצורייסען דעם צאַם, דעם גדר וואָס די אַלטע געזעלשאַפט האָט אָוועקגעשטעלט, און מען פיהרט זיך אין „קאמפעניאַן מערידזש", „ואַירבעל מערידזש" „הפקר מערידזש" און נאָך אַזעלכע מאַכערייקעס.

אַט אַזוי האָט די מלחמה צוגעקוועטשט אונזער וועלטעל צו דער וואַנט, און זי געהט צו קינד „חבלי לידה", געבורט־וועהען מאַכט זי איצט דורך, אַ — ניי קינד — אַ נייער דור האַלט אין קומען, דער־ווייל אָבער איז די קימפעטאָרין אין זעהר אַן אבנאָרמאַלען צושטאַנד. זי וואַרפט זיך אַרום אַהן באַוואוסטזיין און ווייסט ניט וואו זי איז אין דער וועלט.

וואָלטען ווייניגסטענס אונזערע גייסטיגע פיהרער, אונזערע פּראָ־פעסאָרען שטודירט אונזער קראַנקהייט און געזוכט אונז צו געבען אַזעלכע מעדיצינען, וואָס זאָלען זיין לפי העת ולפי הזמן, וואָלט נאָך ניט אַזוי שלעכט געווען, אָבער זיי שטודירען נישט אונזער קראַנקהייט, נאָר זיי קאָרמענען אונז מיט די זעלבע אַלטע באַבסקע רפואות ווי אַמאָל.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט געצעל דעם מלמד:

געציל איז געווען אַ מקרא־דרדקי מלמד, דערצו נאָך אַ שטיקעל בעל־שם אויך, ער פלעגט אָפּשפּרעכען אַן עין הרע, פאַררעדען די צייהן, פאַררעדען אַ רויז, אויסרויכערען אַ חולה מיט רייז, פלאַקס, וואָל, אַרבעס און הערינג, וואָס דאָס איז די ראשי־תיבות פון „רפואה", ער האָט אויך געהאַט זעהר אַ טייערע תפלה פאַר אַ מקשה לילד, (אַ שווער געווינערין) אָדער פאַר אַ עקרה (אַ פרוי וואָס האָט קיין קינדער ניט). די תפלה, פלעגט ער זאָגען, האָט ער נאָך בירושה פון זיין עלטער־עלטער־זיידען, וואָס איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם בעל־שם־טוב הקדוש.

מענש און תורה

דאַרף זיך טרעפען, אַז אין שטעטעל האָט אויסגעבראָכען אַן עפּי־דעמיע, מענשען זיינען געפאַלען ווי פליגען, און די רעגירונג איז געצוואונגען געווען אַראָפּצושיקען אַ דאָקטאָר.

זיצט דער דאָקטאָר און וואַרט, אַז די חולאים זאָלען קומען צו איהם, אָדער מען זאָל איהם רופען צו זיי. ער וואַרט און וואַרט, אָבער קיינער קומט ניט, ער געהט ארויס אין גאַס, זעהט ער אַז לויות רחמנא לצלן געהען איינע נאָך דער אַנדערער און קיין דאָקטאָר רופט מען ניט. ער געהט ווייטער, זעהט ער ווי גע׳צייל דער מלמד געהט פון איין הויז צום אַנדערען, שפּרעכט אָפּ עין הרע׳ס, רויכערט די חולאים מיט זיינע סגולות, ווי ער געהט פאַרטרייבען דעם פּגע רע מיט דעם שטן המשחית פון שטעטעל.

— מלמד — האָט דער דאָקטאָר אויף איהם אַ געשריי געטאָן — דער נאַרישער ספּעקטאַטעל דיינער קען גילטען נאָר אין נאָרמאַלע צייטען, ווען אַלץ געהט כשורה, אָבער ניט איצט אין אַזאַ עפּידעמיע, ווען טויזענטער מענשען פאַלען אין די גאַסען, אין אַזאַ ביטערער צייט מוז מען האָבען די ריכטיגע הילף אָבער ניט קיין באָבסקע רפואות.

במדבר

ווען מען טראַכט זיך גוט אריין אין אונזער תורה, זעהט מען, אַז אויף דער אַמאָליגער ביהנע האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט די זעלבע „הויז־טראגעדיעס" ווי עס שפּיעלט זיך אָפּ איצט אויף דער מאָדערנער ביהנע.

צום צווייטען יאָהר פון די בני ישראל'ס באַפרייאונג הייסט גאָט משה'ן מאַכען אַ צענזוס, אַ פאָלקס־ציילונג, „איש על מחנהו ואיש על דגלו", יעדער שבט זאָל געציילט ווערען נאָך זיין משפחה, יחוס און פאָהן.

ווען עס איז געקומען צו משה'ס משפחה שטעהט: „ואלה תולדות אהרן ומשה" — דאָס זיינען די קינדער פון אהרן און משה. און דער פסוק פאַנגט אָן צו רעכענען בלויז אהרן'ס קינדער. משה'ס קינדער אָבער, גרשם און אליעזר, ווערען ניט דערמאָנט. פרעגט זיך די פראַגע: וואו זיינען משה'ס קינדער אַהינגעקומען?

אונזערע חכמים אפילו באַמערקען דאָס אויך. זיי פרעגען: „פתח בתולדות אהרן ומשה, ומפרש תולדות אהרן מלבד"? — דער פסוק פאַנגט אָן מיט ביידענס קינדער און רעכענט בלויז אויס אהרן'ס קינדער אַליין. „מכאן למדו רבותינו שתלמידיו של אדם הם בניו" — פון דאַנען איז געדרונגען אַז תלמידים זיינען ווי קינדער, און אַזוי ווי משה איז דאָך געווען אונזער לעהרער, איז דאָס גאַנצע פאָלק זיינע קינדער.

איך זאָג אָבער, אַז דער פשט איז גאַנץ איינפאַך. ביי אונזער משה'ן, נעביך, האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט אַ שטיקל היימישע טראַגעדיע, ווי עס שפּילט זיך איצט אָפּ אין מאַנכע מאָדערנע הייזער ביי אונזערע איצטיגע פיהרערס. דער גרויסער משה, וועלכער האָט באַזיגט

מענש און תורה

דעם מעכטיגען פרעה, דער גרויסער לעהרער, וועלכער האָט געמאַכט פון נידעריגע שקלאַפען אַ דענקענדעס פאָלק, די ערהאַבענע מאַיעסטעטישע פיגור, וועלכער האָט געהאַט אַ זעלטענעם איינפלוס אויף יעדען איינעם, וואָס איז נאָר געקומען מיט איהם אין באַריהרונג, אָט די גרויסע פערזענליכקייט האָט אויף זיין אייגענע ווייב און קינדער קיין איינפלוס געהאַט. צפורה, דעם גלח'ס טאָכטער פון מדין, האָט געטראָגען די הויזען און אונטער איהר איינפלוס, אונטער איהר השגחה האָבען זיך זיינע קינדער ערצויגען. און וואָס פאר אַן ערציהונג דאָס איז געווען, קען מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלען.

אונזערע חכמים האָבען ניט געוואָלט פון דעם ענין רעדען, האָבען זיי בלויז אַ זאָג געטאָן: „תלמידיו של אדם הם בניו" — די תלמידים פון משה'ן זיינען זיינע קינדער געווען, און ווייטער פארשטעהט אליין. אָט דעריבער האָט מען זיי אין דער פאָלקס־ציילונג ניט אַריינגענומען.

און טאַקע מיט יאָהרען שפעטער געפינען מיר אין די ריכטערס צייטען (שופטים י"ח) ביי דעם געצען־בילד, וואָס האָט זיך גערופען „פסל מיכה": „ויקומו להם בני דן את הפסל, ויהונתן בן גרשם בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני עד יום גלות הארץ" — און די בני דן האָבען אַוועקגעשטעלט אַ געצען־בילד, און יהונתן, דער זוהן פון גרשם, דער זוהן פון מנשה, ער און זיינע קינדער זיינען געווען די כהנים. זאָגען טאַקע געלעהרטע, אַז צוליב משה'ס כבוד וועגען האָט מען צווישען דעם „מעם" און דעם „שין" אַוועקגעשטעלט אַ קליינעם „נון", כדי עס זאָל מאַכען „מנשה".

דאָס ווייזט אונז, אַז אַזעלכע „הויז טראגעדיעס" זיינען געווען און וועלען זיין. דו מעגסט זיין אַ פאָלקס־פיהרער, אַ רעליגיעזער פיהרער, אַ פילאָזאָף און אַ דענקער, קוים אָבער האָסטו פארלאָרען דעם איינפלוס איבער דיין ווייב און קינדער, דאן מוז קומען צו אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע.

האָט דען ניט פּאַסירט מיט איניגע יאָהר צוריק די זעלבע טראַגעדיע מיט אַ גרויסען אידישען פיהרער'ס אַ זוהן, וואָס האָט איבערגעביטען די אידישע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין אַ קריסטליכען

לאַגער. די גאַנצע וועלט האָט ער באַצויבערט מיט זיינע אידעען, און אויף זיין אייגענעם זוהן האָט ער קיין איינפלוס ניט געהאַט. ווי די גמרא זאָגט אונז: „איזהו מקומן של זבחים" — וואו איז דאָס ריכטיגע שלאַכט־הויז וואו קרבנות ווערען געקוילעט? „קדשי קדשים" — ביי אונזערע הייליגע גרויסע מענשען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

זייט יאָהרען און יאָהרען ווי ער האָט באַלאַנגט צו אַ תלמוד־תורה און די תלמוד־תורה האָט איהם שווערע הונדערטער דאָלאר אַ יאָהר געקאָסט, האָט זיך איהם פאַרוואָלט אַמאָל „לויפען" פאַר פרע־זידענט, איז ער געלאָפען און האָט בלויז זיין אייגענע שטימע גע־קראָגען, דאָס האָט איהם זעהר שטאַרק פאַרדראָסען, איז ער געגאַנגען און האָט אויפגעבויט אַ נייע תלמוד־תורה, מיט נייע איינריכטונגען און איז דאָרטען געוואָרען פרעזידענט. זייגען די פיהרער פון דער אַלטער תלמוד־תורה און אייניגע רבנים אויף איהם אש להבה, מען פאַרדאַמט איהם און מען שרייט, אַז ער האָט די גרעסטע נבלה אויף דער וועלט אָפגעטאָן. פרעגט זיך די פראַגע: דאַכט זיך לויט'ן שכל גאָך, האָט ער זעהר אַ גוטע טהאַט אויפגעטאָן, איבער הונדערט קינדער קריגען אין זיין תלמוד־תורה אַ אידישען חינוך און די תלמוד־תורה קאָסט איהם אָפּ צוויי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל די אַלטע תלמוד־תורה האָט איהם געקאָסט, טאָ פאַרוואָס קומט איהם צו פאַרדאַמען?

אַלס ענטפער אויף זיין פראַגע, האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם אַרענדאר:

אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַן אַרענדאר, וואָס זיין האַנדעל איז געווען מיט פראָסטע פויערים. דער אַרענדאַר איז געווען זעהר אַ גרויסער למדן אין דעם חזון הרוחות פון לוח, וואָס ווייזט אָן די פאַר־שידענע וועטערען פון אַ גאַנץ יאָהר. די פויערים פון דער גאַנצער געגענד אַרום פלעגען קומען איהם פרעגען ווען עס קומט אויס דער

מענש און תורה

און דער גרויסער יאַריד, ווען וועט אויספאַלען דער ערשטער שנעע, ווען וועט זיך שטעלען דער ווינטער, ווען וועט רעגענען? און נאָך אַזעלכע פראַגען. ער איז אויך געווען דער סטאַרשינא אין וואָלאָסט, און אַ שטיקל שופט דערצו, ווען צוויי פויערים פלעגען האָבען צווישען זיך אַ שטיקעל סכסוך, פלעגט ער עס אויסגלייכען.

איינמאָל זאָגט דער אַרענדאר צו זיין ווייב:

— דו ווייסט, צירעל, וואָס ביי מיר איז געבליבען? אזוי ווי עס איז איצט געשטאָרבען דער פרנס־חודש פון שטאָט, געה איך פאַר־נעמען זיין פּלאַץ!

— וואָס רעדסטו בערעל? — האָט דאָס ווייב זיך צו איהם אָפּגעַ־רופען — איך האָב געהערט, אַז אַ פרנס־חודש דאַרף זיין אַ למדן, אַ וועלט־מענש און אַ גרויסער רעדנער דערצו, ווי קומסטו אַזאַ גרויסע שטעלע צו פארטרעטען?

— נאַרישע אשה! — האָט דער אַרענדאַר צו איהר אַ זאָג געטאָן, — אַז איך קען זיין אַ סטאַרשינאַ אין דאָרף, קען איך אויך זיין אַ פרנס־חודש אין שטאָט! זעהסטו דען ניט, אַז אַלע קומען צו מיר פרעגען דאָס וואָס זיי ווייסען ניט, און אַ סך מאָל האָט שוין אויך געטראָפען, אַז ווען איך געה אין גאַס און מענשען שפּאַרען זיך איבער אַ פראַגע, זאָגען זיי: לאָמיר פרעגען אונזער סטאַרשינאַ, ער ווייס פון אַלעס. נו? איז נאָך ביי דיר אַ פראַגע אויב איך בין א למדן און אַ וועלט־מענש?

הכלל, דער אַרענדאַר האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שבת׳דיגע בגדים, אָנגעטאָן זיין מעשענעם סטאַרשינאַ־מעדאַליאָן אויפ׳ן האַלז, איינגעשפּאַנט זיין פערד און וואָגען און איז געקומען אויף שבת אין שטאָט אריין.

שבת נאָכ׳ן לייענען, איז ער אַרויף אויף דער בימה, אַרויסגענומען דעם לוח און אָנגעפאַנגען בזה הלשון:

„הערט אויס, רבותי! אַ גאַנץ חודש חשוון וועט זיין געפעהרליכע רעגענט, דריי טעג אין כסלו וועט אויספאַלען דער ערשטער שנעע, חנוכה וועט זיך שטעלען דער ווינטער, דער גרויסער יאַריד קומט אויס

דר. י. ל. שניצער

אַכט טעג אין טבת, אין שבט וועט זיין געפעהרליכע פרעסט, אין אדר וועט רעגענען אַ סך, פסח אָבער וועלען מיר האָבען זונענשיין״.

פארשטעהט זיך, אַז מען האָט איהם געכאַפּט פאר׳ן קאָלנער און איהם פון בימה ארונטערגעוואָרפען.

אַ פּרעזידענט פון א תלמוד־תורה, דארף זיין אַ געבילדעטער מענש, אַ איד וואָס פאַרשטעהט וואָס חינוך איז, און וואָס פּעדאַגאָגיע איז.

אָבער אַז אַן איינפאכער פּראָסטער איד קרוינט זיך אליין פאר אַ כלל־טוער, האָט אונזער תורה צו די ברואים׳לעך אַ זאָג געטאָן: „לא תעלה במעלות על מזבחי״, גראָבער יונג, בוי ניט קיין מזבח׳ל מיט אַ טרעפּ זיך אַרויפצודראַפּען אין דער הויך כדי צו קריגען אַ נאָמען פאר אַ כלל טוער. „אשר לא תגלה ערוותך עליו״, כדי מען זאָל ניט ארויסזעהן די שאַנדע ווער אונזערע פיהרער זיינען!...

בהעלותך

מאַנכע פרעגען אַ קשיא: וואָרום שטרעבען אַזוי אידישע על־טערען, אַז זייערע קינדער זאָלען דוקא זיין פראָפעסיאָנעלע מענשען? זיי ווילען לייהען, באָרגען, און שינדען די הויט פון זיך, אַבי צו האָבען אַ זוהן אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט. דער תירוץ אָבער איז גאַנץ איינפאַך: צווישען אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען אויף דער וועלט קומט פאָר אַ שטענדיגער קאַמף פאר עקזיסטענץ. עס איז אַ קאַמף צווישען דעם שטאַרקערען און דעם שוואַכערען. דער שוואַכערער פאַלט אַוועק און דער שטאַרקערער פארבלייבט דער זיגער. צווישען ציוויליזירטע מענשען דריקט זיך אויס אָט דער קאַמף אין אַ דראַנג צוצופאַסען זיך צו אומשטענדען. דער וואָס קען זיך אַמבעסטען צו־פאַסען צו די אומשטענדען, האָט אַ בעסערע געלעגענהייט פאר ער־פאָלג.

פאר דעם אידען האָט זיך אָט דער געזעץ אויסגעדריקט ניט אין דעם זין פון פיזישער שטאַרקייט, נאָר פון גייסטיגער אַנטוויקלונג. דער איד האָט אין יעדער לאַנד געפונען פאר זיך אַ קייט פון אויס־נאַם געזעצען, פון באַגרענצונגען און שטערונגען אויף פארשידענע געביטען פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. האָט דער איד אינסטינק־טיוו געפילט, אַז אויב ער וועט ניט זיין קליגער און פייהיגער פון דעם ניט־אידען, וועט ער מוזען אונטערגיין אונטער'ן דרוק פון די פארשי־דענע שטערונגען וואָס ליגען איהם אין וועג. דעריבער איז גע־שעפטס־פעהיגקייט, אינטעליגענץ און בילדונג געוואָרען די וואַפען פאר דעם אידען אין זיין קאַמף. ער מוז שאַרפען זיין מוח און דורכברעכען זיך אַ וועג טראָץ די אַלע שטערונגען אַן וועלכע ער שטויסט זיך אָן.

דר. י. ל. שניצער

אידישע טאַטע־מאַמע ווייסען וועלכע שוועריגקייטען זיי האָבען געהאַט אויסצושטיין איידער זיי האָבען זיך אויף זייערע פיס געשטעלט: הונגער, צרות, מאַנגעל, נויט, קאָנקורענץ, און נאָך אַזעלכע שטערונגען אין פּאָליטישען, סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען. זוכען זיי פאר זייערע קינדער אַ פיעל גרינגערען וועג, דורך מאַכען זיי פאר קאַלעדזש מענשען. ערשטענס דענקען זיי, אַז ביי געבילדעטע מענשען איז דער קאַמף פיעל גרינגער און צווייטענס, איז דאָ אַ ביסעל כבוד דערביי.

***

פאַרקלאָגט זיך פאר מיר אַ איד:

מיט זיבען זיהן האָט איהם דער אויבערשטער מזכה געווען. „מיין מנורה מיט די זיבען רעהרען", פלעגט ער זיי רופען. און ער ער האָט באַשלאָסען זיי צו שיקען אין קאַלעדזש און מאַכען פון זיי פראָפעסיאָנעלע לייטע מיט דיפּלאָמען. עס האָט איהם אָפגעקאָסט אַ פארמעגען, אָבער ער האָט דאָס זייניגע אויסגעפירט.

זיינע אַלע זיבען זיהן זיינען געוואָרען פראָפעסיאָנעלע מענשען: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, דענטיסטען און אינזשענירען, יעדער איינער האָט איהם מקנא געווען. עפּעס אַ קלייניגקייט: זיבען געשטודירטע קאַלעדזש־מענשען!

איז אָבער די גאַנצע אידישקייט זייערע באַשטאַנען פון זיבען בר־מצוה דרשות. דער טאַטע איז אפילו זעהר אַ פרומער איד, אַ זהיר'דיגער איד, וואָס קרעכצט אויף גלות השכינה און אויפ'ן אידי־שען גלות, אָבער וועגען חנוך האָט איהם גאַנץ ווייניג געקימערט. דיפּלאָמען און קאַלעדזש, קאַלעדזש און דיפּלאָמען — דאָס זיינען געווען טאַטע־מאַמעס אויפגאַבע אין לעבען.

איז אזוי לאנג ווי דער טאַטע איז נאָך געווען אונאָפּהעניגיג, איז עס נאָך געווען כלומר'שט צו דערליידען. איצט אָבער אַז זיין וויב איז געשטאָרבען און זיין געשעפט האָט וואָל סטריט איינגעשלונגען, האָט ער ניט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן. ביי די זיהן האָט ער ניט געקענט זיין, ווייל דאָרטען האָט מען פון קיין כשרות ניט געהאַלטען. האָט ער זיך געוואַלגערט אַ שטיקעל צייט ביי פרעמדע מענשען, דאָס

לעבען איז איהם מיאוס געוואָרען, האָט ער פּרובירט צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, אָבער דאָס האָט זיך איהם אויך ניט איינגעגעבען.

ווען ער האָט מיר דערזעהען, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן: „איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז איך וועל צו אַזאַ מין לאַגע קומען. איך האָב באַשאַפען אַ מנורה מיט זיבען רעהרען, און איך האָב גערעכענט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלען, וויינינגסטענס, אַביסעל ליכט אין מיין אָרעמען ווינקעלע ארייגוואַרפען. צום סוף, אָבער, לייכטען זיי פאַר דער וועלט, אָבער ניט פאַר מיר".

— מיין טייערער פריינט, — האָב איך זיך צו איהם אָפּגערופען — קיינער איז אין דעם ניט שולדיג, נאָר איהר אליין. גיט אַ קוק אין דער היינטיגער סדרה, וועט איהר געפינען אַז גאָט זאָגט צו משה'ן: „בהעלותך את הנרות" — אַז דו וועסט אָנצינדען די ליכט, „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" — מוזען די אַלע זיבען ליכט באַלייכטען די מנורה. די מנורה — דאָס זיינען די עלטערען, און די רעהרען זיינען די קינדער. ווען טאַטע מאַמע גיבען זייערע קינדער אַ ריכטיגע אידישע דערציהונג, באַלייכטען די ליכטעלאך „אל מול פני המנורה" — אויף טאַטע־מאַמעס געזיכטער. ווי שלעכט די קינדער זיינען, אָבער אידען זיינען זיי, אידען מיט אידישע הערצער. אָבער ווען עלטערען גיבען ניט זייערע קינדער קיין אידישע דערציהונג, דאַן, איז עס זעהר טרויעריג! אמת, די ליכטעלאך לייכטען, אָבער ניט אויף דער מנורה, נאָר אויף פרעמדע, פרעמדע געזיכטער.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענער שוועסטער:

אַ רייכער אויפגעקומענער אַמעריקאנער גביר האָט געהאַט איין־איינציגע שוועסטער אין אַ פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעטעל אין פּוילען, האָט ער זיך מיישב געווען אז מען דאַרף אַמאָל אַריבערפאָהרען זעהן וואָס די שוועסטער מאַכט. האָט ער איהר געשיקט אַ טעלעגראַמע אַז ער פאָהרט ארויס זי זעהן און אין דעם און דעם טאָג וועט ער זיין ביי איהר אין שטעטעל.

די שוועסטער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט דער בשורה, עפּעס אַ קלייניגקייט, איהר רייכער ברודער פון אַמעריקא קומט! זי האָט

דר. י. ל. שניצער

איהם אזוי פיעל יאָהרען ניט געזעהן! זי האָט אַוועקגעוואָרפען אַלע איהרע געשעפטען, איבערגעלאָזען די קינדער אויף הפקר און זיך גע־נומען גרייטען איהר רייכען ברודער צו עמפּפאנגען. זי האָט גע־קאַלכט און געוואַשען דאָס הויז, אָנגעפּרעגעלט פארשידענע איינגעמאַכץ, אָנגעגרייט ווייך, שנאַפּס און פארשידענע פארבייסענס, כדי איהר רייי־כער ברודער זאָל, חלילה, ניט פארשעמט ווערען.

ווען דער ברודער איז געקומען, איז ערשט געוואָרען דער ריכ־טיגער „ליהודים״! כמעט דאָס גאַנצע שטעטעל איז געקומען אָפּ־געבען אַ ברייטען שלום עליכם זייער לאַנדסמאַן, דעם גביר פון אַמע־ריקא. פארשטייט זיך אַז מען האָט דעם עולם ניט געקענט עמפּפאנגען אויף אַ טרוקענעם טיש, מען האָט געדאַרפט שטעלען עפּעס כיבוד פאר זיי. איז די שוועסטער געלעגען טאָג און נאַכט אין קיך און גע־קאָכט, געבאַקען, געפּרעגעלט און געוואַשען און געבראַכט אַלעס אין דער בעסטער אָרדנונג.

אָט אַזוי האָט די שוועסטער פארבראַכט אַ שיינע פּאָר וואָכען צייט אין הו־האַ און ניט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט, ביז גאָט האָט געהאָלפען און דער ברודער איז אַוועקגעפאָהרען.

ווען זי איז געבליבען מיט איהר מאַן אליין, האָט זי זיך ערשט גענומען ארומזעהן וואָס פאר אַ חורבן עס איז פון איהר הויז געוואָ־רען. אמת, איהר רייכער ברודער האָט איהר געלאָזען אַ היבשע סומע געלט, אָבער וואָס פאר אַ ווערטה האָט דאָס געלט אַז פון איהרע קינדער איז, נעבאַך, אַ תל געוואָרען. זיי זיינען געוואָרען אָפּגעצערט, אויסגעבלייכט, צוריסען, צופליקט, שמוציג, די קעפּלאַך ניט געוואַ־שען, אַ שרעק אַ קוק צו טאָן ווי זיי קוקען נעבאַך אויס! יאָ, עס איז איהר שולד, איהר שולד! צוליב איהר רייכען ברודער האָט זי איהרע קינדער פארנאַכלעסיגט!

אָט די זעלבע עולה באַגיין אַ סך, אַ סך עלטערען אַנטקעגען זייערע קינדער דאָ אין אַמעריקא. שיינע אידען, רייכע אידען, פרומע אידען, לעבען אָפּ זייער לעבען אין הו־האַ ווי יענע אָרימע שוועסטער און לאָזען איבער זייערע קינדער אויף הפקר, אָן אַ שום ברעקעל

מענש און תורה

אידישע דערציהונג. און אפילו די יעניגע וואָס שיקען שוין יאָ כלומר'שט זייערע קינדער אין חדר, דערציהט מען זיי אויף דעם שפּינוועבס פונדאַמענט פון אַ קינסטליך געמאַכט „באַטעל". וואַקסען טאַקע, נעבאַך, די קינדער אויס מאָגערע, אָפּגעצערטע, אויסגעבלייכטע, אָן אַ טראָפּען נאַציאָנאַלען בלוט אין זיך. שיינע קינדער, פיינע קינדער, געבילדעטע קינדער, אָבער די רעהרען זיינען אַוועקגעדרייט פון דער מנורה. זיי באַלייכטען פרעמדע ווינקעלאך, אָבער ניט אונזערע.

שלח

די מעדיצינישע וויסענשאַפט בעהויפטעט, אַז קערפּערליכע און גייסטיגע אייגענשאַפטען געהען איבער בירושה פון עלטערען צו קינדער, פון די זיידעס און באָבעס צו אייניקלאך, געירש'נט ווערט ניט נאָר דאָס אויסזעהן, דער וואוקס, דער גאַנג, דער כאַראַקטער, די פעהיגקייטען, נאָר אפילו דער אופן ווי אזוי מען עסט, מען שלאָפט, ווי אזוי מען שמייכעלט און ווי אזוי מען בייזערט זיך. קורץ, אַלע אייגענשאַפטען ווערען געירש'נט פון די עלטערען, אָדער פון די זיידעס וועלכע האָבען געלעבט מיט הונדערטער און הונדערטער יאָהרען צוריק.

אַ באַוויז דערצו האָבען מיר פון היינטיגער סדרה. נעמט צוםביישפּיעל, אָט די אַלע קידער־ווידער מיטינגען, אָדער די אַרבעל־פּאָליטיק, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין אונזערע איצטיגע סאָסייעטיס, חברות און לאָדזשעס, איז דאָס אַן ערבשאַפט, אַ ירושה פון אונזערע עלטער, עלטער זיידעס די מרגלים. און אפילו דאָס ניט צוטרויען וואָס מיר אידען האָבען צו אונזערע פיהרער איז שוין אויך אַן אַלטע, כראָנישע, געירש'נטע קראנקהייט. ווייל גאָט האָט געדאַרפט זאָגען צו משה'ן: „שלח לך" — שיק פון דיין טובה וועגען מענשען אויסצוקוקען דאָס לאַנד, ווייל דיין פאָלק זיינען פון די מענשען וואָס האָבען וויניג צוטרויען צו דיר. זיי גלויבען גאָר אפילו ניט אַז עס איז פאַראַן אַ לאַנד כנען אויף דער וועלט. דעריבער איז גלייכער פאר דיר אַז דו זאָלסט שיקען אַן עקספּעדיציע אָנצוקוקען דאָס לאַנד, פילייכט וועט זיי דאָס אַביסעל מעהר בעגייסטערען. און משה האָט געטאָן ווי גאָט האָט איהם געהייסען, ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטע פון

מענש און תורה

צוועלף מאַכערס און קנאַקערס — „ראשי בני ישראל״ — די קעפּ און רעדעלפירער פון יעדען שבט און זיי געשיקט אָנקוקען דאָס לאַנד.

די גמרא זאָגט אונז: „כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף״ — וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יעקב׳ן, האָט פּאַסירט מיט יוסף׳ן. פאַר־שטייט זיך דאָך ממילא אַז דאָס וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט יוסף׳ן האָט אויך פּאַסירט מיט יעקב׳ן. נו, קען מען זיך שוין פאַרשטעלען ווי אַזוי דער מיטינג האָט דאַן אויסגעקוקט ווען די מרגלים האָבען זייער רעפּאָרט אָפּגעגעבען.

דער פּרעזידענט האָט אַ קלאַפּ געגעבען מיט׳ן האַמער און אַ גע־שריי געטאָן: „אָרדער פּליז! מיר געהן אויסהערען דעם רעפּאָרט פון דער קאָמיטע וואָס איז געגאַנגען אויסקוקען דאָס לאַנד כנען, איך וועל אויפפאָדערען דעם טשערמאַן פון דער קאָמיטע ברודער שמוע בן זכור, ער זאָל אונז זיין באַריכט אָפּגעבען״.

„ברודער פּרעזידענט, וויס־פּרעזידענט, שוועסטער און ברידער! איך, שמוע בן זכור, טשערמאַן פון דער קאָמיטע קען אייך באַריכטען, אַז מיר האָבען נאָכגעזעהן דאָס לאַנד, פון וועלכע אונזער פיהרער רעדט אַזוי באַגייסטערט אין גאָט׳ס נאָמען. איך מוז צוגעבען, אַז עס איז ווירקליך אַ שעהן לאַנד, דאָ קענט איהר זעהן דאָס בינטעל ווייטרויבען וואָס מיר האָבען געבראַכט פון דאָרטען, אָבער דאָס לאַנד איז ניט פאַר אונז, ברידער. מיר וועלען עס קיינמאָל ניט קענען איינגעהמען, ווייל די פעלקער, וועלכע וואוינען דאָרטען אַרום, זיינען זעהר שטאַרק און מעכטיג״.

„און נאָר ווי מעכטיג — כאַפּט אונטער שפט בן חורי — ריזען זיינען זיי! אמת׳ע ריזען״.

„מיר וועלען זיי יאָ איינגעהמען! האָט יהושע בן נון אַ זאָג גע־טאָן — עמלק איז געווען שטאַרקער פון זיי און דאָך האָבען מיר איהם באַזיגט״!

„ניט אַלע טאָג איז אַ יאַריד אויפ׳ן הימעל — האָט יגאל בן יוסף אויסגערופען — איך זאָג אייך, ברידער, אַז איך האָב זיך פשוט דער־שראָקען פאַר זיי. מיר האָבען אויסגעקוקט אַנטקעגען זיי ווי פליגען״.

דר. י. ל. שניצער

„ניט ווי פליגען, נאָר ווי מוראשקעס"! — האָט אַ טאַנץ געטאָן פלטי בן רפוא".

„שווייגט שטיל — האָט אַ דונער געטאָן כלב בן יפנה — אַ שיינע קאָמיטע זיינט איהר! דאַכט זיך אַה״ים געהענדיג זיינט איהר אַלע באַגייסטערט געוועזן פאַר דעם לאַנד, און איצט האָט איהר אייער מיינונג געביטען. איך ווייס אַז פאַר אייך לידערס, פיהרערס, גדולים און שתדלנים, טויג ניט אַזאַ לאַנד וואו די ערד קען שפייזען איהרע איינוואוינער. פאַר אייך איז בעסער אז די מענשען זאָלען הונגערען, כדי איהר זאָלט קענען איבער זיי הערשען מיט אייערע זיסע טובות. לאָזט זיך ניט פאַרפיהרען פון זיי, ברידער! זיי האָבען אייך קיין ריכטיגען רעפּאָרט ניט אָפּגעגעבען. און ווען אפילו עס זאָל שוין אמת זיין, אַז די איינוואוינער פון דאָרטען זיינען מעכטיגע ריזען, דאַרפט איהר אָבער ניט פאַרגעסען אַז גאָט איז מיט אונז. און ווען ער איז מיט אונז, דאַן וועלען מיר געוויס דאָס לאַנד איינגעהמען".

„דאָס איז קוואַטש! קוואַטש! — האָט די גאַנצע חברותא גענומען שרייען — הערט איהם ניט, ברידער! הערט איהם ניט! דאָס איז אונזער פּיהרער'ס אַן אונטער־טענצער! ניין, כלב, דו וועסט אונז מיט דיין גלאַטען צינגעלע ניט פאַרפיהרען! דאָס איז פאַר אונז קיין לאַנד ניט"!

„דאָס איז אַ בית עולם פאַר אונז — האָט נחבי בן ופסי אויסגערופען — איך האָב פריהער ניט געוואָלט רעדען, אָבער איצט מוז איך אייך זאָגען אַז דאָס איז אַ לאַנד פון „אוכלת יושביה" — וואָס פאַרצעהרט איהרע איינוואוינער".

„ריכטיג! ריכטיג! ריכטיג"! — האָבען איהם אַלע אונטערגעבאָמקעט.

„דאָס איז ניט אמת! — האָט כלב אַ געשריי געטאָן — הערט ברידער, ווי זיי ווידערשפּרעכען זיך אליין. דאָ זאָגען זיי, אַז די איינוואוינער זיינען ריזען, און דאָ זאָגען זיי ווידער, אַז דאָס איז אַ לאַנד וואָס פאַרצעהרט איהרע איינוואוינער. אויב דאָס איז אַ לאַנד וואָס פאַרצעהרט איהרע איינוואוינער, ווי קומען דאָרטען צו זיין ריזען"?

מענש און תורה

„איך וועל פארענטפערען זיין קשיא — האָט דער טשערמאַן זיך אָפּגערופען — ווי איהר ווייסט, איז אין דער נאַטור פאראַן אַ געזעץ וואָס רופט זיך: „דהי סורוואיוועל אָוו די פיטעסט״, דאָס איבער־לעבען פון די פּאַסענדע, דער שטאַרקער, דער געזונטער, קריגט יעדע מעגליכע הילף פון דער נאַטור צו לעבען, בעת דער שוואַכער ווערט גע־שלאָגען פון דער נאַטור כדי איהם צו פארניכטען. יאָ, עס איז אַן „ארץ אוכלת יושביה״ — די שוואַכערע זיינען פארצעהרט געוואָרען, נאָר בלויז די גאַנץ שטאַרקע זיינען געבליבען״.

און עס איז געוואָרען אַ געמורמעל אויף משה׳ן מיט אהרנ׳ען און דאָס פאָלק האָט גענומען וויינען און קלאָגען: „הלואי וואָלטען מיר בעסער געשטאָרבען אין מצרים, איידער מיר זיינען פון דאָרטען אַוועק, לאָמיר בעסער בלייבען דאָ אין דער מדבר איידער צו געהן שטאַרבען אין דאָס לאַנד כנען״. אַנדערע ווידער האָבען געשריען: „לאָמיר מאַכען אַן עלטסטען, און זיך אומקעהרען צוריק אין מצרים״. פלוצ־לונג האָט זיך גאָט׳ס כבוד באַוויזען אין אהל מועד און האָט אַ זאָג געטאָן: „ביז ווי לאַנג נאָך וועט איהר מיר פאַרשפּאָטען און ניט האָבען קיין גלויבען אין מיר? איהר האָט געמאַכט אַ קאַלב פאר אַ גאָט, רעוואָלטירט איבער אַ שטיקעל פלייש, איבער אַ ביסעל וואַסער און איבער נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען, האָב איך אייך פארגעבען, אָבער אַז אַן ארמיי קריגער זעצען זיך אַוועק וויינען ווי ווייבער — דאָס וועל איך אייך קיינמאָל ניט פארגעבען! אייער איצטיגער געוויין בלייבט אַ בכיה לדורות! איהר ווילט שטאַרבען אין דער מדבר? גוט! אייער וואונש וועט ערפילט ווערען! אַזעלכע שוועכלינגע זיינען ניט ראוי אריינצוקומען אין ארץ ישראל. כלב און יהושע, וועל־כע האָבען געזעהן דאָס לאַנד מיט אידישע אויגען, און אייערע קינדער, זיי וועלען אריינקומען אין ארץ ישראל. איהר אָבער, דער „מדבר דור״, וועלען שטאַרבען אין דער מדבר״.

און דער גרויסער געדולדיגער משה האָט גענומען ערציהען אַ נייעם דור.

דר. י. ל. שניצער

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענעם חולה:

איינער איז אַמאָל שטאַרק קראַנק געוואָרען אויפ'ן מאָגען, האָט ער געשיקט רופען צו זיך אַ באַריהמטען מאָגען־ספּעציאַליסט, און ווען דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, האָט דער חולה איהם אַ פרעג געטאָן: „וואָס זאָגט איהר, דאָקטאָר? קענט איהר מיך געזונט מאַכען"?

— גאַנץ געוויס, מיין פריינט! — האָט דער דאָקטאָר איהם געענטפערט — דער און דער מאַן האָט אויך געליטען אויף דער זעלבער קראנקהייט און איך האָב איהם אויסגעקורירט. האָט נאָר צוטרויען צו מיר, וועט איהר געהאָלפען ווערען.

— וועל איך האָבען שמערצען פון אייער קוראַציע?

— ניין, ניין, מיין פריינט! איך וועל אייך געבען אַ שלאָף־געטראנק, וועט איהר קיין זאַך ניט פיהלען.

— וואָס וועט איהר טאָן מיט מיר נאָכדעם אַז איהר וועט מיר שוין איינגעבען דעם שלאָף־געטראנק?

— צו וואָס דאַרפט איהר עס וויסען, מיין פריינט? — האָט דער דאָקטאָר זיך צו איהם אָפּגערופען — אויב איהר האָט אמונה אין מיר, דאַרפט איהר וויסען אז איך מיין אייער טובה, איך וויל אייך העלפען. אָבער אַז איהר הויבט מיר אָן צו פרעגען קשיות, איז אַ סימן אַז איהר האָט צו מיר קיין צוטרויען ניט.

— ניין, איך וועל געהן צו יענעם פּאַציענט אייערען און איהם פרעגען וואָס איהר האָט מיט איהם געטאָן נאָך דעם שלאָף־געטראנק.

— אויב איהר וועט געהן צו יענעם מאַן פרעגען, דאַן וועט איהר שטאַרבען — האָט דער דאָקטאָר צום חולה מיט כעס אַ זאָג געטאָן און איז ארויס פון קראנקען־צימער.

האָבען די פאַמיליע דעם דאָקטאָר פאַרהאַלטען: „סטייטש, דאָקטאָר, ווי זאָגט מען דאָס אַ קראַנקען מענשען אַז ער וועט שטאַרבען"?

— איך האָב געמוזט אזוי האַנדלען — האָט דער דאָקטאָר זיי געענטפערט, — יעדער חולה מוז האָבען צוטרויען צו זיין דאָקטאָר,

גלויבען אין איהם, אַז ער וועט איהם ברענגען די ישועה. היינט שטעלט זיך פאָר ווען דער חולה וועט געהן צו יענעם מאַן און אויסגעפינען אַז נאָך דעם שלאָף־געטראנק האָב איך געמאַכט איבער איהם אַ שווע־רע אָפּעראַציע, געעפּענט זיין בויך און אויסגעגלייכט זיינע געדערים, וועט ער זיך דערשרעקען און ניט לאָזען מאַכען איבער זיך אַזאַ מין אָפּעראַציע, דאַן וועט ער מוזען שטאַרבען פון זיין קראַנקהייט.

אמת, אין ארץ ישראל האָבען טאַקע דאַן געלעבט זעהר פיעל גבורים, ריזען, אָבער ווען די אידען וואָלטען געהאַט אמונה אין זייער דאָקטאָר, נאָכדעם ווי ער האָט זיי געוויזען זיינע גרויסע נסים אין מצרים און אין דער מדבר, וואָלטען זיי געוויס געהאָלפען געוואָרען. נאָר אַזוי ווי זיי האָבען קיין אמונה צו זייער דאָקטאָר ניט געהאַט. זיי זיינען געגאַנגען זעהן אויב זיי וועלען קענען בייקומען די פעלקער מיט זייער אייגענער מאַכט, האָט דער דאָקטאָר צו זיי געזאָגט: ווי־באַלד איהר האָט אין מיר קיין אמונה ניט און איהר שרעקט זיך פאַר יענע ריזען, דאַן וועט איהר אַלע מוזען אויסשטאַרבען אין דער מדבר.

קרח

ישראל שטודירט היינטיגע וואָך די אנאטאָמיע פון אַ געוויסער וואונד וואָס קיין מעדיצינישער בוך האָט קיין נאָמען ניט דערצו, נאָר בלויז אין אונזער תורה ווערט די קראנקהייט באַשריבען. דער וואונד רופט זיך: „שנאת חנם״ און די ווילד־פלייש ארום רופט זיך: „מחלוקה״, און ווען מען דערכאַפּט עס ניט אין צייט, ווערט די וואונד אַלץ מעהר און מעהר ענטצונדען, ביז דער גאַנצער קערפּער ווערט פאַרגיפטעט.

די וואונד האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזען אין דער מדבר, אין דעם יאָהר 2450 לויט דער אידישער צייט־רעכענונג, ביי אַ רייכען אידען מיט'ן קרח בן יצהר, צוויי הונדערט און פופציג לייט האָט ער מיט דער וואונד אָנגעשטעקט און מען האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד פריהער געגען משה'ן אליין (ויקומו לפני משה), אָבער די „קרואי מועד״, די צוזאַמענגערופענע צום מיטינג האָבען אָנגענומען אַ רע־זאָלוציע צו מאַכען אַ רעוואָלוציע געגעןביידע פיהרער, (ויקהלו על משה ועל אהרן).

זייער טענה איז געווען: „רב לכם״ — שוין גענוג צו געניסען פון דער קהל'שער שיסעלע, לאָזט אויך צו אַנדערע אַביסעלע! וואָס? איהר זיינט ציצית־אידען? מזוזה־אידען? אַ טלית וואָס איז אין גאַנצען פון תכלת דאַרף קיין ציצית ניט, און אַ הויז וואָס איז פול מיט ספרים דאַרף קיין מזוזה ניט? מיר זיינען אַלע תכלת, מיר זיינען אַלע ספרים, מיר זיינען אַלע הייליגע. „ומדוע תתנשאו״ — טאָ וואָרום זאָלט איהר זיך האַלטען העכער פון אַלעמען? ניין, מיר דאַרפען קיין אויטאָריטעטען ניט האָבען! פון היינט אָן און ווייטער

מענש און תורה

זיינען מיר אַלע גלייכע יחסנים, אַלע גלייכע מורי־מורנו׳ס — און אַלע גלייכע קאמעראַדען!

שטעהט, נעבאַך, משה אַ פאַרצווייפעלטער און גיסט אויס זיין שווער ביטער האַרץ פאַר׳ן רבונו של עולם, און פרעגט: פאַרוואָס זיינען זיי איהם מקנא? „לא חמור אחד מהם נשאתי" — האָב איך דען עפּעס וואָס פון זיי צוגענומען? „לא הרעותי את אחד מהם" — איך האָב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, טאָ פאַרוואָס קומט מיר דאָס?

זאָגט צו איהם גאָט: ערגער זיך ניט, משה, ערגער זיך ניט, לאָזט דאָס איבער צו מיר. איך האָב באַשאַפען אַ מענשען און איהם געגעבען לעבען, לעבען מיינט: קאַמף און ענערגיע צו זוכען, צו פאַר־שען און צו שטרעבען אַלץ העכער און העכער. וואָס מעהר קאַמף, אַלץ אינטרעסאַנטער ווערט דאָס לעבען. דער קלענערער שטרעבט צו ווערען, גרעסער, דער אָרימער — רייכער, דער שוואַכער — שטאַרקער, דער אומגעבילדעטער — געבילדעט. אָט דער קאַמף, אָט דער שטרעבען איבערצושטייגען יענעם פיהרט מיין וועלטעל צו פּראָגרעס. אמת, עס ליגט אפילו אין דעם אַ רעכט ביסעל עגאָאיזם, אָבער דער עגאָאיזם ברייגגט אריין אַ גרויסען אינטערעס אין לעבען, אָהן דעם עגאָאיזם וואָלט די וועלט געווען אַ טויטע געזעלשאַפט.

קרח מיט זיין קאָמפּאַניע אָבער ווילען דעם קאַמף, דאָס לעבען, און דאָס שטרעבען אַרונטערוואַפען; גלייכהייט זוכען זיי, אַ טויטע געזעלשאַפט ווילען זיי איינפיהרען, אויב גלייכהייט, טאָ געה אין דער ערד אריין! דאָרטען וועט איהר אַזאַ מין גלייכהייט געפינען. דער רייכער, דער אָרעמער, דער למדן, דער פּראָסטער, דער יחסן, דער שפל, דער בעל הבית, דער קנעכט, זיינען דאָרטען אליין גלייך, אלע האָבען דאָרטען די זעלבע עשירות, און די זעלבע מלבושים, אין דער ערד וועלען זיי אַזאַ מין אָרדענונג געפינען, דאָרטען איז זייער פּלאַץ.

**
*

דר. י. ל. שניצער

ותבלע אותם... ואת כל הרכוש.

און די ערד האָט איינגעשלונגען קרח'ן מיט זיין קאָמפּאַניע און אויך זיין גאַנץ פאַרמעגען, פון דאַנען קען זיין שטאַמט דער ווערטעל: „רייך ווי קרח", ווייל דאָס רוב אידישע גבירים זיינען רייך נאָר ביים לעבען, נאָכ'ן טויט געפינט מען איצט אויס אַז פון די טויזענטער וואָס מען האָט איהם געשאַצט איז גאָרנישט געבליבען, ער איז געשטאָרבען אַן אָרעמאַן, אַן אביון. קרח אָבער איז איינגעזונקען געוואָרען צוזאַמען מיט זיין פאַרמעגען — איז ער דאָרום געבליבען ביי נאָמען, אַז ער איז געשטאָרבען אַ גביר.

***

את מחתות החטאים האלה בנפשותם.

די ערגסטע בעלי מחלוקת זיינען די יעניגע וועלכע מישען אריין דערביי דעם „נפש", זיי פיהרען אַן זייערע מחלוקת כלומר'שט אין נאָמען פון פרומקייט און אין נאָמען פון תקון הנשמה.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

די מסורה דערצעהלט אונז אַז דער אויבערשטער האָט אויך באַשאַפען אַ גאַנצע מחנה פון הימעלשע משרתים, מלאכים, שרפים, אופנים און נאָך אַזעלכע חיילות, וועלכע הייליגען טאָג־טעגליך זיין נאָמען און שרייען: קדוש, קדוש, קדוש. עס ווערט אָבער אין ערגעץ ניט דערמאָנט אַז די הימעלשע חיילות זאָלען ביי דעם אויבערשטען עפּעס בעטען אזוי ווי מיר בעטען איהם יעדער זאַך. פרעגט זיך די פראַגע מיר זיינען דאָך אויך עפּעס זיינע באַשעפענישען, וואָרום האָט ער אונז איינגעטיילט אַזאַ ביטערע דאָליע אַז מיר זאָלען איהם דאַרפען בעטען יעדע זאַך?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט יענעם אָרעמאַן:

אַ פאָטער האָט געהאַט עטליכע אויסגעגעבענע זיהן, וועלכע האָבען געוואוינט ווייט אַוועק פון זיין שטאָט, ווען ער האָט גערדאַרפט

מענש און תורה

חתונה מאַכען זיין מיזשיניק האָט ער זיי אַלעמען איינגעלאַדען צו קו־מען אויף דער חתונה. אַלע זיהן האָבען איהם געענטפערט אַז זיי וועלען געוויס קומען און נאָך מיטנעהמען זייערע ווייבער אויך.

איין זוהן אָבער, וועלכער איז געוועזן זעהר אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט צום פאָטער געשריבען:

„איך נעהם אָן דיין איינלאַדונג, אָבער איך וויל אַז דו זאָלסט מיר אויסשרייבען וואָס פאר־אַ־שיינע בגדים איך מיט מיין פרוי זאָלען מיט־נעהמען צו טראָגען אויף דער חתונה״.

דער פאָטער האָט געמיינט אַז דער זוהן איז דער רייכסטער פון אַלע זיינע זיהן, האָט ער געשיקט אַ צעטעל און אויסגערעכענט וועלכע קליידער ער און זיין פרוי זאָלען מיטנעהמען, געוויינליך ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ רייכען מאַן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה זיינען אַלע זיהן אַראָפּגעקומען יום טוב'דיגע אָנגעטאָן, מעהר פון אַלעמען אָבער האָט געבליאַסקעט דער אָרעמער ברודער, ער איז געקומען אין אַ טייערען אַטלעסענעם ראָק, מיט זיידענע זאָקען און אַ צילינדער הוט, זיין פרוי ווידער איז געגאַנגען אויסגעפוצט אין סאַמעט און אין זייד אזוי ווי אַ גרעפין.

די ברידער האָבען זיך גענומען דרייען ארום איהם און ארויס־געוויזען איהם גרויס ליבע און כבוד, יעדערער פון זיי האָט זיך שוין גענומען נייען אַ בייטעל פאר די געלט וואָס מען וועט כאַפּען ביי דעם רייכען ברודער, דען יעדערער פון זיי איז נעבאַך געוועזן זעהר אַ גרוי־סער נצרך, איינער האָט געדאַרפט אַ טאָכטער חתונה מאַכען, דער צווייטער האָט געדאַרפט זיין הויז איבערבויען, ביי דעם דריטען רוקט זיך באַלד אונטער אַ וועקסעלע און קיין מזומן איז ניטאָ, דער פערטער האָט סתם ניט פון וואַנען אַ טאָג איבערצולעבען. נו, ווי וועט דער רייכער ברודער ניט זוכען זיי אַרויסצוהעלפען אַביסעל ? ווי ערשווינט אָבער זיינען אַלע געוואָרען ווען זיי האָבען פאר איהם פאָרגעלייגט זייערע בקשות און דער ברודער האָט זיי דערציילט אַז ווי זיי איז

שלעכט, איז איהם נאָך טויזענטער מאָל ערגער, ער איז אַן עני ואביון און האָט אפילו קיין קאָפּיקע ביי זיין נשמה.

סטייטש ? אַז דו ביזט אַזאַ אָרעמאַן אַן אביון, טאָ פאַרוואָס האָסטו אָנגעפרעגט דעם טאַטען אין וועלכע קליידער דו זאָלסט קומען אויף דער חתונה ? האָבען איהם די ברידער אַ פרעג געטאָן.

איך וועל אייך זאָגען ברידערלאך, האָט דער ברודער זיי גע־ענטפערט, איך בין אזוי אָרים אַז איך פאַרמאָג אפילו ניט אַ פּאָר גאַנצע שיך, מיין ראָק איז פול מיט לעכער, מיינע הויזען זיינען פול מיט לאַטעס, פאַרשטייט איהר דאָך שוין אליין אַז אין מיינע בגדים האָב איך צו דער חתונה ניט געקענט פאָהרען, נאָר וואָס דען ? איך האָב געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדע לייטע און באָרגען ביי זיי קליי־דער פאר זיך און פאר מיין פרוי, הײנט אַז שוין יאָ קומען אין געליהענע קליידער טאָ זאָל שוין זיין כאָטשבע עפּעס רעכטס !...

די מלאכים האָבען אַ באַשטימטען חלק גוטעס וואָס דער אוי־בערשטער האָט זיי געגעבען און זיי ציהען זייער עקזיסטענץ פון דעם וואָס זיי פאַרמאָגען. דער מענש אָבער האָט אליין גאָרנישט, ער לעבט נאָר מיט די חסדים וואָס דער אויבערשטער שענקט איהם, הײנט ווי באַלד אַז שוין יאָ לעבען פון חסדים, ווייס דער מענש זעהר גוט אַז צו דעם אויבערשטענס גוטסקייט איז גאָר קיין שיעור ניטאָ, דע־ריבער בעט ער אלץ מעהר און מעהר זאַכען טאָג טעגליך !

חוקת

דער גלות און די פרה אדומה האָבן אין זיך די זעלבע אייגענ־שאַפטן. די פרה אַדומה איז מטהר טמאים. די צרות, דאָס שפלות און די בזיונות, וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון אונזערע שכנים, באַפעסטיגען אונזער צובונד צום יהדות. פון דער צווייטער צייט, ווידער, איז ער מטמא טהורים, די שווערע גלות־באַדינגונגען ברייגען זעהר אָפט צו אַ גייסטיגער ירידה, צו דעמאָראַליזאַציע און אַסימילאַציע. מיט איין וואָרט, דער גלות מיט דעם נע ונד לעבען, האָבן דעם אידען געבראַכט צו קאָנטראַסטען און צו עקסטרעמען (שני הפכים בנושא אחד): אין איין ווינקעל הערשט חכמה, אין דעם צווייטען — נאַ־רישקייט; אין איין ווינקעל איז פאַראַן פרייהייט, אין דעם צוויי־טען — שקלאַפעריי; אין איין ווינקעל — ריינליכקייט, אין דעם צווייטען — אכזריות; אין איין ווינקעל — רעליגיע, אין דעם צוויי־טען — אַטעאיזם. קורץ, אַ פרה אדומה אייגענשאַפט, מטהר טמאים ומטמא טהורים.

די טבע פון גלות איז אַז עס ברייגגט צו אַסימילאַציע. די פלשתים, צור, כוש, פוט, כנען און נאָך אַזעלכע פאַרצייטיגע פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען ווען מען האָט זיי פאַרטריבען אין גלות. דאָס אידישע פאָלק אָבער איז דאָס איין־איינציגע פאָלק וואָס איז בייגע־שטאַנען און איבערגעלעבט די אַסימילאַציע דרוק, און איז געבליבען אַ פאָלק ביז היינטיגען טאָג. די אורזאַכע פון דיזער רעטעניש גע־פינען מיר אין דער היינטיגער סדרה:

„ולקח הכהן עץ ארז ואזוב ושני תולעת והשליך אל תוך שרפת הפרה", דער כהן זאָל נעהמען אַ שטיק טענענבוים האָלץ, אַ בינטעל גראָז, אַ פאָדים געפאַרבט מיט דעם בלוט פון אַ רויטען ווערעמעל,

און עס אריינוואַרפען אין דעם פייער וואו מען פאַרברענט די פּרה אדומה.

דער הויפּט פּראָצעס ווי אַזוי מען מאַכט פון אייזען שטאָל, איז דורך פייער, אָבער פייער אַליין מאַכט דעם אייזען ווייכער, ניט האַרטער, מוז מען צולייגען פאַרשידענע כעמישע שטאָפען, איין סאָרט מאַטעריאַל וואָס האָט די אייגענשאַפט צו מאַכען דאָס אייזען האַרט; נאָך אַ מאַ־טעריאַל וואָס מאַכט דאָס אייזען זיך צו בויגען און אָפּשפּרינגען אויף צוריק; אַ דריטער סאָרט מאַטעריאַל וואָס זאָל צוגעבען די שטאָל אַ בלויליכע פאַרב.

אַזוי איז אויך געטאָן געוואָרען מיט דעם אידישען פאָלק.

„שרפת הפרה", דאָס איז „גלות". אַ הויפּט פּראָצעס, דורך וועלכען דאָס אידישע פאָלק ווערט געלייטערט, אָבער נעהמען אַ שוואַך פאָלק און איהם אריינוואַרפען צווישען שטאַרקע פעלקער וואָס זאָלען איהם מאַטערען, דאָס וואָלט זעהר געפעהרליך געווען, די צרות וואָלטען געבראַכט דערצו, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אין גאַנצען אַוועקוואַרפען איהר אמונה, אָדער זי זאָל פאַרניכטעט ווערען פון דער וועלט, — וואָס האָט גאָט געטאָן? האָט ער זיי מיטגעגעבען אין גלות אַזעלכע אייגענשאַפטען וואָס זאָלען זיי געבען קראַפט ארי־בערצוטראָגען אַלעס און צו בלייבען ביי זייער עקזיסטענץ אַלס פאָלק און אויך ביי זייער אמונה.

די אייגענשאַפטען באַשטייען פון „עץ ארז", וואָס דאָס איז דער האַרטעסטער בוים פון אַלע בוימער; ער בויגט זיך ניט פאַר קיין שטורם; ער וועט זיך גיכער צוברעכען איידער בויגען, — „אזוב" אַ בינטעל גראָז, וואָס איהר נאַטור איז פונקט פאַרקערט, זי בויגט זיך פאַר'ן קלענסטען ווינטעל, און לאָזט זיך טרעטען פון אַלעמען אונטער די פיס. „שני תולעת", אַ פאָדעם געפאַרבט מיט דאָס בלוט פון אַ רויטען ווערעמעל, וואָס זיין פאַרב קען מען ניט אָפּמעקען, און וואַשט זיך קיינמאָל ניט אָפּ.

אָט די דריי אייגענשאַפטען האָבען די אידען מיטגענומען אין גלות, און זיך באַנוצט אַמאָל מיט איין מדה, אַמאָל מיט דער צווייטער

מדה און אַמאָל מיט דער דריטער מדה, ווי די אומשטענדען האָבען געפאָדערט.

ווען די פעלקער האָבען געזוכט מיט געוואַלד אַפּצורייסען דעם אידען פון זיין אמונה, איז דער איד געוואָרען האַרט ווי אַ טענענ־בוים, שווערדען זיינען איבער זיין האַלז צובראָכען געוואָרען, און דער איד האָט זיך ניט געלאָזען בויגען, ער האָט זיך מוסר נפש געווען אויף קדוש השם און האָט אפילו פון דעם קלענסטען מנהג ניט אָפּגעטראָטען.

אין מאַנכע לענדער, ווידער, האָט ער געמוזט זיך לאָזען בויגען און טרעטען ווי דער „אזוב". צוויי בוימער זיינען געשטאַנען אין וואַלד, איינער אַ גרויסער, אַ גראָבער, אַן איינגעפּונדעוועטער בוים, דער צווייטער אַ קליינער, אַ שוואַכער און אַ דין בוימעלע, איז גע־קומען אַ שטורם און האָט דעם גרויסען בוים אומגעוואָרפען, און דער קליין בוימעלע איז געבליבען לעבען. פרעגט דער גרויסער בוים דעם קליינעם בוימעלע: זעה, איך בין אזוי גרויס, שטאַרק און מעכטיג געווען, מיר האָט דער שטורם אומגעוואָרפען, דו אָבער ביזט דאָך אזוי שוואַך, קליין און דין, פונדעסטוועגען האָט דער שטורם דיר געלאָזען, קענסטו מיר ניט זאָגען, וואָס פאר אַ מאַכט, וואָס פאר אַ קראַפט דו באַזיצט, וואָס דו ביזט לעבען געבליבען? ענטפערט איהם דער קליינער בוימעלע:

— אָט דאַדורך, ווייל דו ביזט אַזוי גרויס, שטאַרק און מעכטיג, האָסטו זיך פאר'ן שטורם ניט געלאָזען בויגען, האָט ער דיך אומגע־וואָרפען. איך אָבער בין קליין, דאַר און דין, קומט אַ שטורם בויג איך מיך איין אביסעל, דער שטורם געהט אַריבער, הויב איך מיך ווי־דער אויף.

„אזוב" אַ בינטעל נידעריגע גראָז איז דער איד, אָבער אין די ביסעל גראָז ליגט דער סוד פון זיין עקזיסטענץ.

גאַנץ אָפט ווידער זיינען מיר אזוי ווי אַ ווערעמעל אונטער די פיס ביי די אומות העולם, אָבער וואָס פאר אַ ווערעמעל? אַ „תולעת שני", אַ רויטער ווערעמעל. און מיר פאַרבען די אַלע פעלקער מיט אונזערע שיינע אידישע מדות, מיט אונזער ערהאַבענעם מאָראַל.

דר. י. ל. שניצער

די „פּוריטאַנער" האָבען אַרויסגעוואָרפען פון זייערע קירכען די אַלע געצען־בילדער און האָבען זיך גענומען רופען מיט אידישע נעמען. קורץ, מיט האָבען געפּאַרבט די פעלקער מיט אונזער תורה, מיט אונזערע מדות און מיט אונזער מאָראל.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אונזערע חכמים זאָגען: „עשרה דורות מנח ועד אברהם", די ניין דורות פון נח ביז אברהם, האָבען דעם אויבערשטען זעהר פיעל דערצאָרענט, ביז עס איז געקומען דער צענטער דור מיט אברהמ'ן „וקבל שכר כלם" און האָט גענומען דעם שכר פאר זיי אַלעמען. פרעגט זיך די פראגע, וואָס מיינען אונזערע חכמים מיט די ווערטער „וקבל שכר כלם", וואָס הייסט ער האָט גענומען שכר פאר אַלעמען?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערצעהלט די מעשה מיט יענעם פאַבריקאַנט:

אַ פאַבריקאַנט האָט אויסגעבויט אַ פּראַכטפולע פאַבריק, אריינגעשטעלט דאָרטען קונציגע מאַשינען, און געהאָפט, אַז דער פאבריק וועט איהם אַ גרויסען פארדינסט אריינברייגנען.

ווען די סחורות זיינען פארטיג געוואָרען, האָט ער אָנגעשטעלט אַגענטען אַז זיי זאָלען ארומפאָהרען איבער דער מדינה און ווייזען די סוחרים די שיינע מוסטערען פון זיינע סחורות, אָבער ער האָט קיין ערפאָלג ניט געהאָט, ווייל די אַגענטען זיינען געווען ניט קיין ראַיעלע מענשען. אויסער וואָס זיי האָבען זיך אריינגענומען אין קאָפּ נאָכצומאַכען אַזאַ פאַבריק און קאָנקורירען מיט דעם פאַבריקאַנט, זיינען זיי נאָך געווען דערצו לייכטזיניגע נפשות און זעהר גרויסע בעלי תאוות. פרעסען, טרינקען און שפּילען אין קאָרטען, דאָס איז געווען זייער איינציגער צייט־פארטרייב, און אַלעס איז געגאַנגען אויף דעם פאַבריקאַנטס רעכענונג. פאַרשטייט זיך דאָך, די הוצאות זיינען געוואָרען פון טאָג צו טאָג אלץ גרעסער און גרעסער און קיין הכנסה איז ניט אָריינגעקומען.

מענש און תורה

דער פאבריקאַנט איז אַרומגעגאַנגען פארצווייפעלט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, פון די אַלע ניין אַגענטען וואָס ער האָט אויף דער מדינה ארויסגעשיקט האָט ער געהאַט מעהר צער ווי נחת, עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז ער זאָל דעם פאבריק אין גאַנצען צושליסען, ווארום וויפיל איז דער שיעור צו דערלייגען צום געשעפט?...

אין אַ געוויסען טאָג איז געקומען צום פאַבריקאַנט אַ יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען אברהם׳ל און האָט פארלאַנגט פון איהם, אז ער זאָל איהם פאר אַן אַגענט אָנשטעלען. דער פאַבריקאַנט האָט אַפילו אין אָנפאַנג זעהר ווייניג וואָס געהאַלטען פון איהם, נאָר ער האָט גערעכענט, ער האָט שוין ניט מעהר וואָס צו פארלירען, ער וועט זעהן וואָס ער וועט אויפטאָן.

אברהם׳ל איז געווען זעהר אַן ענערגישער און האָט זיך גענומען צום געשעפט מיט לייב און לעבען, ער איז אַרומגעפאָהרען פון שטאָט צו שטאָט און געוויזען די סוחרים די ראַיעלקייט און די גוטסקייט פון די סחורה. דער פאַבריקאַנט האָט געקראָגען אַ גרויסען נאָמען אין דער וועלט, און אָט אָפּגעמאַכט פון דעם צענטען אַגענט, די אַלע פארלוסטען וואָס ער האָט געהאַט פון די פריהערדיגע ניין אַגענטען.

דער אויבערשטער האָט מיט גרויס חכמה אויסגעסטרויעט אַ פראַכטפולע וועלט. די ניין אַגענטען, די ניין דורות ביז אברהמ׳ן, האָבען פאַרבראַכט זייערע יאָהרען אין תאוות הזמן, דער דור הפלגה האָט זאָגאַר געוואָלט קאָנקורירען מיט גאָט.

איז אָבער געקומען אונזער פאָטער אברהם און האָט גענומען ערקלעהרען די מענשען זייער ציעל אין לעבען און האָט באַקאַנט געמאַכט אויף דער וועלט די וויכטיגע סחורה פון דעם פאַבריקאַנט, און דער גרויסער הימעלשער פאַבריק האָט געקראָגען אַ געוואַלטיגען גרויסען נאָמען אויף דער וועלט, און „וקבל שכר כולם״, דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט פארלאָרען אין די פריהערדיגע ניין דורות, האָט ער אין צענטען דור אָפּגעמאַכט מיט פראָצענט דורך זיין אַגענט אברהם.

בלק

דער נאַצי־קעניג בלק בן צפור האָט געדונגען דעם אָראטאָר בלעם בן בעור, אַז ער זאָל זעהן צו שילטען און דיסקרימינירען דאָס אידי־שע פאָלק, און בלעם בן בעור האָט אָנגענומען אַ גאַנץ נייע מעטאָדע שלעכטעס צו טאָן די אידען. נעמליך, צו זינגען שירות ותשבחות צו דעם אידישען פאָלק, הויבען זיי, לויבען זיי און שרייען:

בײַ מיר ביזטו שעהן,
בײַ מיר האָסטו חן,
בײַ מיר ביזטו מיט מעלות פול,
דו באַזיצסט אַ קוואַל
פון גייסט און מאָראַל
וואָס באַצירען דיין הייס, דיין שוהל.

דאָס הייסט, בלעם איז אויסען געווען איינצורעדען די אידען, אַז זיי דאַרפען שוין מעהר ניט שטרעבען צו אַ העכערע מדרגה, ווייל זיי זיינען שוין פאָלקאָם אין אָרדענונג און געבענשט מיט אַלע מעלות און מידות טובות.

אָט דאָ ליגט דער חילוק צווישען איהם און צווישען די אידישע נביאים. די אידישע נביאים האָבען ניט אויפגעהערט צו שטראָפען די אידען, דערמאָנענדיג זיי שטענדיג, אַז זיי זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון שלמות. בלעם אָבער האָט געטאָן גראַד פאַרקעהרט, ער האָט זיי גע־נומען איינרעדען, אַז דאָס ביסעלע מעשים טובים, וואָס זיי האָבען,

זיינען שוין געגוג, נאָך איבער געגוג פאַר זיי, דעריבער דאַרפֿען זיי מעהר צו קיין העכערס ניט שטרעבען.

***

ויחבוש את אתונו.

צוויי אייזלען האָבען געהאַט אויסצופיהרען אַן ענליכע שליחות. איין אייזעל האָט געפיהרט יצחק'ן צו דער עקדה און דער צווייטער אייזעל האָט געפיהרט בלעמ'ן צו שילטען די אידען, אָבער פוןביידענס שליחות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען, ווייל וואו אַן אייזעל איז אַ פיהרער, קען קיין זאַך ניט אויסגעפיהרט ווערען.

***

מה טובו אהליך יעקב.

אַ באַפּטיסטישער גלח האָט געהאַלטען אַ „סוירמאָן" און שטאַרק גע'מוסר'ט די קריסטליכע וועלט פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם און האָט ערקלעהרט, אַז עס זיינען אומזיסט די באַמיהונגען פון די אידישע שונאים. דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, ווייל דאָס פאָלק, פון וועלכען יעזוס איז געבוירען געוואָרען, לעבט און עקזיסטירט מיט גאָט'ס נסים, דעריבער קען מען זיי ניט אויסראָטען.

אַז מיר אידען לעבען מיט נסים, האָבען שוין לאַנג צוריק אונזערע חכמים געזאָגט:

„פאַרוואָס זיינען מיר אידען געגליכען צו אַן אוילבערט־בוים? ווייל פונקט ווי די בלעטער אויף אַן אוילבערט־בוים האַלטען זיך שטענדיג און פאַלען קיינמאָל ניט אַרונטער, אזוי פאַלען די אידען אויך קיינמאָל ניט אַרונטער פון דעם לעבענס־בוים, זיי האָבען אן אייביגען קיום".

אָבער, מיר אידען, פאַרלאָזען זיך ניט אויף נסים. עס מעג טאַקע זיין אַ נס, אָבער אַ נס מוז אויך האָבען אַן אָנהאַלט אין נאַטירליכען לע־בען. עס מוז זיין באַגרינדעט אויף עפּעס וואָס דער שכל קען באַגרייפען.

און דער סוד פון דער וואונדערבאַרער לעבענס־פעהיגקייט פון דעם אידישען פאָלק האָט בלעם ארויסגעבראַכט אין דער היינטיגער סדרה.

דר. י. ל. שניצער

צוקוקענדיג זיך צום לעבען פון אידישען פאָלק, האָט ער באַגייסטערט אויסגערופען: ווי שעהן זיינען דיינע געצעלטען, יעקב! דיינע וואוינונגען, ישראל!

ווייל בלעם מיט זיין שאַרפען אויג האָט געוואוסט, אַז די צוויי אידישע געצעלטען, די צוויי אידישע אינסטיטוציעס, די „היים" און די „שוהל", באַשיצען דאָס אידישע פאָלק פון פרעמדע איינפלוסען און פארהיטען עס פון אונטערגאנג.

עס איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך אַ פאָלק, ביי וועמען דאָס פאַמיליען־לעבען, די היים איז אזוי ריין ווי ביי אידען. עס איז ניטאָ ביי אונז אזוי פיעל פאַמיליען־סקאַנדאַלען ווי ביי די גוי'אישע שכנים. אידישע טאַטע־מאַמע ארבייטען שווער און ביטער און פארזאָרגען די זיהן מיט אַ תכלית, אידישע טאַטע־מאַמע פאר'משכונ'ען זיך ביז צום לעצטען קישעלע, אַבי צו געבען די טעכטער פיינע מענער.

און וואָס די היים איז פאר דעם אידען אין זיין פריוואַטען לעבען, איז די שוהל פאר איהם אין זיין גייסטיגען זין. די שוהל איז ביי דעם אידען זיין קולטור־צענטער, פון דער שוהל וואקסען ארויס אלע זיינע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען.

ווער געדענקט עס ניט די אַלטע גרויסע שוהל?

זי איז געווען דער מרכז פון דעם אידענס פרייד און לייד פונ'ם וויגעל ביז'ן קבר.

איז ביי טאַטע מאַמע אַ זוהן געבוירען געוואָרען, האָט מען אין שוהל דעם בריית געמאַכט. חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, — אין שוהל די חופה געשטעלט. איז איינער אַן אָבל געוואָרען, איז ער אין שוהל געקומען און איז מיט ברידערליכע ליבע געטרייסט געוואָרען. איז ער געוואָרען אַנטוישט און מיד פון זאָרג פאר פרנסה, האָט ער אין לערנען אָדער אין תהלים זאָגען געפונען אַ טרייסט.

אָט אין די צוויי געצעלטען האָט דער איד זיין פעסטונג געפונען. די אידישע היים און די אידישע שוהל האָבען געזיכערט זיין עקזיסטענץ עקאָנאָמיש און גייסטיג, אַז אפילו דער גרויסער שילטער בלעם האָט געמוזט אויסשרייען „מה טובו".

מענש און תורה

און אויב אידישקייט געהט אונטער אין מאַנכע לענדער, איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר האָבען אונזערע צוויי פעסטונגען פאַרנאַכלעסיגט.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

בלעם פאַנגט אָן זיין פאָעזיע מיט די ווערטער: „מן ארם ינחני בלק מלך מואב״, פון אַרם האָט מיר בלק מלך מואָב אַראָפּגעבראַכט צו שילטען די אידען. פרעגט זיך די פראגע: ווען ארם וואָלט געווען אין אפריקא, אָדער אין אַן אַנדער וועלט־טייל, וואָלט זיך זעהר גוט געפּאַסט דער אויסדרוק: אַזש פון אַרם האָט ער מיך אַראָפּגעבראַכט צו שילטען די אידען. אָבער ווי מיר ווייסען איז דאָך ארם געלעגען ארום מואב און מדין, טאָ וואָס דערצעהלט ער אונז דאָ פאר אַ רבותא: אַזש פון אַרם האָט מען איהם אַראָפּגעבראַכט?

אלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט רב פלטיאל דעם מגיד:

אין די אַלע שטעט און שטעטלאך ארום דעם פרייסישען גרענעץ האָט רב פלטיאל דער מגיד געהאַט זעהר אַ גרויסען נאָמען. דער עולם פלעגט פשוט לעקען די פינגער פון זיינע דרשות און פון זיין מוסר־זאָגען.

געזאָגט האָט מען, אַז אין דער יוגענט איז ער אליין אויך געווען אַ קאנטראבאנדטשיק און אַ פעקעל־טרעגער, נאָר ווי ער האָט חתונה געהאַט, האָט זיין ווייב גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ען, אַז ער זאָל די מלאכה אוועקוואַרפען און זיך נעהמען צו עפּעס רעכטס. רב פלטיאל האָט איהר צוליב געטאָן, גענומען זיך צום לערנען און איז געוואָרען אַ מגיד.

זייענדיג אליין אַ קאנטראבאנדטשיק איז שוין קיין וואונדער ניט געווען וואָס ער האָט געוואוסט די אַלע שמוגלערישע קונצען און דרייד־לאַך וואָס זיינע בעלי בתים פלעגען אָפּטאָן. דערפאר פלעגט ער שבת אויף דער בימה זיי נעהמען מוסר׳ן און פאַרשטעלען פאר זיי חזיונות פון א גיהנום פאר גרענעץ־לייטע. אָט ברענט מען איינעם פאר שמוגלען, אָט ברענט מען א צווייטען פאר גנב׳ענען, אַ דריטען פאר

מסור'ן. און פאר נאָך אַזעלכע מעשים טובים. דער עולם פלעגט באַ־גייסטערט ווערען פון זיינע דרשות און גאַנץ אָפט פלעגט זיך הערען אַ געוויין פון דער ווייבערשער שוהל, זיין מוסר האָבען אַ פּאָר ווייבער צו טרערען געבראַכט.

נאָך דער דרשה, פלעגען צוגעהן איניגע בעלי־בתים צו איהם און זאָגען:

„אוי, רבי! אייער היינטיגע דרשה איז ווערטה געווען צו קושען, איהר האָט דאָך ריכטיג צוגעטראָפען וואָס עס האָט די וואָך פּאַסירט. חיים'קע האָט גע'מסור'ט יאַשקען, בערקע האָט צוגע'גנב'עט מאַסקע'ס פערד, כדי ער זאָל ניט קענען מאַכען זיין נסיעה אין פרייסען און קאָנ־קורירען מיט איהם, און נאָך אַזעלכע זאַכען".

דאַרף זיך טרעפען, אַז רב פלטיאל'ס אַ נאָהענטער קרוב, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ ליטווישען לומדישען שטעטעל, האָט געדאַרפט חתונה מאַכען אַ טאָכטער, האָט ער געשריבען אַ בריוו צו פלטיאל'ן און איהם געבעטען, אַז ער זאָל קומען אויף דער חתונה און פארשעהנערען זיין שמחה. רב פלטיאל האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און איז גע־קומען אויף דער חתונה.

ווען מען האָט אויפגעפאָדערט רב פלטיאל'ן צו האַלטען אַ דרשה, האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט צום עולם:

„רבותי, מיין קרוב האָט מיר אַראָפּגעבראַכט פון מיין שטעטעל מיט דעם צוועק, אַז איך זאָל האַלטען פאַר אייך אַ דרשה, לײדער אָבער קען איך פאר אייך גאָרנישט דרש'נען, וויל מיינע דרשות זיינען נאָר גוט פאר די מענשען פון מיין שטעטעל, וועלכע זיינען קאָנטראבאנד־טשיקעס, שמוגלערס, מוסרים און גנבים. איהר אָבער זייט דאָך אַזעלכע פיינע לייט, יראים ושלמים, לומדים גרויסע, מיט זעהר שעהנע מדות. פאר אייך טויגען ניט מיינע דרשות".

„מן ארם ינחני בלק", אַזש פון ארם האָט מיר בלק אַראָפּגעבראַכט צו שילטען די אידען. מיינע דרשות און מיינע קללות זיינען נאָר גוט פאר די מענשען פון מיין שטעטעל, אָבער ניט פאר'ן אידישען פאָלק וואָס איז אַזוי פרום און מאָראַליש.

פינחס

אַלע צרות, וואָס מיר האָבען אַמאָל געליטען און ליידען נאָך היינט אויך, זיינען געקומען פון די מאַכערס, פון די קנאַקערס און פון די סמעטענע פון פאָלק. ווער האָט אָנגערעדט רשעות אויף ארץ ישראל אין די מרגלימ׳ס צייטען ?... די נשיאים. זיי האָבען מורא געהאַט טאָמער וועלען זיי פארלירען אין ארץ ישראל זייערע חשיבות און זייערע נשיאות, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז ניט יעדער מאַכער און קנאַקער אין גלות איז ראוי צו זיין אַ פיהרער אין ארץ ישראל, געווען אַן עגאָ־איסטיש מאַכערייקעלע פון קליינע מענשעלעך, וואָס שטופען זיך אויבען אָן און זוכען אָנצוהאַלטען זייער גדלות מיט חנפ׳ענען זיך צו דער מאַסע און שרייען, אז זיי זענען זיך מפקיר פאר׳ן כלל.

ווער זיינען געווען די אָנפירער ביי קרח׳ס מחלוקה ? די נשיאים, און ווער האָט אין דער היינטיגער סדרה אָפּגעטאָן אַ שענדליכען אַקט ? אַ נשיא מיט׳ן נאָמען זמרי בן סלוא.

קורץ, מיר האָבען אַמאָל געליטען פון אונזערע מאַכערס און קנאַקערס, און ליידען נאָך היינט אויך פון זיי. יעדער טאָם, דיק און הערריי בויט אויס אַ מזבח׳ל, מיט הויכע טרעפּ ארויפצוגיין, און מען גיט דאָס אַ נאָמען : בית יתומים, בית זקנים, נווירסערי, תלמוד תורה, ישיבה, גמילות חסד, און נאָך אַזעלכע נעמען, און מען קרוינט זיך אלס כלל טהוער, טאָן־געבער און וועג־ווייזער.

היינט קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאר אַ טעם עס האָט אַזאַ זעלבסט־געקרוינטער פיהרער. אין חדר איז ער ווייניג וואָס געגאנגען, די היסטאָריע פון זיין פאָלק קען ער ניט, קיין העברעאיש געוויס ניט, קיין אידישע צייטונג לעזט ער ניט, קיין אידישע פראָבלעמען ווייסט ער

ניט, נאָר וואָס דען? ער שטופּט זיך אין דער עפּענטליכקייט און שרייט, אַז ער איז אַ פירער, אַ מנהיג, און אַ כלל טוער.

אָט צו די ברואים׳לעך האָט אונזער תורה געזאָגט: „לא תעלה במעלות על מזבחי״ — גראָבער יונג! בוי ניט קיין מזבח׳ל מיט אַ טרעפּ זיך אַרויפצודראַפּען אויפ׳ן פּאָליטישען שטאַפּעל אום צו קענען קריגען אַ נאָמינייִשאָן פון אַ פּאַרטיי... „אשר לא תגלה ערותך עליו״, כדי מען זאָל ניט אַרויסזעהן די שאַנד וועד אונזערע פיהרער זייִנען.

די גמרא דערציילט אונז: „ב׳ תמרים יש בגי בן הינום ועולה עשן מבניהם״ — צוויי טייטעל־בוימער געפינען זיך אין דעם טאָל פון בן הינום, און עס גייט אַ רויך פון זיי, „וזה היא ששנינו״ — און דאָס איז וואָס מיר האָבען געלערענט: „צינו הר הברזל כשירות״ — די פאַרשטיינערטע באַרג־בוימער זייִנען כשר, „וזה היא פּתחה של גיהנום״ — און דאָס איז די טיר פון גיהנום.

אַ סך, אַ סך לומדים מאַטערען זיך אויף דעם פּשט פון דער גמרא, ווען מען גיט אָבער אַ קוק אויף אונזערע אַמעריקאַנער מאַכערס, פי־לאַנטראָפּען און כלל טוער, האַלט איך, אַז איך האָב דעם פּשט געפונען:

צווייערליי סאָרטען מענשעלעך האָבען מיר אין אונזער „קעסעל גרוב״, אין אונזער „בן הינום״ טאָל, איינער וואָס טוט צדקה און מעשים טובים בלויז פאַר כבוד וועגען, מען זאָל רעדען פון איהם, און באַוואונ־דערען זיין גרויסע פילאַנטראָפּיע, וואָס פאַר אַ זעלטענער כלל טוער ער איז.

דער צווייטער גנב׳עט גזל׳ט און רויבט פרעמד געלד, ער לעבט אַליין אַ גוטען טאָג, אָבער ער בויט אויך אַ שוהל, אַ תלמוד תורה און קויפט זיך פאַר׳ן גע׳גזל׳טען געלד אַ מהודר׳דיגען אתרוג און נאָך אַזעלכע מהודר׳דיגע זאַכען.

צוויי צאַצקעדיגע אידען, וועלכע שפּילען אַ פּרומע ראָלע אין דער אידישע מחנה, אָבער „ועלה עשן מבניהם״ — עס איז אַ פאַררויכערטע און פאַרכמאַרעטע אידישקייט. „וזה היא ששנינו״ — דאָס וואָס מיר האָבען געלערענט: „צינו הר הברזל כשירות״ — ווען מיר קוקען פון וויטען אויף אַ פאַרשטיינערטען באַרג, מיט די פאַרשטיינערטע בוימער

מענש און תורה

אַרום, דאַכט זיך אויס, אַז זיי זיינען זעהר שעהן און אַנציהענד, אַ פּאַר־געניגען אויף זיי אַ קוק צו טאָן. אָבער „וזה היא פתחה של גיהנום״ — דאָס איז די אַרבייט פון גיהנום, דער גיהנום־פייער האָט פאַרגאָסען די בוימער מיט פייערדיגע לאַווע, און האָט פאַרשטיינערט די גאַנצע געגענט אַרום.

אַזוי איז אויך מיט די צוויי צאַצקעדיגע אידען. פאַר׳ן אויג קוקען זיי אויס צו זיין טייערע אידען, גאָלדענע אידען, געלערענטע אידען, יאַרמולקע אידען, „כשירות״ — על פי דין איז טאַקע אַזאַ מין אתרוג כשר! דאָס הייסט, מען איז יוצא מיט אַזאַ מין אתרוג, אָדער מיט אַזאַ מין סוכה, „וזה היא פתחה של גיהנום״ — דאָס איז די אַרבייט פון גיהנום־פייער, און אַז אַך און וועה איז צו אַזאַ מין צדיק מיט אַזאַ פרומקייט.

**
*

בקנאו את קנאתי בתוכם.

דער ערשטער שבת, וואָס די תורה דערציילט וועגען פינחס׳ן, איז דער „בתוכם״, ניט אַזוי ווי אונזערע איצטיגע מאָדערנע קנאים, אַז זיי ווערען אין כעס דערוויטערען זיי זיך מחוץ למחנה און בויען באַזונדערע קלייזלעך, ניין. אָט ווי ערנסט און אויפריכטיג די קנאות זאָל ניט זיין, איז די הויפּט זאַך „בתוכם״, ער זאָל בלייבען צווישען זיי, ניט מאַכען שבת פאַר זיך.

**
*

הנני נותן לו את בריתי שלום.

דער אידישער מנהיג דאַרף פאַראייניגען אין זיך צוויי מדות צוזאַמען, מיט דער מדה פון קנאות און שטרענגקייט דאַרף ער באַזיצען די מדה פון שלום און מילדקייט, ווייל מיט קנאות אליין קען די וועלט קיין קיום ניט האָבען.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אונזערע חכמים זאָגען: „איזהו גבור הכובש את יצרו״, ווער איז אַ גבור, דער וואָס נעמט איין דעם יצר הרע. פרעגט זיך די פראַגע:

דר. י. ל. שניצער

ביי אַ גבור האָט געדאַרפט שטיין „המנצח את יצרו״, דער וואָס איז מנצח דעם יצר הרע, אָדער „הנמלט מיצרו״, דער וואָס ווערט אַנטרונען און איז זיך מציל פון דעם יצר הרע, אָבער ניט „הכובש״, וואָרום איינעהמען מיט גוטע דבורים פאַסט זיך פאַר אַ שוואַכלינג, אָבער ניט פאַר קיין גבור, טאָ פאַרוואָס שטייט „הכובש את יצרו״?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך איהם דערציילט די מעשה מיט נתן צוציתא:

אין רבי עקיבא׳ס צייטען איז געווען אַ רייכער מאַן מיט׳ן נאָמען נתן, דער נתן האָט זיך איינגעליבט אין אַ פאַרהייראַטע פרוי מיט׳ן נאָמען חנה, ער פלעגט איהר נאָכלויפען, מאַכען איהר קאָמפלימענטען, און זוכען מיט אלע זיינע מעגליכקייטען איהר איבערצורעדען, אָבער עס איז ניט געגאַנגען, וויל חנה איז געווען זעהר אַ גרויסע צנועה, פלעגט זי מיט פרומע גוטע ווערטער איהם אויס׳מוסר׳ן, אַז ער זאָל זיך צוריקהאַלטען.

נתן האָט זעהר פיעל געליטען דערפון, אָבער פאַרפאַלען. וואָס קען ער מיט אַזאַ צדקת טאָן? אַזאַ גאָטספאַרכטיגע פרוי קען מען ניט איבעררעדען.

דאַרף זיך טרעפען, אַז חנה׳ס מאַן איז אַרעסטירט געוואָרען און זיינע בעלי חובות האָבען איהם אריינגעזעצט אין געפענגעניש. חנה איז געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען, פלעגט זי ארבייטען שווער און ביטער און מפרנס זיין זיך און נאָך אוועקטראָגען עסען דעם מאַן אין געפענגעניש.

איין טאָג, ווען זי האָט געבראַכט דעם מאַן עסען אין געפענגעניש, האָט ער זיך זעהר שטאַרק צעוויינט און צו איהר געזאָגט:

— האָב רחמנות אויף מיר, חנה טייערע, איך קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען, דו ביזט די איינציגע וואָס קען מיר ראַטעווען, געה אַריבער צו נתן און בעט איהם, אַז ער זאָל באַצאָהלען מיינע חובות, וועט מען מיר פריי לאָזען.

חנה האָט דאָס געהערט, איז זי אַ פאַרציטערטע געוואָרען, מיט טרערען אין די אויגען האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן:

מענש און תורה

— סטייטש, ווי אַזוי קאָנסטו פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל טאָן אַזאַ זאַך? ווען איך זאָל געהן בעטען ביי אים אַ טובה, ווען ער דאַך געוויס וועלען, אַז איך זאָל באַפרידיגען זיין טירישען פאַרלאַנג, און דאָס וועל איך קיינמאָל ניט טאָן, איך וועל מיין קערפּער און מיין נשמה ניט באַשמוצען.

איר מאַן איז זעהר אין כעס געוואָרען, און צו איר אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, צנועה מיינע, איך ווייס וואָס דו ווילסט, דו ווילסט, אַז איך זאָל דאָ, אין תפיסה שטאַרבען, דאַן וועסטו חתונה האָבען מיט דעם רייכען נתן און לעבען אַ גוטען טאָג.

מיט אַ צעבראָכען האַרץ איז זי אַוועק פון געפענגעניש און גע־גאַנגען צו נתנ׳ס הויז. גייענדיג האָט זי מתפלל געווען צום אויבערשטען, אַז ער זאָל איר אויסהיטען, אַז זי זאָל חס ושלום אין קיין עבירה ניט אריינפאַלען, און ווען זי האָט דערציילט נתנ׳ען איר פאַר־לאַנג, האָט ער קיין צוויי ווערטער ניט גערעדט און איר אָפּגעציילט די סומע געלט, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט.

ווען חנה האָט שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך, האָט נתן זיך צו איר אָנגערופען:

— דיין וואונש, חנה, האָב איך דערפילט, פאַרוואָס דערפילסטו ניט מיין וואונש און מאַכסט מיר ניט גליקליך?

— הער אויס, מיין ליבער פריינט, — האָט חנה צו אים גע־זאָגט, — שטעל זיך פאָר ווען איך זאָל שוין דיין וואונש ערפילען, וואָס וועט פון מיר דאַן ווערען? דו זאָגסט, אַז דו ליבסט מיך, נתן, יאָ, ליבע איז זעהר אַ הויך וואָרט, אַ הייליג וואָרט, וואָס דאַרף דערהויבען די מענשען אין די העכערע ספערען פון אידעאַלען, אָבער ניט זיי דערנידעריגען אין אַ זומפּ פון שמוציגער תאוה. אַזאַ אידעאַל האָרץ ווי דו באַזיצסט, נתן, זאָלסטו זיך ניט קענען באַהערשען פון דעם יצר הרע, וואָס ער איז דער גרעסטער פיינט פון מענשען. פריינד מיינער! פאַרשפּיל ניט אַ גאַנצע וועלט פאַר איין איינציגען מאָמענט, לאָמיר קעמפען געגען דעם יצר הרע מיט׳ן זעלבען פייער, מיט דער זעלבער תאוה וואָס דער יצר הרע קעמפט געגען אונז!

דר. י. ל. שניצער

די רייד האָבען אויף נתנ׳ען זעהר געווירקט, ער איז געפאַלען אויף זיינע קני פאר איר, געקושט דעם זוים פון איר קלייד און געזאָגט:

— גאָט אין הימעל איז מיין עדות וואָס פאר אַ שווערען קאמף איך פיהר איצט דורך. אָבער דו ביזט גערעכט, אַ מענש דאַרף זיך באַהערשען און מוז זיך באַהערשען.

און ווי ער האָט די ווערטער ארויסגערעדט, אַזוי האָט אַ ליכטיגער שטראַל זיין קאָפּ אַרומגענומען, און די חכמים האָבען אים אַ נאָמען געגעבען „נתן דצוציתא״, נתן מיט די ליכטיגע שטראַלען.

אָט דאָס האָבען אונזערע חכמים געמיינט, „איזהו גבור הכובש את יצרו״, ווער איז א גבור? דער וואָס נעמט איין דעם יצר הרע, דאָס הייסט, ער שיסט אים מיט די זעלבע פּולווער, ער באַצווינגט אים מיט דעם אייגענעם פייער, מיט דער אייגענער תאוה, אָט דאָס קען נאָר אַ גבור באַווייזען.

ראה

ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין, זעהט מען וואָס פאר אַ מין הויכע פילאָזאָפיע אונזער געזעץ־געבער האָט אונז דערלאַנגט אין דער היינטיגער סדרה.

עס זיינען פאַראַן מענשעלעך וואָס קלערען גאַנץ ווייניג נאָך, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט, אויף וואָס עס ליגט אַ ברכה און אויף וואָס עס ליגט אַ קללה. און אַז מען מאַכט זיי אַמאָל פאַרוווירפע פאר זייערע מיאוס׳ע טהאַטען, ווארפען זיי ארויף די שולד אויף דער געזעלשאַפט: „ווי קען מען זיין ערליך? אַז מען לעבט אין אַ וועלט פון שווינדעל? ווי קען מען זיין גוט, אז מען לעבט צווישען שלעכטע מענשען? מאַנכע, ווידער, וועלכע זוכען שוין יאָ כלומר׳שט דעם וועג וואָס פיהרט צו אַ שטילען, רוהיגען און ערלי־כען לעבען, ווייסען ניט וואו דער וועג פאַנגט זיך אָן און וואו ער ענדיגט זיך.

אָט צו די מענשעלעך רעדט אונזער גרויסער משה אין דער היינטיגער סדרה: נאָט אייך, קינדערלעך, אַ פעקעל מיט קללות און ברכות, גוטס און שלעכטס, און זייט איר אליין די סאָרטירער, דאָס הייסט, איר אליין זייט די בעלי בתים איבער׳ן פעקעל. איר אליין מוזט זיי פונאַנדער־טיילען און אָפּלייגען די ברכות אויפ׳ן באַרג גרזים און די קללות אויפ׳ן בארג עיבל.

איר דענקט, אַז אַנדערע זיינען שלעכט, פון וואַנען ווייסט איר דאָס? איר קענט קיינמאָל ניט אריינקוקען אין יענעמס נשמה, דע־ריבער טאָרט איר ניט טראַכטען וועגען אַנדערע קיין שלעכטס.

דר. י. ל. שניצער

ווי פיל גוטס איר טוט, איז נאָך אַלץ ווייניג, עס זיינען דאָ פילע אין אייער שטאַנד, וואָס טוען מעהר ווי איר.

גליק האָט מעהר צו טאָן מיט אייערע געדאַנקען, ווי מיט די זאַכען וואָס פּאַסירען מיט אייך. וואָס עס איז אַ גליק פאַר איינעם, איז עס ניט פאַר דעם אַנדערען, אַלץ ווענדעט זיך מיט וועלכע אויגען מען קוקט דאַרויף. דעריבער איז דער בעסטער וועג זיך צוצופּאַסען צו די אומשטענדען אַנשטאָט זיך אויף זיי צו באַקלאָגען.

די וועלט ווערט געפירט און קאָנטראָלירט פון אַ מעכטיגער קראַפט און ווילען, וואָס איז גרעסער פון אייך. דעריבער זוכט ניט קיין קריטיק אויף דער פירונג. אַ מוראַשקע קען ניט פאַררייסען די אויגען אַרויף און זוכען קריטיק אויף דער „עמפּייער־סטייט־בילדינג" און זאָגען אַז לויט איר באַגריף איז עס ניט ריכטיג געבויט.

מען קען די נאַטור ניט אָפּנאַרען און אויך ניט אויסמיידען אירע געזעצען. דעריבער איז געזונטער אויסצוגעפינען וואָס די געזעצען פון דער נאַטור זיינען און לעבען אין איינקלאַנג מיט זיי.

אויב איר ווייסט וואָס ליבע איז, דאַרפט איר אויך וויסען וואָס רעכט און אונרעכט איז. דעריבער איז די בעסטע לאָגישע זאַך אין דער וועלט צו ליבען יעדען איינעם און ניט זוכען קיינע חסרונות אויף קיינעם.

פאַרדאַכט איז אַ קראַנקהייט, וואָס קומט פון קליינע נאַטורען. זוכט די זאַכען אויסצומיידען פון אייער אייגענער טובה וועגען.

איהר קענט צוגעוויינען אייער געשמאַק צו שלעכטע זאַכען אזוי גוט ווי צו גוטע זאַכען. איר קענט קאָנטראָלירען אייערע פאַרלאַנגען ווי איר ווילט. איר קענט האָבען מיליאָנען און שרייען, אַז עס איז אייך צו ווייניג, איר קענט מאַכען בלויז אַ לעבען און זיך פילען גליקליך. דעריבער געווינט זיך צו קאָנטראָלירען אייערע פאַרלאַנגען, ניט זיי זאָלען אייך קאָנטראָלירען.

דאָס לעבען איז קורץ און איר אליין זייט דער אַרכיטעקט פון אייער לעבען, איר קענט מאַכען פון אים אַ פינסטערען חדר, אָן פענסטער, אָן ליכט און אָן לופט, אַז קיין לעבעדיגער מענש זאָל צו אייך

ניט וועלען אריינקומען און ווער עס וועט פארבייגעהן זאָל שפּייען דאַרויף. איר קענט אָבער אויך מאַכען פון אייער לעבען אַ פּראַכט־פולען טעמפּעל פון ליבע און באגייסטערונג, אַז ווער עס וועט פאר־בייגעהן, זאָל אויסרופען: „געבענשט זאָלען זיין די הענט וואָס האָבען אַזאַ בנין אויפגעבויט״!

קורץ, ברכות און קללות, גוטס און שלעכטס, כאָטשביידע — סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע — געפינען זיך אויף דער ערד, אָבער איר זייט די בעלי בתים צו מאַכען פון זיך דענקענדע מענשען, ערליכע מענשען און ליבליכע מענשען.

מעגליך אז ביים לעבען וועט איר די ברכה און די קללה, דעם שכר און דעם עונש ניט אזוי שטאַרק פיהלען, אָבער „אחרי דרך מבוא השמש״, נאָך דעם „מבוא השמש״, נאָך זונען־אונטערגאנג, נאָך אייער אוועקגעהן פון דער וועלט, וועלען אייערע קינדער פיהלען דעם תערובות׳דיגען טענצעל, וואָס איר האָט געטאַנצט אויף ביידע בערג.

סאַרטירט אייערע פעקלעך, קוקט פונאַנדער, לייגט אָפּ דאָס גוטע אויפ׳ן בארג גרזים און דאָס שלעכטע אויפ׳ן באַרג עיבל, מאַכט ניט פון אייער אידישקייט קיין קאָרעטע, וואו עס איז צונויפגעמישט הצלחה און אסימיליאַציע, ברכה און פרעמדקייט, אמת און שקר, רב און ראבאי, סמיכה און דיפלאָמע, חזן און כאָריסט, שוהל און טעמפּעל, און נאָך אַזעלכע גרזים און עיבל פּראָדוקטען!

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער איז גראד אַ פאַרמעגלעכער מאַן זוכט ער דערביי אַביסעל כבוד אויך, און גיט אַ סך צדקה, געוויינטליך. האָט אָבער דער רב פון זיין שוהל געהאַלטען לעצטען שבת אַ פייערדיגע דרשה און געמאַכט אַש און בלאָטע פון די כבוד־זוכער, ער האָט ציטירט די ווערטער פון דער גמרא: „הקנאה והתאוה מוציאין את האדם מן העולם״,

דר. י. ל. שניצער

אַז קנאה, תאוה און כבוד ברייִנגען אונטער דעם מענשען פון דער יועלט. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דער דרשה ווי אויף הייסע קוילען און האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער מעהר קיין צדקה ניט געבען און קיין כבוד ניט זוכען. און ער וויל וויסען אויב דער רב האָט געדאַרפט אַזאַ דרשה האַלטען.

אייער רב איז אַ שוטה — האָב איך אים געענטפערט — און אונ־זערע חכמים זאָגען: „אין מביאין ראיה מן הקטן ומן השוטים״, פון נאַרישע קליינע מענשעלעך נעמט מען קיין ראיה ניט. און דערביי האָט איך אים דערציילט די מעשה מיט יענע צוויי בעלי בתים:

אין אַ שטאָט האָבען געלעבט צוויי בעלי בתים, וואָס האָבען דאָר־טען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.ביידען פלעגט מען אַ סך כבוד אָפּגע־בען, ביידע זיינען געזעסען אויבען־אָן אין שוהל און ביידען פלעגט מען די שעהנסטע עליות איינטיילען. איינעם פלעגט מען אָפּגעבען כבוד, ווייל ער איז געווען אַ איד אַ למדן, אַ גרויסער בעל צדקה און אַ בעל מדות טובות, דעם צווייטען פלעגט מען אָפּגעבען כבוד אויס מורא, ווייל אויסער וואָס ער איז געווען אַ פּראָצענטניק און די גאַנצע שטאָט איז געלעגען פאר׳משכונ׳ט ביי אים, איז ער נאָך געווען דערצו אַ מסור אויך, אויף וועמען ער האָט געהאַט אַ האַרץ, פלעגט ער פאר׳־מסר׳ן צו דער פּאָליציי.

אין אַ צייט ארום, זיינען די ביידע בעלי בתים געשטאָרבען. איינער האָט איבערגעלאָזען אַ זוהן און דער צווייטער אַ טאָכטער, האָט זיך געפונען אַ שדכן וואָס האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט געווען אַ גלייכער שדוך, ווען די קינדער פון די צוויי פארשטאָרבענע בעלי בתים זאָלען חתונה האָבען. איז ער אַוועק צו דער אלמנה פון דער מסור און האָט איר דעם פּלאַן פאָרגעלייגט, האָט זי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און אים געהייסען געהן אויספירען דעם שידוך. ווען ער איז אָבער געקומען צו דער אלמנה פון דעם בעל צדקה און האָט איר דעם שידוך פאָרגעלייגט האָט זי גאָרניט געוואָלט הערען דער־פון.

מענש און תורה

„סטייטש, פאַרוואָס זאָלט איר ניט וועלען? — האָט דער שדכן גענומען צו איר טענה'ן — שטעלט זיך פאָר ווי שיין דאָס וואָלט גע־וועז, אַז די קינדער פון אַזעלכע צוויי נכבדים, די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָט, זאָלען זיך פאַראייניגען".

„שוטה! — האָט די אלמנה צו אים אַ זאָג געטאָן, — ווי קענט איר פאַרגלייכען דעם כבוד פון יענעם מסור צו דעם כבוד פון מיין מאַן? וואָס מעהר כבוד מיין מאַן האָט באַקומען, איז אַלץ געוועזן מעהר באַווייז אויף זיין גוטסקייט און אָרענטליכקייט; אָבער וואָס מעהר כבוד מען האָט יענעם געגעבען, איז אלץ געוועזן מעהר באַ־ווייז פון זיין רשעות און מסירות".

איר פאַרשטייט, מיין פריינט? עס איז דאָ צווייערליי כבוד: אַ כבוד פון מורא און אַ כבוד פון ליבע. דעם כבוד פון מורא, האָבען טאַקע אונזערע חכמים פארדאַמט, אָבער דעם כבוד פון ליבע האָבען זיי רעספעקטירט. „רבי מכבד עשירים", רבי פלעגט רעספעקטירען און געבען כבוד רייכע לייט צוליעב זייער צדקה.

כי תצא

„כי יהיה לאיש בן סורר ומורה", ווען איינער האָט אַ שלעכטען זוהן, „איננו שומע בקול אביו ובקול אמו", ער הערט ניט דעם טאַטען, און הערט ניט די מאַמען, „ויסרו אותו ולא ישמע אליהם", ביידע שטראָפען אים, אָבער ער הערט זיך צו זיי ניט צו, „ותפשו בו אביו ואמו והוציאו אותו אל זקני עירו", דאַרפען טאַטע־מאַמע אים אָנכאַפּען און ברייגגען אים צום בית דין אַז זיי זאָלען אים משפּט'ן. זאָגט אויף דעם די גמרא: ווען הייסט איינער אַ בן סורר ומורה? ווען די על־טערען זיינען געזונטע און נאָרמאַלע מענשען און ביידע האָבען גליי־כע שטימען — „קולם שוים". ווען אָבער טאַטע מאַמע זיינען טויב, בלינד און שטום אָדער ביי זיי זיינען ניטאָ קיין גלייכע שטימען, הייסט דער זוהן ניט קיין בן סורר ומורה.

פרעגט זיך אַ פראַגע: מילא, טויבע עלטערען — קען זיך טרעפען. אָבער ווי קען געמאָלט זיין אַז טאַטע מאַמע זאָלען האָבען צוויי גלייכע שטימען? אַ מאַנסבילשער קול איז אַנדערש און אַ פרויען קול איז ווידער אַנדערש? נאָר דער תירוץ איז: אונזערע חכמים האָבען איינגעזעהן, אַז גוטע און שלעכטע קינדער ווענדען זיך ביין און ניינציג פּראָצענט אָן די עלטערען און אין וואָס פאַר אַן ערציהונג מען גיט זיי. לעבען טאַטע־מאַמע בשלום, ביידע שטימען איין און גיבען די ריכטיגע השגחה אויף זייערע קינדער, און דאָך געהט איינער ארויס לתרבות רעה און ווערט אַ שאַרלאַטאַן, אַ הולטיי און אַ גענגסטער — אָט דער איז אַ ריכטיגער בן סורר ומורה, אים מוזען די עלטערען ברייגגען צום בית דין. אָבער ווען טאַטע־מאַמע זיינען בלינד און קוקען זיך אויף זייער זוהן ניט אום, זיינען שטום און רעדען אים קיין עוולה ניט אויס, זיינען טויב און הערען זיך ניט איין וואָס מענשען

מענש און תורה

דערציילען זיי וועגן זייער תכשיט׳ס מעשים און דערצו נאָך „אין קולם שוים״, מען הרג׳עט זיך אַרום דאָס גאַנצע לעבען. ער ציהט אַהער, און זי ציהט אַהין — ביי אַזעלכע עלטערען איז דער זוהן ניט קיין בן סורר ומורה, וויל עס איז, נעביך, ניט זיין שולד. מען האָט אים קיין ריכטיגע דערציהונג ניט געגעבען.

און נאָך אַ אורזאכע איז: וואָס מאַנכע מאַמעס וויזען ארויס צופיעל ליבע צו זייערע קינדער, „ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן״, פון צופיל רחמנות וואָס די מאַמעס האָבען, קאָכען זיי אָפּ, און הרג׳ענען זייערע קינדער. אַמאָל האָט מען אין „גיא בן הינום״ אויפגעשטעלט אַן אָפּגאָט, און מען האָט געדינט צו אים דערמיט וואָס מען האָט פאר אים מקריב געווען קינדער. היינט איז די גאַנצע לופט פול מיט אַזעלכע געטער און די קרבנות זיינען אויך די זעלבע. טאַטע מאַמע זיינען מקריב זייערע קינדער צו די פאָלגענדע געטער: „מאמאן (דער גאָט פון גאָלד) „פעשאָן״ (דער גאָט פון מאָדע) און „פלעזשור״ (דער גאָט פון פארגעניגען).

אַמאָל פלעגען קינדער זעהן אין זייערע עלטערען מענשען מיט הערצער, מענשען וועלכע פלעגען זיך מוסר נפש זיין פאר אַ אידעאל, פאר אַ פרינציפּ, פאר תורה, פאר בילדונג, פאר צדקה און גוטע מעשים. היינט זעהען די קינדער פאר זיך מעטאַלענע פיגורען, אויטאָמאַטישע מאַשינען, וועלכע דרייען זיך אַרום די דריי געטער. ביי מאַנכע קומט עס ארויס גרעבער און געמיינער און ביי מאַנכע איידעלער און שעהנער, אָבער דער אינהאַלט איז איינער און דער זעלבער.

אין דער אַלטער היים פלעגען טאַטע־מאַמע דערציהען זייערע קינדער לויט אונזער גרויסען לעהרער׳ס פאָרשריפט: „כי יקרא קן צפור לפניך״, אַז עס וועט זיך דיר טרעפען אַ נעסט פון יונגע פויגעלעך, „לא תקח האם על הבנים״. טאַטע! נעהם ניט אויף די מוטער אַלס גייסטיגע פיהרערין פון דיינע קינדער. „שלח תשלח את האם״, שיק אַוועק די מוטער צו איהרע פליכטען, „ואת הבנים תקח לך״, און די קינדער נעהם אונטער דיין השגחה, און אזוי איז

דר. י. ל. שניצער

געווען. דער טאַטע פלעגט אַכטונג געבען אויף דעם קינד'ס גייסט, קריגען פאר אים אַ גוטען מלמד, אַ גוטען לעהרער, פארהערען איהם אַלע שבת, און זען אַז ער זאָל אויסוואַקסען אַ מענש צו גאָט און צו לייט, און די מאַמע ווידער פלעגט זאָרגען פאר'ן קינד'ס קערפּער, ער זאָל זיין זאַט, און וואַרעם אָנגעטאָן. דאָ אָבער, אין אַמעריקא, האָבען טאַטע־מאַמע פארביטען די יוצרות. דער טאַטע זאָרגט פאר'ן קערפּער און די מאַמע פאר די נשמה. דער טאַטע האָט אַ שאָפּ, אַ געשעפט, אַ פאַבריק, אָדער אַ פּיניקעל אויפ'ן קאָפּ, און האָט קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבען מיט אַזעלכע קלייניגקייטען ווי קינדער דערציהונג. דעם אַרטיקעל לאָזט ער איבער צו די ווייב, זאָל זי זוכען פאר'ן קינד אַ מלמד, אָדער אַ תלמוד־תורה, און אויב ניט, איז רעכט אָן דעם אויך.

נאָך אַזאַ מיט דערציהונג קענען מיר זיך שוין אליין פאָרשטעלען וואָס פאר אַ דור חולאים מיר דערציהען, און וואָס פאר אַ פּנים זיי וועלן האָבען אין פופצען אָדער צוואַנציג יאָר ארום.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענעם קרוב:

אַמאָל איז געווען אַן אָרעמאַן, וואָס פלעגט ארומפאָהרען איבער דער מדינה קלייבען נדבות. אין איין שטאָט האָט ער געהאַט אַ סך באַקאַנטע און קרובים, וועלכע פלעגען אים שטיצען צוליב זיין גרויס יחוס, ווייל זיי האָבען געקענט זיינע עלטערען פאר לומדים און מופלגי תורה.

דאַרף זיך מאַכען, אַז דער אָרעמאַן איז קראַנק געוואָרען אין מיטען וועג, האָט ער זיך גענומען איילען מיט אַלע זיינע כוחות וואָס שנע־לער אָנצוקומען אין יענער שטאָט וואו עס האָבען געוואוינט זיינע באַקאַנטע און קרובים, ווייל ער איז געווען זיכער אַז זיי וועלען אים אויסהאַלטען ביז ער וועט געזונט ווערען. אָבער אַז ער איז אָנגעקומען אין יענער שטאָט, האָבען אים די קרובים און די באַקאַנטע זיינע אין הויז ניט אריינגעלאָזען, ווייל דורך זיין קראַנקהייט איז ער אזוי פאַרענדערט געוואָרען, אַז עס איז אים ניט געווען צו דערקענען. געוויינטליך האָבען זיי זיך אויך אַנטזאָגט אים צו העלפען און צו שטי־צען. איז דער אָרימאַן נעביך, אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און

מענש און תורה

האָט געוויינט און געקלאָגט: „וועה איז מיר! קיינער וויל מיך ניט דערקענען״!

אָט אַזוי איז דאָ אויך דאָס זעלבע, אזוי לאַנג ווי מיר אידען האָבען זיך געהאַלטען ביי אונזערע שיינע זיטען און ביי דער לערע פון אונזערע עלטערען, האָבען מיר זיך איינע די אַנדערע געקענט און געהאַלטען זיך ווי אייגענע, איין דור איז אָפּגעשטאָרבען, איז געקומען אַ נייער דור מיט שעהנערע מעלות און העכערע בילדונג. אָבער דאָ אין אַמעריקא האָבען אַ סך פון אונז פארגעסען די טייערע מדות פון אונזערע עלטערען און האָבען זיך אזוי פארענדערט אַז איין ברודער דערקענט ניט דעם אַנדערען.

כי תבא

ווען מען טראַכט זיך גוט אריין אין דער היינטיגער סדרה, זעהט מען ווי אונזער גרויסער פיהרער האָט פאָראויסגעזעהן די שרעקליכע אידישע טראַגעדיע פון די גלות־לענדער. ער גיט זיך אַ זאָג: „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועיניך רואות וכלות אליהם כל היום ואין לאל ידיך" — דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען אָװעקגעגעבען ווע־רען צו אַ פרעמדעס פאָלק; דיינע אויגען וועלען עס זעהן און דו וועסט גאָרנישט קענען מאַכען. יאָ, ווי ריכטיג זיינע ווערטער זיינען. זייט מיר האָבען אונזער לאַנד פארלוירען און וואַנדערען אַרום אין די גלות־לענדער, האָבען מיר אָװעקגעגעבען אונזערע בעסטע, פייהיגע קינדער צו פרעמדע פעלקער, מיט אונזערע בעסטע קרעפטען האָבען זיך אונ־זערע שונאים באַנוצט, און מיט וואָס זיינען מיר באַצאָהלט געוואָרען?

אונזערע אַמאָליגע גרויסע פילאָזאָפען, דיכטער און שרייבער האָ־בען געשריבען זייערע פילאָזאָפישע ווערק און דיכטונגען ניט אין דער העברייאישער שפראַך, נאָר אין פרעמדע שפראַכען. אונזערע גרויסע פאָליטישע עקאָנאָמיסטען און פינאַנסירען, האָבען ניט אונז געדינט, נאָר פרעמדע, פרעמדע פעלקער. אונזערע גרויסע מוזיקער, אונזערע מאירבערס, אָפענבאַכס, הלויס, מענדעלסאָנס און רובינשטיינס האָבען ניט געזונגען פאר אונז, נאָר „לעם אחר", פאר פרעמדע פעלקער, פאר פרעמדע נאַציאָנען.

אַ סך אידישע מוזיקער האָבען ווידער געשריבען „קירכען גע־זאַנג", צו באַשיינען יאָסקעס מזבח, אויף וועלכען עס איז אַ סך אידיש בלוט פאַרגאָסען געוואָרען.

און איצט האָט זיך די זעלבע עפידעמיע אַריינגעריסען אין אונזער איצטיגער מחנה און מאַכט אַ חורבן, אַ גייסטיגען חורבן ביי אונזער

יוגענט. מיט אייגענע הענט גיבען מיר איבער אונזערע קינדער צו פרעמדע פעלקער, פרעמדע לעהרער ערציהען זיי, פרעמדע שפּראַכען ווערען זייערע לשונות, פרעמדע לאַדזשעס, פרעמדע סאָסייטיס — זייער סביבה, ווערענד זייער אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, די אייגענע געשיכטע, די אייגענע קולטור לערענט מען זיי ניט.

יאָ, עס וואַקסט אויס אַ שיינער דור, אַן אינטעליגענטער דור, אָבער אַ פרעמדער, אַ ווייטער פון אונז און פון אונזער אידיש לעבען, „ועיניך רואות" — טאַטע מאַמע קוקען עס צו און שווייגען. די אַלטע שרעק־ליכע קללה, די אַלטע שרעקליכע תוכחה.

**
*

והיית משוגע ממראה עיניך אשר תראה.

דו ווערסט משוגע ווערען פון דער זעאונג פון דיינע אויגען, וואָס דו ווערסט זעהן. עס וועט זיך דיר גלוסטען נאָכצומאַכען און נאָכצו־טאַנצען דעם לוקסוס. אָט די קללה האָבען מיר אויך איצט אין אונזער מאָדערנער צייט. אָרימעלייט, אביונים זוכען נאָכצוטאַנצען די רייכע, מען באָרגט און מען צאָהלט גרויסע פּראָצענטען, אַבי דעם לוקסוס מיט־צומאַכען.

**
*

ואָכלת פרי בטנך בשר בניך ובנתיך.

דו ווערסט עסען די פרוכט פון דיין בויך, דאָס פלייש פון דיינע זיהן און טעכטער. מען קאָן די קללה ניט נעמען אין בוכשטעבליכען זין, ווייל מיר אידען, אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען, זיינען ניט געווען קיין קאַניבאַלען און ווער רעדט נאָך עסען אייגענע קינדער? נאָר די באַדייטונג פון דער קללה איז — אַז עלטערען ווען דאַרפען אָנקומען צו זייערע קינדער, עסען דאָס שטיקעל פלייש, וואָס דער זוהן אָדער די טאָכטער וועלען זיי צוּוואַרפען, אַ שרעקליכע קללה, אַ געפערליכע קללה, וואָס אויף אַ סך עלטערען איז דאָס איצט מקוים געוואָרען.

**
*

דר. י. ל. שניצער

גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בתורה.

דו ווערסט האָבען אַזעלכע קראַנקהייטען און מכות וואָס זיינען ניט אויסגעשריבען אין דער תורה, מאָדערנע מכות, מאָדערנע קללות, וואָס די וועלט מלחמה האָט אונז געבראַכט, די גע־פע־או אין רוסלאַנד, די היטלעריסטען אין דייטשלאַנד, פאַדהער קאָגלין און דעם קריסטליכען פראָנט אין אַמעריקא, די שטילע דיסקרימינאַציע אין געשעפטען און אין קאַלעדזשעס דאָ אין לאַנד און נאָך אַזעלכע מכות, יסורים און קללות אשר לא כתובים בתורה, וואָס מען קאָן עס מיט קיין פעדער ניט אויסשרייבען.

לענדער האָבען זיך געביטען, גרענעצען האָבען זיך איבערגערוקט, אַ נייע וועלט איז אויפגעשטאַנען, נייע מענשען, נייע מלוכות, ניי אומ־שטענדען, נייע באַגריפען, נייע הערשער, אָבער אויף אונז אידען איז אויסגעגאָסען די אַלטע קללה, די אַלטע תוכחה.

און דאָס איז אונזער אייגענע שולד. וועהרענד אונזערע שונאים שטייען געגען אונז אין געדיכטע מאַסען, שטאַרק אין צאָל און מעכטיג אין קרעפטען, זיינען מיר צעשפּליטערט אין פאַרטייען, צעריסען אויף טויזענטער קליינע חברה׳לאך, סאָסייטיס, מנינים׳לאך און קלייזלאַך. אַ סך, אַ סך גלידער האָבען זיך אינגאַנצען אָפּגעריסען פון אונז און זיינען אַוועק צום שונא אין לאַגער, און די, וועלכע זיינען נאָך כלומר׳שט פאַרבליבען, האַרמאָנירען אויך ניט צוזאַמען. זאָגט איינער טאָג, זאָגט דער צווייטער נאַכט, זאָגט איינער פייער, זאָגט דער צווייטער וואַסער. אחיה השילוני׳ס קללה רוהט איצט אויף אונז: „והכה ד׳ את ישראל כאשר ינוד הקנה במים" — גאָט וועט שלאָגען די אידען אַזוי ווי דאָס שטעקעלע, וואָס וואַקעלט זיך אין וואַסער. ווען אַ שטורם ווינט בלאָזט אויף אַ שטעקעלע און דראָהט איהם אויסצורייסען, ליידט ער ניט בלויז פון דעם ווינט אַליין, נאָך אויך פון דעם שכנות׳דיגען שטעקעלע, וואָס ווערט אויך פון ווינט געיאָגט און שלאָגט זיך אָן איהם אָפּ... יעדעס שטעקעלע ליידט טאָפּעלט פון ווינט און פון זיין שכן. אָט אַזוי זיינען מיר אידען, אַנדערע פעלקער, ווען זיי זעהען אַן אַלגעמיינעם שונא גע־גען זיך, באַזייטיגען זיי אַלע אינערליכע מיינונגס פאַרשידענהייטען

און אַלע פּאַרטיי־חשבונות. מיר אידען אָבער הויבען ערשט אָן צו פאַרשאַרפען די אינערליכע רייבונגען און סכסוכים.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענע פיער ברידער:

אַ פאָטער האָט געהאַט פיער זיהן, וועלכע האָבען זיך ניט גוט אויפגעפירט, איז דער פאָטער אין כעס געוואָרען און האָט זיי פאַרטריבען פון זיין טיש און פון זיין הויז, און די זיהן זיינען געצוואונגען געוועז צו זוכען פאר זיך אַן אָרט אין אַ פרעמד לאַנד צווישען פרעמדע מענשען.

יאָהרען לאַנג זיינען די קינדער געווען פאַרלאָזט פון זייער פאָטער. די פרעמדע, ווידער, האָבען זיי באַהאַנדעלט ווי שקלאַפען. טעג און נעכט האָבען זיי געמוזט אַרבייטען שווער און ביטער, און וואָס אַמאָל מעהר לאַסטען אויף זיי ארויפגעלייגט. עס איז געקומען דערצו, אַז מען האָט זיי שוין ניט פארגונען דאָס שטיקעל ברויט, וואָס זיי עסען און דאָס ביסעל לופט, וואָס זיי אָטעמען.

זיינען אַמאָל די ברידער זיך צוזאַמענגעקומען צו באַראַטען ווי אַזוי צו פאַרלייכטערען זייער פינסטערע און ביטערע לאַגע, האָט איין ברודער אַ זאָג געטאָן:

— ווי עס קוקט אויס, אינטערעסירט זיך שוין מעהר ניט דער טאַטע מיט אונז, איהם געהען גאָרניט אָן אונזערע צרות און אונזערע יסורים, וואָס מיר ליידען דאָ אין גלות, איז דעריבער דאַרפען מיר איהם אין גאַנצען פארלאָזען, איבעררייסען אפילו די דינע, שוואַכע פעדים, וואָס האַלטען אונז אָנגעבונדען אָן איהם, און פאַרטיג.

דער צווייטער ברודער, אַ מעהר היציגער און ענערגישער, האָט געזאָגט:

— מיר מוזען זעהן אָנצוואווענדען געוואַלד־מיטלען. לאָמיר נעמען העק און אייזענס אין אונזערע הענט און אויפברעכען די טירען און די פענסטער פונ׳ם טאַטענס הויז, אריינכאַפּען זיך דאָרטען איבערגע־וואַלד און פאַרנעמען דעם אַלטען פּלאַץ ביים טאַטענס טיש.

— ניין, ניין, ברידערלאַך — האָט אַ זאָג געטאָן דער דריטער ברודער — אייערע פּלענער געפעלען מיר ניט, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער טאַטע איז זעהר אַ גוטער, נאָר מיר האָבען אים זעהר דער־

דר. י. ל. שניצער

צאָרענט, איז דעריבער דאַרפען מיר האָבען געדולד און וואַרטען אין דער פרעמד, ביז ער וועט אונז צוריקרופען, נאָר פון צייט צו צייט דאַרפען מיר זיך ווענדען צו אים מיט בקשות, זיפצען פאר איהם, קרעכצען פאר אים, ביז ער וועט זיך אויף אונז מרחם זיין.

— ניין, ניין, ניין! — האָט דער פערטער ברודער אויסגערופען — מיט אַלע אייערע דריי פּלענער בין איך ניט איינפארשטאַנען. מיין פאָרשלאַג איז, אַז מיר זאָלען זיך משתדל זיין אריינצוקומען אין אונ־זער פאָטערס לאַנד, פון וועלכען מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען, און אזוי ווי דורך אונזער אַוועקגיין איז אַלץ חרוב און פארנאַכלעסיגט געוואָרען, זאָלען מיר מיט אלע קרעפטען זעהן די חורבות צוריק אויפבויען, די פעלדער צו פארזייען, די וועגען אויסצובעסערען און צוריקברייגען אין אָרדנונג די הינטערשטעליג־געבליבענע ווירט־שאַפט, און אַז דער טאַטע וועט זעהן, אַז זיינע קינדער זיינען איצט דורכגעדרונגען מיט אַ פעסטען ווילען אלץ ווידער גוט צו מאַכען, און באַמיהען זיך ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, זיך צוריק מקרב צו זיין צו אים, וועט ער אויסשטרעקען זיין האַנט און אונז צוריק נעמען צו זיין הויז און אונז געבען אַן אָרט ביי זיין טיש ווי פריהער.

אָט אַזעלכע ברידער געפינען זיך איצט אין אונזער מחנה. איינער שרייט: אַסימילאַציע וועט לייזען די אידען פראַגע. אַ צווייטער שלאָגט פאָר, אַז מיר זאָלען זיך מיט שטורם אריינרייסען אין אונזער אַלט פאָטער־לאַנד. אַ דריטער הייסט קרעכצען און זיפצען און בעטען דעם טאַטען: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב". דער פערטער הייסט צוגרייטען דאָס לאַנד אַן פאָלק פאר'ן פאָלק אַן לאַנד.

חנוכה

הנרות הללו קודש הם.

הייליג, הייליג זייט איר, חנוכה ליכטלאַך! אייערע פלאַמעלאַך דערציילען אונז אַ מעשה פון קאַמף און זיעג, ניט קיין פּאָליטישער קאַמף איז דאָס געווען, און אויך ניט קיין מלחמה פאר לאַנד־עראָבערונג דעם גוף זאַט צו מאַכען. ניין! עס איז געווען אַ קאַמף פאַר אידישע לעהרען, פאר אידישע אידעען, דעם אידישען גייסט אויפצוהאַלטען אין זיין גאַנצער הייליגקייט און ריינקייט.

דער זיג פון די אידען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון די חשמונאים, איז געווען אומפארמיידליך, ווייל זיי האָבען געהאַט פאר־וואָס צו קעמפען, ווייל זיי האָבען געהאַט פארוואָס זיך מקריב צו זיין. עס איז ניט געווען קיין קאַמף פון שווערד געגען שווערד, פון אימפעריע געגען אימפעריע, נאָר פון תורה געגען שווערד פון גייסט געגען פיזי־שער מאַכט. אידען האָבען תמיד געצייגט אַז זיי קענען מיט תורה און מיט גייסט באַזיגען די סאַמע מעכטיגסטע פון זייערע שונאים.

אפילו דאַמאָלס ווען אידען האָבען אליין ניט די מעגליכקייט צו קעמפען געגען זייערע שונאים ווּעלען די וואָס פאַרמעסטען זיך געגען זיי פאַלען און אונטערגעהן. וואָרום די געשיכטע האָט שוין באַוויזען, אַז די וואָס פארמעסטען זיך געגען אידען זיינען די סאַמע פינסטערסטע עלעמענטען, זיינען די שונאים ניט נאָר פון אידען נאָר פון אלץ וואָס איז הייליג און טייער ביים מענשען און דער סוף זייערער מוז זיין אונ־טערגאנג.

הנרות הללו קודש הם.

הייליג, הייליג זייט איר אויך, איר גרויסע אידישע ליכט, איר אידישע דענקער, פילאָזאָפען, ליטעראַטען, גאונים, טאַלאַנטען, קינסט־

דר. י. ל. שניצער

לער און פֿאַרשער! אָבער וואָס איז די פּעולה? „ואין לנו רשות להשתמש בהם״ — מיר האָבען ניט די פּריווילעגיע זיך צו באַנוצען מיט אייער גרויסקייט און מיט אייערע פֿייהיגקייטען. פֿרעמדע פֿעל־קער האָט איר רייך געמאַכט. איר האָט פֿאַרטיפֿט אידעען, פֿאַרשענערט און פֿאַראיידעלט אַלע שפּראַכען, געשלייפֿט אַלע סטילען, געגעבען פֿאַר פֿאַרלאַמענטען גאָט געבענשטע פֿירער, סענאַטאָרען, מיניסטאָרען און פּרעמיערען. מיר אָבער האָבען בלויז די זכיה „אלא לראותם בלבד״ — אָנצוקוקען זייערע בילדער אין די צייטונגען.

דעריבער טונקלען טאַקע אונזערע קליינע הייליגע ליכטלעך אין אונזערע ענגע, פֿינסטערע, פֿאַרצויגענע פֿענסטער — קוים, קוים וואָס זיי זשיפּען, ווייל די ריכטיגע ליכט צינדער, וועלכע וואָלטען יאָ גע־קענט אונזער מנורה אָנצינדען, זיינען אַוועק פֿון אונז. ווער דראַפּעט זיך איצט אויף די טרעפּ די מנורה אָנצוצינדען? — שור, בור ומפליא לעשות.

זאָגט טאַקע אויף דעם אונזער גמרא: „הדליקה חרש שוטה וקטן ולא עשה ולא כלום״, — אַז עס צינדען אָן די חנוכה ליכט אַזעלכע וואָס האָבען אויערען און הערען ניט; נאַראָנים, וועלכע קלאַפּען מיט „דזשודאַאיזם״ און וויסען ניט וואָס אידישקייט מיינט; קליינע מענשעלעך אין פּאָליטישע מייטקעס, — האָט זייער אָנצינדען קיין ווערטה ניט!

***

מיר צינדען אָן די חנוכה־ליכטעלאַך אַלס אָנדיינקונג פֿון דעם גרויסען נס וואָס איז אריין אין דעם „קריגעלע אויל״ — אָנשטאָט צו ברענען איין טאָג, האָט עס געברענט אַכט טעג. דעריבער צינדען מיר אָן אַכט חנוכה ליכטעלאַך.

און וואָסט הערט זיך עפּעס מיט אונזער גרויסען טריאומף? פֿאַרוואָס זאָלען די חנוכה ליכט ניט דינען אַלס אילומינאַציע פֿאַר דעם זיעג וואָס מיר האָבען געהאַט איבער די גריכען? דער תירוץ איז: אַז אין דעם קריגעל אויל ליגט אויך דער סימבאָל פֿון אונזער גרויסען

מענש און תורה

טריאומף. כדי דאָס צו פארשטיין וועל איך ציטירען אַ פּאָר פערזען פון אונזער דיכטער ש. פרוג:

טיף אין האַרצען ליגט פאַרבאָרגען
אַ הייסער פונק, איך פיל עס קוים,
גליהען גליהט ער נאַכט און מאָרגען
און ער פינקעלט מיר אויך אין טרוים.

אַ פייער איז אַמאָל געווען
אַט דער קליינער פונק ביי מיר.
איך האָב געפיהלט איהם און געזעהן
ווי ער פלאַמט גאָר אָן אַ שיער.

נאָר די צייט האָט אויסגעבלאָזען
יענעם פייער פון אַמאָל,
און האָט מיר נאָר איין פונק געלאָזען
וועלכער שטענדיג ברענען זאָל.

יעדער איד האָט אַמאָל אומגעטראָגען אַ מנורה, אַ פלאַקערדיגע מנורה ביי זיך אין האַרצען, נאָר די צייט, די אומשטענדען האָבען די מנורה פאַרלאָשען, אין גאַנצען פאַרלאָשען. אָבער — ניין! ערגעץ אין אַ ווינקעל ליגט באַהאַלטען אַ פונק, אַ נר תמיד, וועלכער האַלט שטענדיג אין איין ברענען.

ווען יהודה המכבי האָט דערזעהן ווי די גריכען ערנידעריגען זיינע ברידער, זוכען אלערליי תחבולות „להשכיחם תורתך", אַז דער איד זאָל פאַרגעסען זיין אָפּשטאַמונג און זיין לעהרע, „ולהרחיקם מחוקי רצונך", און ער זאָל אָוועקוואַרפען זיין קולטור, זיין גלויבען, זיינע דינים, זיינע מנהגים, און דער איד ליגט איינגעבויגען צו דער ערד, ליידעט, שווייגט און רעדט קיין וואָרט ניט. האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: איז דאָס מעגליך, אַז דער לעצטער פונק פון דער אידישער מנורה איז שוין

אויך אויסגעלאָשען געוואָרען? האָט ער גענומען זוכען, פאָרשען, מונטערען, רעדען, וועקען און האָט געפונען אַ קליין קריגעלע אויל באַהאַלטען אין אַ ווינקעלע. קוים, קוים וואָס דאָס האָט געזשיפּעט. אָט צו דעם פונק האָט ער זיך אַ נעהם געטאָן מיט אַלע זיינע קרעפטען, צובלאָזען אים, צוגליט אים און אָנגעצונדען מיט אים צוריק ישראל׳ס מנורה.

אידען האָבען געקעמפט פאר זייער תורה, פאר זייער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט און פאר דער פרייהייט פון זייער לאַנד. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די העלעניסטישע קולטור איז געווען דאַמאַלס די הערשענדיגע און האָט פארבלענדעט די אויגען פון פעלקער און לענדער, געווינענדיג אויך די הערצער פון אַ סך אידען — די אידען מיט די זעלביגע אסימילאַטאָרישע טענדענצען וואָס זיינען אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות להוט זיך צו בויגען פאר די שטאַרקע און די הערשענדיגע, באַזונדער די וואָס אַפּעלירען מעהר צו זייערע גשמיות׳דיגע אַנשטאַט זייערע רוחניות׳דיגע פאַרלאַנגען, — זיינען אָבער די אידען, וואָס זיינען שטענדיג גרייט זיך מקריב צו זיין פאר זייער גלויבען און פאָלק, ארויס אין קאַמף און געזיגט.

חנוכה איז דער יום טוב ווען אידען האָבען מנצח געווען זייערע ביטערסטע שונאים אין דער ווייטער פארגאַנגענהייט און ער איז דער יום טוב וואָס זאָגט אָן, אַז זייערע שונאים פון היינט וועלען אויך באַזיגט ווערען. וואָרום כל זמן אידען האָבען אַ תורה און אַ ריכט־ליניע זיינען זיי אומבאַזיגבאַר.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אַמאָליגע צייטען זיינען אויף דער אידישער בימה ניט געווען אזוי פיעל רבנים, מגידים, מוסר־זאָגער און רעדנערס, און דאָך איז דאָס אידישע וועלטעל געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידישער תורה, מיט אידישער מאָראל און מיט אידישער עטיק. אַפילו אונזערע משכילים זיינען אויך געווען צוגעבונדען צו אַלע הייליגע טראַדיציעס פון אידישען

מענש און תורה

פאַלקס לעבען. איצט איז די אידישע בימה פארפלייצט מיט „רבבה כצמח השדה" — גייסטיגע פיהרער ווי גראָז אויפ'ן פעלד, און מען רעדט, מען „ספיטשט", מען „סוירמאַנט", מען דרשנ'ט און מען מוסר'ט, און דער „דזשודאאיזם" סמאַליעט זיך, סמאַליעט זיך, קוים, קוים וואָס עס זשיפעט. פאַרוואָס איז דאָס אזוי ?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם אידעם :

אַ רייכער מאַן האָט גענומען אַן אידעם אַ צאַצקע. ער איז געווען זעהר אַ גרויסער למדן און אַ זעלטענער ירא שמים, ער האָט אים צוגע־זאָגט צו געבען אייביגע קעסט אַבי ער זאָל נאָר זיצען און לערנען, און אַזוי איז עס געווען. דער אידעם איז געזעסען טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, ער איז בעהאַוועוועגט געוואָרען אין ש"ס און אין פוסקים, דערצו איז ער נאָך געווען זעהר אַ גוטער רעדנער, זיינע דרשות און זיין מוסר זאָגען האָט געמאַכט אַ רושם אין דעם גאַנצען געגענד אַרום.

דאַרף זיך טרעפען אַז זיין שווער דער עושר האָט זיין גאַנץ פאַר־מעגען פארלוירען און איז געבליבען אַן אָרימאַן אַן אביון. האָט דער אידעם באַשלאָסען זיך אוועקצולאָזען איבער דער מדינה דרש'נען און פאר איינס אויך אויפצוזוכען זיינעם אַ פעטער וועלכער וואוינט ערגעץ וואו אין אַ שטעטעל און איז זעהר רייך, נאָר ער האָט דעם נאָמען פון שטעטעל פארגעסען.

ווען ער איז געקומען צו פאָהרען אין דער שטאָט, איז אים אַנט־קעגען געקומען אַ איד, אים ארומגעכאַפּט און אַ זאָג געטאָן : „בערעל, וואָס מאַכסטו ? ווי קומסטו אַהער ? איך וויס אַז דו דערקענסט מיך ניט, איך אָבער האָב דיר גלייך דערקענט, דו קוקסט אויס ווי דיין פאָ־טער, מיין ברודער כאַצקעל אונז צו לאַנגע יאָהר" ! דער אידעם האָט זיך זעהר דערפרייט, דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט זיין רייכען פעטער אין האַנט אריין. און ווען ער האָט אים אין קורצען דער־ציילט צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער, האָט דער פעטער גענפענט זיין טייסטער און זיך צו אים אָפּגערופען : „דאָ האָסטו, מיין זוהן,

דר. י. ל. שניצער

טויזענט רובעל, אָבער בתנאי אַז דו זאָלסט גלייך צוריק אַהיים פאָרען. דו פאַרשטייסט ? עס פּאַסט ניט פאַר מיין כבוד אַז מיין פלימעניק דער גרויסער תלמיד חכם זאָל אַרומפאָהרען זאָגען דרשות".

דער איידעם האָט באַדאַנקט דעם פעטער פאַר זיין גוט האַרץ, און איז גלייך צוריק אַהיים געפאָהרען. ער האָט דערלאַנגט דעם שווער די טויזענט רובעל ער זאָל טאָן מסחר און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לערנען בהתמדה אזוי ווי פריהער. זיין שווער האָט די טויזענט רובעל אויך פארלוירען, איז דער איידעם געצוואונגען געווען ווידער צו פאָה־רען צו זיין פעטער אַז ער זאָל אים ארויסהעלפען. ווי ערשטוינט אָבער איז דער פלימעניק געוואָרען ווען דער פעטער האָט זיך שטאַרק פאַנאַנ־דערגעלאַכט און זיך צו אים אָפּגערופען: „דו זאָלסט וויסען זיין אַז איך בין גאַר קיינמאָל דיין פעטער ניט געווען, איך בין גאָר דער „יצר הרע". ווען דו ביזט דעם ערשטען מאָל געקומען דאָ אין שטעטעל האָב איך מורא געהאַט אַז דו וועסט מיט דיינע מוסר־דרשות קאַליע מאַכען מיינע מסחרים... האָב איך דיר געגעבען טויזענט רובעל אַז דו זאָלסט אַהיים פאָרען. איצט אָבער קענסטו קלאַפּען דיין מוסר וויפיל דו ווילסט, איך בין שוין דאָ אזוי איינגעוואָרצעלט געוואָרען אַז קיין מוסר אין דער וועלט וועט זיי שוין ניט העלפען. איצט האָב איך פאַר דיר קיין מורא ניט".

אַמאָליגע צייטען איז דער יצר הרע ניט געווען אַזוי איינגע־פונדעוועט ביי אונז. דעריבער האָבען די רבנים מיט זייער מוסר זאָגען געמאַכט אַ ווירקונג אויף אונז. איצט אָבער האָט זיך דער יצר הרע באַזעצט ביי אונז ווי ביי זיך אין דערהיים און הערט אַלעמען ווי דעם קאָטער.

חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט. בוימעלעך, גרעזעלעך און פלאַנצונגען! איר מאַכט אויך דורך איינמאָל אין יאָר דעם זעלבען חשבון הנפש, ווי דער איד. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס איר געפינט קיין ענדערונג ניט אין אייער עקזיסטענץ. דער זעלבער וואָרצעל, דער זעלבער שטאַם, די זעלבע קאָרע, די זעלבע בליהונג, די זעלבע בלעטער און די זעלבע פרוכט. דער איד אָבער געפינט אַ שנוי, אַן ענדערונג, אַ גרויסע ענדערונג אין זיין עקזיסטענץ פון יאָהר צו יאָהר. עס איז ניט דער זעלבער וואָרצעל, ניט דער זעלבער שטאַם, ניט די זעלבע קאָרע, ניט די זעלבע בליהונג, ניט די זעלבע בלעטער און ניט די זעלבע פרוכט. פון דור צו דור ווערען די בלעטער אַלץ מעהר פאַר־וויאַנעט און די פרוכט פאַרפוילט. שיטערער און שיטערער ווערען אונזערע רייהען, די יונגע פירות פאַלען אויף דער ערד, אין שטויב, אין שמוץ, און אין זומפּ פון גענגסטעריזם.

„כי האדם עץ השדה" — דער מענש און דער בוים זיינען איינס, האָט אונז דער אַלטער משה געזאָגט. איצט פרעגט זיך די פראַגע: ווען עס איז בעסער? צו דעם בוים מיט זיין קאָנסערוואַטיווי־טעט, אָדער דעם אידען מיט זיינע רעפאָרמען?

**
*

אונזערע אַנטיסעמיטען באַהויפּטען, אַז דער איד איז אַ פּראָסטער חי וקים. זיין קאָפּ איז נאָר ארייננגעטאָן אין האַנדעל, אין שווינדעל און אין באַטרוג. דעריבער האָט ער קיין באַגייסטערונג ניט פאַר דער שיינער נאַטור. אָבער דאָס איז אַ טעות, פון קינדווייז אָן האָט מען שוין געגומען איינוואָרצלען אין די הערצער פון דעם אידישען פאָלק ליבשאַפט צו בוימער און צו פלאַנצונגען.

דר. י. ל. שניצער

ווען אונזער משה האָט געגעבען דער „מרגלים עקספּעדיציע" אַן איבערבליק ווי אַזוי אויסצופאָרשען דאָס לאַנד, האָט ער אָנגעזאָגט: „וראיתם היש בה עץ אם אין" — און איר זאָלט נאָכזעהן צו עס געפינט זיך דאָרטען בוימער, אָדער ניט. און שפּעטער, ווען ער רעדט וועגען מלחמה, זאָגט ער אָן זיין פאָלק: „לא תשחית את עצה לנדוח עליו גרזן, כי ממנו תאכל, ואותו לא תכרות, כי האדם עץ השדה" — דו זאָלט קיין בוימער ניט אויסהאַקען, ווייל דו דאַרפסט עסען פון זייער פּרוכט, און דער מענש איז אויך געגליכען צו אַ בוים. וויפיל רחמנות, חכמה, און מענשליכקייט עס ליגט אין די ווערטער! מה דאַך אויף אַ בוים וואָס איז נאָר ענליך צו אַ מענשען, מוזטו מלחמה צייט רחמנות האָבען אויף אים, טאָ ווי ווייט מוזטו שוין דאַמאָלס שיצען דעם מענשען אליין?

און אפילו נאָך שפּעטער, אין די אמוראים׳ס צייטען, איז אויך ביי אונז הייליג און טייער געווען דאָס לעבען פון די בוימער. רב חנינא זאָגט, אַז זיין זוהן שיכחא איז געשטאָרבען יונגערהייט ווייל ער האָט אונטערגעהאַקט אַ פייגען בוים פאר זיין צייט.

אונזערע ימים־טובים, ווי דער חג הבכורים און דעם חג האָסיף, פלעגען מיר אויך באַצירען און באַפּוצען מיט פּרוכט און בוימער.

און ניט גראד אויף דעם בוימס לעבען אליין דאַרפסטו איד רחמנות האָבען, האָט משה אונז אָנגעזאָגט. דו טאָרסט אויך ניט פאַרדאַרבען דעם בוים פון זיין נאַטירליכען אויסזעהן, מיט צוזאַמענמישען צוויי באַזונדערע בוימער, אָדער צוויי באַזונדערע געוויקסע און זיי צוזאַמענזעצען אין איינעם. „לא תזרע כרמך כלאים", ווייל צוליב אָט דער „כאלים־טְהאָט" ווערט פאַרדאָרבען די שיינקייט פון דער נאַטור, דער בוים אָדער די פלאַנצונגען פאַרלירען זייער נאַטירליכקייט און זייער אָריגינאַליטעט.

אָט דער פאַרבאָט האָט טאַקע אָפּגעהיט דעם אידען אַ לאַנגע צייט אַוועקצושטיין פון געקינסטעלטע און נאָכגעמאַכטע זאַכען. ער איז ניט באַגייסטערט געוואָרען פון דער גריכישער סקולפּטורישער שיינהייט פון אַ ווענוס אָדער פון אַן אפראדיטא, ווייל ער איז דער־

צויגען געוואָרען צו שיצען און צו פאַרעהרען בלויז די אמת'ע נאַ־טירליכע שיינקייט.

אָבער ניט איצט, ניט איצט! וואַנדערענדיג פון איין לאַנד צום צווייטען האָט זיך אויף זיין גומען אַ סך זאַמד און שטויב צונויפגעקליבען און האָבען זיין געשמאַק פאַרדאָרבען, אַנשטאַט אַמאָליגער נאַטירליכער שיינקייט האָט ער איצט גענומען איינפירען געקינסטעלטע „כלאים־טהאַטען". כלאים אין הויז: ער זעצט צוזאַמען אַן „איריש־רויז" מיט אַ אידישען „צמח". כלאים אין שוהל — ער זעצט צוזאַמען „כאַצקעל דעם היימישען תהלים זאָגער" מיט אַ פּאַס־טוך פון סינסינעטי. כלאים אין חדר — ער זעצט צוזאַמען זיינע יונגע בוימעלעך מיט שטעכעדיגע דערנער, וועלכע ציהען זייער יניקה פון דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד. היינט קען מען זיך דאָך שוין פאָרשטעלען וועלכע קריפּעלס און וועלכע פאַרזעהענישען עס קומען ארויס פון אַזאַ מין אומגעלומפּערטע צוזאַמענזעצונג!

איצט האָט זיך רב ישראל גענומען אַרומזעהן אַז עס איז עפּעס ניט דער זעלבער יוגענט פון אַמאָל. ער רייסט זיך אָפּ ביסלעכווייז פון אים און אַנטלויפט אין פרעמדע גערטנער, אין פרעמדע פעלדער. וועמעס שולד איז דאָס, רב ישראל? דו אליין האָסט זיי געשטעלט אונטער דער השפּעה פון פרעמדע שפּראַכען, פרעמדע ליטעראַטור, פרעמדע קולטור, פרעמדע זיטען, פרעמדע ימים־טובים, פרעמדען גליק, פרעמדען צער און פרעמדע האָפנונג.

דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיט יענעם געפאַלענעם בעל הבית:

ביי אַ גרויסען עושר איז די צייט אַוועק זעהר שלעכט און ער איז אַן אָרעמאַן געוואָרען. די קרעדיטאָרען האָבען צוגענומען פון אים זיין הויז, זיין טייער מעבעל, זיין גאָלד און זיין זילבער און האָבען אים בלויז געלאָזען ביי זיינע קליידער, די קליידער זיינע האָבען זיי ניט געטשעפּעט. צווישען די קליידער זיינע האָט זיך געפונען אַ טייערער פוטער, וועלכער האָט אַמאָל זעהר פיעל געלד געקאָסט און דעם יורד, נעביך, איז דאָס איצט זעהר צונוץ געקומען. ערשטענס,

דר. י. ל. שניצער

אַז ער פלעגט געהן אין שוהל מיט דעם פעלץ אָנגעטאָן, פלעגט דער עולם האָבען אַביסעל דרך ארץ פאר אים. פאַרט אַמאָל אַ גרויסער עושר געווען! און צווייטענס, פלעגט ער אימער קריגען געבאָרגט אויף אים אַ פּאָר רובעל זיך אויסצודרייען אַביסעל. זומער פלעגט ער דעם פוטער פאר'משכונ'ען און ווינטער פלעגט ער אים ארויס־נעהמען. אַזוי פלעגט ער זיך פיהרען יאָר איין, יאָר אויס.

דאַרף זיך אָבער טרעפען אַז די צייט איז געוואָרען אזוי שלעכט, אַז ער האָט אויף ווינטער דעם פוטער ניט געקענט ארויסנעהמען. אָבער אַ איד לעבט דאָך מיט בטחון, האָט ער גערעכענט: דעם יאָר טאָקע ניט. דערפאר אָבער איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועט ער געוויס דעם פוטער ארויסנעהמען. אָבער עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און אין קול ואין עונה און קיין געלט האָט זיך אים אַלץ ניט געמאַכט.

דער מלוה, ווידער, זעהענדיג אַז עס זיינען שוין אַוועק אייניגע ווינטערס און מ'קומט דעם פוטער ניט אויסלייזען, האָט ער גערעכענט אַז דער אייגענטימער האָט זיך שוין געוויס מייאש געווען פון אים, האָט ער געשיקט נאָך אַ שניידער און באַשטעלט ביי אים דעם פוטער איבערצונייהען אויף זיין מאָס. ווען דער געפאַלענער עושר האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען לויפען צו זיינע פריינט און זיי גע־בעטען מיט הייסע בלוטיגע טרעהרען, אַז זיי זאָלען זעהן אויסצולייזען זיין פוטער.

„זאָג מיר נאָר — האָט איינער פון זיינע פריינט אים גע־פרעגט — עס איז שוין אייניגע יאָר זינט דיין פוטער ליגט ביי יענעם אין משכון און דו האָסט קיין געוואַלדען ניט געמאַכט, מה יום מיומים? וואָרום לייגסטו איצט אזוי איין די וועלט"?

„איך וועל אייך זאָגען — האָט דער יורד אים געענטפערט — אַזוי לאַנג ווי מיין פוטער איז נאָך געווען אַ גאַנצער און אויף מיין מאָס, האָב איך נאָך געהאַט האָפנונג אַז איך וועל אים נאָך אַמאָל אויסלייזען, איצט אָבער אַז דער מלוה געהט אים איבערמאַכען אויף זיין מאָס, קען איך שוין ניט האָפען מיין פוטער צוריק אויסצולייזען".

מענש און תורה ׳

דער אויבערשטער האָט אונז אַוועקגעגעבען אין משכון צו די פרעמדע פעלקער, מיר זאָלען זיין אזוי לאַנג אין גלות ביז ער וועט אונז אויסלייזען. כל זמן מיר אידען האָבען זיך נאָך געהאַלטען לויט אונזער אלטער טראַדיציע און געלעבט לויט אונזער אַלטען שניט, האָבען מיר נאָך געהאַט אַ האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערען אַמאָל. איצט אָבער, אַז מיר האָבען אָנגענומען פרעמדע זיטען, פרעמדע מנהגים און אַ פרעמדע קולטור און מען מאַכט איבער דעם פוטער גאָר פאר אַ פרעמדער מאָס, טאָ וואָס פאר אַ האָפנונג קענען מיר האָבען אויס־געלייזט צו ווערען ?

פרשה שקלים

מטבע של אש הוציא הקב״ה מתחת כסא הכבוד והראה למשה, ואמר כזה יתנו.

אַ פייערדיגע מטבע האָט דער אױבערשטער גענומען פון זיין כסא הכבוד און עס געוויזען צו משה׳ן און צו אים געזאָגט: „אָט אַזאַ מטבע זאָלען די אידען געבען״.

פרעגט זיך די פראגע: וואס הייסט ער האָט זיי געהייסען געבען אַזאַ מטבע? וואו זאָל דאָס מדבר־פאָלק נעמען אַזאַ מין מטבע?

נאָר דער תירוץ איז, אַז דער שקל, דער דאלאר, איז הייליג און וואָכעדיג, ריין און אומריין, ער מאַכט גליקליך און אומגליקליך, ער מאַכט פריינט און שונאים, ער ברייגגט רוהיגקייט און אומרוהיג־קייט, שלום און מחלוקות און נאָך אַזעלכע זאַכען.

פייער איז דער סימבאָל פון קדושה פון הייליגקייט, פון התלהבות און באַגייסטערונג. האָט דער אויבערשטער ארויסגענומען אַ הייליגע מטבע פון זיין כסא הכבוד און געזאָגט צו משה׳ן: „כזה יתנו״, אָט אַזאַ מטבע זאָלען זיי געבען, אַ ריינע, אַ הייליגע, אַ פייערדיגע און אַ באַגייסטערטע, ניט קיין וואָכעדיגע, קיין קאַלטע און אַן אומריינע.

ווען מיר לייענען די אידישע געשיכטע, געפינען מיר, אַז מיר אידען האָבען אוועקגעגעבען צו אונזערע שונאים מיליאָנען און מיל־יאָנען שקלים אין די לעצטע צוויי טויזענט יאָר, אלס „לא יחרץ״ געלט, זיי זאָלען אויף אונז קיין פּאָגראָמען ניט מאַכען. מיט די געל־טער וואָלטען מיר זיכער געקאָנט צוריק אויפבויען אונזער אַלטע היימאַט ארץ ישראל, אָדער ארויסנעמען די אידען פון די אַנטיסע־מיטישע לענדער און זיי באַזעצען דאָ אין אַמעריקא.

מענש און תורה

אָבער מיר האָבען עס ניט געטאָן. עס האָט אונז געקאָסט אַ סך, אַ סך שקלים, אָבער דער שקל איז פארברויכט געוואָרען ניט אויף קיין הייליגען צוועק, דער שקל איז געווען אַ קאַלטער און אַ וואַ־כעדיגער, עס האָט געפעלט אין אים די קדושה, דאָס פייער פון באַ־גייסטערונג.

מיליאָנען שקלים האָט אָפּגעקאָסט די דייטשע אידען אויפצו־האַלטען זייער רעפאָרמאַציע... זיי האָבען געזוכט זיך איינצוקוי־פען אין יחוס ביי זייערע שכנים אין די אויגען, און געגעבען שקלים רעכטס און לינקס אויף פרעמדע אינסטיטוציעס, אויף פרעמדע אָר־גאַניזאַציעס. איז געקומען היטלער, און זוכה נושא חן צו זיין אין די אויגען פונ׳ם דייטשען פאָלק, מאַכט ער פאָגראָמען און רויבט דעם אידענ׳ס האָב און גוטס און קאָרמעט מיט זייער פארמעגען דאָס דייטשע פאָלק.

ווייל דער שקל פון די דייטשע אידען איז ניט פארברויכט גע־וואָרען אויף אַ הייליגען צוועק, ער איז געווען אַ קאַלטער, אַ וואָכעדי־גער און אָן קדושה.

נייך, ישראל! אויב דו ווילסט, אַז דיינע פּאָר שקלים זאָלען ברייגען די ריכטיגע נוצען, איז „כזה יתנו״, אַט אַזאַ מטבע זאָלען זיי געבען, אַ פייערדיגע, אַ הייליגע, וואָס זאָל געהן אויף אַ הייליגען צוועק, אָבער ניט אויסצופיינען זיך און וואַרעמען דיין אייגענעם איך.

און דאָס קען זיין איז די מיינונג פון די יוצרות, וואָס מיר זאָגען שבת, פרשה שקלים:

„שקל אשא״, דעם שקל וועל איך אויפהויבען צו אַ הויכע מדרגה, און איהם געבען „בבית נכון״, צו אַ גייסטיגע הויז, צו אַ גייסטיגען צוועק. דאַן וועט דער שקל זיין „רם ונשא״, דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה. ווען אָבער מען הויבט ניט אויף דעם שקל אויף אַ גייסטיגען הייליגען צוועק, דאַן איז אין דעם שקל קיין מזל ברכה ניטאָ, מען קלייבט דעם שקל, קומט אָבער נאָכדעם דער טייוועל אין היטלער׳ס געשטאַלט און לייגט אַרויף אַ פּרייז פון אזוי פיעל און אזוי פיעל מיליאָנען מאַרק אויף די דייטשע אידען, און דאָס

איז איבערגעוואַלד געשאַפען געוואָרען. ווען אָבער דער שקל וואָלט אויפגעהויבען געוואָרען אויף „בבית נכון”, אויף צו בויען ארץ ישראל, וואָלטען די אָרימע אונגליקליכע פליכטלינגע פון דעם נייעם חורבן איבער אייראפא געהאַט איצט אַן אָרט וואו זיך אַהינצוטאָן.

און דאָס קען אויך זיין, האָבען אונזערע חכמים געמיינט, מיט דעם, וואָס זיי זאָגען: „גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן הרשע לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקלי המן” (דער אויבערשטער האָט געוואוסט, אַז המן וועט וועגען שקלים אין „גנזי המלך”, כדי אויסצוראָטען אַלע אידען פון אחשורוש'ס קעניגרייך, האָט דער אויבערשטער פאַרכאַפט פריהער און געהייסען די אידען געבען שקלים צום בית המקדש). אָט די הייליגע שקלים וועלען אַריבערוועגען המנ'ס שקלים און פון זיין אַנטיסעמיטישע מסירה וועט גאָרנישט ווערען.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ שקיא:

ווען מאמאָן, דער געלד־גאָט האָט געשפרייזט איבער וואָל סטריט, זיינען אַ סך אידען אונזערע, אַוועק וואוינען אין דער וועסט סייד, אין וואַשינגטאָן האַיטס, אין פאַרק עוועניו, אין ריווערסייד דראַיוו און אין נאָך אַזעלכע געהויבענע מקומות, און מען האָט גענומען באַהאַלטען די אידישע נאָז און גענומען פראָווען זייערע גאָטעס־דינסט אין די רעפאָרמירטע טעמפּלען.

ווען דער געזעלשאַפטליכער בנין האָט זיך אָבער אַביסעל אַ טרייסעל געטאָן און מיסטער „קריזיס” האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע אין זיינע הענט, זיינען אַפילו אייניגע פון זיי צוריק אַוועק אין די אַלטע שוהלען, אין די אַלטע בתי מדרשים און גענומען צוריק זינגען די אַלטע סקאַרבאָווע נגונים, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען נאָך דאָרטען געבליבען און מאַנקיזירען נאָך אונזערע שכנים מיט זייערע נאַרישע צערעמאָניעס. פרעגט זיך די פראגע: סטייטש, זיי זעהן דאָך ווי היטלער טאַשט און סאָרטירט די קאָרטען און שרייט

מענש און תורה

„לאהליך ישראל״, „יודע, גײ צוריק צו דײן געצעלט״, טאָ וואָס מאַכען זײ זיך נאַריש אָדער משוגע און טאַנצען דאָס אסימילאַנטען טענצעל?

אַלס ענטפער אויף זײן פראגע, האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם געפאַלענעם סוחר:

ר׳ בערעל, דער סוחר, איז געווען אַ איד אַ גביר און האָט געשפילט זעהר אַ שעהנע ראָליע אין זײן שטעטעל, האָט זיך אָבער דאָס רעדעל אַ דריי געטאָן און ער האָט פארלוירען זײן גאַנץ פארמעגען. ער האָט זיך געוואָרפען צו אַנדערע מסחרים, אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען, ביז עס איז אים אויסגעקומען צו געהן פשוט איבער די הייזער, אָדער ווערען אַ משרת ביי אַן אַנדערען, כדי צו האָבען ברויט פאר זײן ווייב און קינדער. אָבער אזוי ווי אין זײן שטעטעל האָט אים ניט געפּאַסט צו געהן דינען ביי יענעם אָדער טאָן עפּעס ענליכעס, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען איבער דער וועלט, ווייט אַוועק פון דער היים, און גענומען זוכען פרנסה.

ער איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט אין אויסלאַנד, און גענומען געהן איבער די גאַסען זוכען, אפשר וועט זיך אים מאַכען עפּעס וואָס צו פאַרדינען. ער געהט פארביי אַ וויין־הויז, זעהט ער ווי איינער, אַ שכור, טאַנצט אין מיטען גאַס, פּאַטשט מיט די הענט, שפּרינגט לעבעדיג און פרעהליך, און דער עולם, וואָס שטעהט אַרום אים, קוועלט פון נחת, און מען וואַרפט אים געלט פון אַלע זייטען. גיט זיך ר׳ בערעל אַ טראַכט:

דאָס איז אַפילו ניט אַזאַ שעהנע פרנסה, אָבער וואָס טהוט מען ניט אויס נויט?

הכלל, ער איז אַוועק אין אַן אַנדער גאַס, לעבן אַ וויין־הויז, און האָט אויך גענומען טאַנצען, שפּרינגען און זינגען אַזוי ווי יענער שכור. עס האָט זיך אַרום אים אַרומגעקליבען אַ היבשער עולם, מען האָט געלאַכט פון זיינע טענץ, אָבער מען האָט ניט געקאַרגט מיט קיין געלט, עס האָבען אָנגעהויבען צו פליהען ארום אים קופּערנע און זיל־

דר. י. ל. שניצער

בערנע מטבעות און ר׳ בערעל האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען אַביסעל פרעהליכער.

דאַרף גראד, מעשה שטן, אָנקומען אַ מאַן, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין זיין שטעטעל. ער קוקט אויפ׳ן טענצער און פרעגט זיך:

— זאָל עס מעגליך זיין? דער איד קוקט אויס ווי ר׳ בערעל דער נגיד, ר׳ בערעל דער למדן, ר׳ בערעל דער שעהנער איד! ווי קומט ער אַהער? נישט אַנדערש ווי ער איז, נעביך, משוגע געוואָרען!

איז דער איד צוגעקומען נעהנטער און האָט דעם טענצער אַ רוף געטאָן ביי זיין נאָמען. דער טענצער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און האָט געוואָלט אַנטלויפען. דער מאַן אָבער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אָפּגעפירט אָן אַ זייט און אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ר׳ בערעל, וואָס איז מיט אייך געשעהן? אין יענער גאַס דאָרטען האָב איך געזעהן ווי אַ שכור מאַכט זיך משוגע, טאַנצט און זינגט און דער עולם גיט אים אַביסעל קליינגעלד. אָבער ווי קומט עס צו אייך, ר׳ בערעל! איר, אַזאַ שעהנער בעל הבית געוועזן! ווי קומט צו אייך אַזאַ משוגעת?

— איך וועל אייך זאָגען — האָט ר׳ בערעל אים געענטפערט, — יענער איז משוגע פאר וואוילטאָג, און איך בין משוגע פאר נויט!

פרשה זכור

עס איז פאַראַן אַ קראַנקהייט, וועלכע רופט זיך אין דער מעדיצי־נישער וויסענשאַפט „אַמעניזיע״ (פאַרגעסענהייט), אַזאַ קראַנקער מענש פאַרגעסט זיין נאָמען, זיין היים און געדענקט אפילו ניט זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע.

די פּסיכאָלאָגען האָבען געשאַפען פאַרשידענע מעטאָדען און סיסטעמען, ווי אַזוי צו לערנען יונגע קינדער און אויך דערוואַקסע־נע מענשען ניט צו פאַרגעסען, ווייל אַ מענש קען ניט לעבען נאָר מיט דעם וואָס ער זעהט פאר זיינע אויגען, ער מוז האָבען זכרונות און ערינערונגען, אָהן דעם איז ער אַ קראַנקער מענש.

ניט נאָר איינצעלנע מענשען ליידען אויף דער געפערליכער קראַנקהייט, נאָר פעלקער, גאַנצע פעלקער ליידער אויף אַמעניזיע. זיי פארגעסען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען און די גרויסע געשעהענישען פון אַמאָל און לעבען נאָר מיט דעם היינט. דעריבער זיינען אַ סך פעלקער אונטערגעגאַנגען. זיי האָבען זיך אונטערגעוואָרפען קער־פערליך און אויך ארייגעזאַפּט אין זיך אַ פרעמדע קולטור. דער־מיט האָבען זיי זיך אַליין פאַראורטיילט צום גייסטיגען אונטערגאַנג.

אום צו פאַרהיטען די קראַנקהייט ביי אונז אידען, האָט אונזער גרויסער פּסיכאָלאָג־פיהרער משה אָנגעווענדעט פאַרשידענע מיטלען, אויסער וואָס ער האָט אין זיין מעדיצינישען בוך אַלע אידישע יום טובים אַלס זכרונות־טעג געמאַכט, האָט ער נאָך ביי יעדער געלע־גענהייט געשריען: זכור! זכור! זכור!

געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אויפ׳ן וועג, ווען דו ביזט אַרויס פון מצרים! געדענק, ברודערקע, און חבר זיך ניט מיט

דר. י. ל. שניצער

איהם! מחה תמחה", מעק אויס זיין נאָמען און זיין געדעכעניש! ווייך פון איהם אזוי ווי פון אַ פעסט!

ליידער אָבער זיינען נאָך פאַראַן צווישען אונז אַ סך אידען, וואָס האָבען פאַרגעסען דעם אַלטען „זכור", און ליידען אויף דער אַמעניזיע־קראַנקהייט. מאַנכע האָבען זיך אַסימילירט, מאַנכע בויגען זייערע רוקענס אונטער דער בייטש פון עמלק־היטלער. מאַנכע זוכען דורכ־אויס צו וואוינען אין עמלק'ס סביבה, נאָכטאַנצען איהם און פריינדלען זיך מיט איהם. זיי האָבען פאַרגעסען דעם פראָפעסאָר'ס אַנזאָג: „מלחמה לד' בעמלק מדור דור". צווישען איד און קריסט וועט אַן אייביגער קאַמף זיין. דיין חנפ'נען זיך צו איהם וועט גאָרניט העל־פען, פריהער אָדער שפּעטער, וועסטו פיהלען זיינע נעגעל. זכור ישראל! געדענק, ישראל! געדענק!

***

פרשה זכור.

פאַרוואָס האָט אונזער תורה געדאַרפט אונז אָנזאָגען: „זכור" און „זכור", געדענק און געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן ווען דו ביזט אַרויס פון מצרים. און טאָמער איז נאָך דאָס וויניג געווען, האָבען אונזערע חכמים געמאַכט אַ ספּעציעלען שבת פאַר פורים און אים אַ נאָמען געגעבען „פרשה זכור".

נאָר דער תירוץ איז, אַז אונזערע חכמים האָבען געוואוסט, אַז עמלק'ס גייסט איז זעהר שווער צו פאַרניכטען, ווייל עמלק געהט ניט אַרויס אויף אַן עפענטליכען קאַמף מיט זיין געגנער, נאָר ער פיהרט אַן אַ „גאָרילע־קריג". „ויזנב בך כל הנחשלים אחריך", ער גרייפט אַן די שוואַכע, די לייכטזיניגע, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענע פעסטע מיינונג. אָט די נחשלים נעמט עמלק צו פון אידישען גלויבען און פון אידישען פאָלק.

דעריבער האָט אונזער תורה אָנגעזאָגט, „מלחמה לד' בעמלק", די מלחמה מיט עמלק'ן איז אַ רעליגיעזע, אַ געטליכע, און זי דאַרף אָנ־געפיהרט ווערען מדור דור, פון דור צו דור. אום דאָס ניט צו פאַר־

מענש און תורה

געסען, האָבען אונזערע חכמים געמאַכט אַ ספּעציעלען שבת פאַר דעם און אים אַ נאָמען געגעבען „פּרשה זכור״.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אין דער תורה שטעהט: אַז נאָך דער מלחמה מיט עמלק׳ן זאָגט גאָט צו משה׳ן: „כתוב זאת זכרון בספר ושים באָזני יהושע כי מחה אמחה את זכר עמלק״, שרייב אריין די גאַנצע מלחמה געשיכטע אין אַ ספר תורה, און זאָג יהושע׳ן אַ סוד אין אויער, אַז איך וועל אָפּמעקען עמלק׳ס נאָמען פון דער וועלט.

פרעגט זיך די פראגע: פאַרוואָס האָט עפּעס גאָט געהייסען יהושע׳ן אַ סוד אריינזאָגען אין אויער? פאַרוואָס האָט דאָס גאַנצע פאָלק דאָס ניט געטאָרט הערען?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם מלמד:

אין אַ שטעטעל איז געווען אַ מלמד, זעהר אַ גרויסער שוטה, דערצו נאָך אַ געפעהרליכער אכזר, זיין גרעסטער פאַרגעניגען איז געווען צו שמייסען זיינע תלמידים. מיט׳ן קאַנטשיק אין האַנט פלעגט ער אומגעהן פון אינגעל צו אינגעל און קאַטעווען זיי פאַר יעדער קלייניגקייט.

מורא האָבענדיג, אַז די עלטערען פון די קינדער זאָלען זיך דער־פון ניט דערוויסען, האָט ער די אינגלעך אריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, אַז פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגען; קוים זאָגט איינער אויס וואָס אין חדר טהוט זיך, אַזוי וועט מען אים אויף יענער וועלט שמייסען, ניט מיט קיין קאַנטשיק, נאָר מיט אייזערנע ריטער.

האָבען נעבאָך די קינדערלאַך געליטען און געשוויגען און מורא געהאַט צו דערציילען זייערע עלטערען פון דעם רבינ׳ס געפעהרליכע אכזריות.

דאַרף זיך טרעפען, אַז אַ רייכער מאַן האָט אריינגעגעבען זיין בן־זקונים ביי דעם מלמד אין חדר. זעהר אַ וואוילער אינגעל איז זיין

דר. י. ל. שניצער

ישראל׳יקעל געווען, נאָר אַביסעל אַ שטיפער און קאַפּריזנער, אזוי ווי אַ מוזיניק. איז גראד דער בעל הבית פארבייגעגאנגען דעם חדר, הערט ער ווי זיין בן זקונים שרייט מיט געפעהרליכע קולות. ער געהט אריין אין חדר, איז אים פינסטער געוואָרען אין די אויגען. ער זעהט ווי דער מלמד שמייסט און קאַטעוועט זיין אינגעל אָהן רחמנות, איז ער צוגעלאָפען צום מלמד, אָנגעכאַפּט זיינע הענט און אויסגעשריען:

„שוין גענוג רבי, שוין גענוג! מיין ישראל׳קע האָט שוין זיין ריכטיגע שטראָף באַקומען. דער קאַנטשיק וועט אים שוין אַביסעל אויסמענשלען״!

פאר׳ן אַוועקגעהן אָבער האָט דער בעל הבית אַוועקגערופען דעם מלמד׳ס ווייב אָן אַ זייט און צו איר געזאָגט:

„אין דער געגענוואָרט פון מיין מיזיניק און פון די איבעריגע קינדער וויל איך ניט רעדען, אָבער אייך קען איך זאָגען, אַז אייער מאַן איז גאָר קיין מענש ניט, דאָס איז אַ ווילדע בריאה אָהן אַ האַרץ און אָהן שום מענשליכע געפיהלען. אַזאַ אכזר טאָר גאָר קיין מלמד ניט זיין, און אויב ער וועט זיין פיהרונג ניט ענדערען, פארזיכער איך אייך, אַז מען וועט דעם גאַנצען חדר פון אים צונעהמען״.

דער דור המדבר איז זעהר צולאָזען און קאַפּריזנע געווען, איז געקומען דער רבי „עמלק״ און זיי מערדערליך געשלאָגען. זאָגט גאָט צו משה׳ן: אין דער געגענוואָרט פון די אידען וויל איך ניט רעדען, ווייל זיי מוזען האָבען אַ דיסציפּלין אויף זיך. פאַרשרייב עס אין אַ ספר, אַז עס איז פאַראַן אַ רבי „עמלק״ מיט אַ קאַנטשיק, וועלכער שמייסט און קאַטעוועט.

אָבער יהושע׳ן זאָג אַ סוד אין אויער, אַז „מחה אמחה״, איך וועל זיך מיט אַזאַ אכזר אָפּרעכענען. איך וועל אים פארטרייבען פון שטעטעל, זאָל ער געהן.

פרשת החודש

עת הזמיר הגיע.

דער פרילינג קומט אָן און שיט מיט בלומען, וועבט זונענשיין צווישען הימעל און ערד, גלעט און האַלובעט די וועלט מיט ווייכע, שמעקעדיגע ווינטעלאך.

מיר אידען פארצייכענען דאָס אָנקומען פון פרילינג מיט אַ ספּעציעלען שבת, וועלכער רופט זיך „פרשה חודש", אַן עראינערונג פון אַמאָל ווען מיר אידען האָבען זיך פארנומען אין דער אַלטער צייט מיט פיטערען שאָף.

אַ פאָלק פון פאַסטוכער זיינען מיר אַמאָל געווען, אַרומגעטריבען זיך פון אָרט צו אָרט זוכען פרישע פאַשע פאר די שעפּסען און בהמות.

אַזוי האָבען געלעבט אַלע נאמאדען־פעלקער און אזוי לעבען די נאמאדען היינט.

שפּעטער, ווען מיר זיינען געקומען אין אונזער לאנד, האָבען מיר זיך באַשעפטיגט מערסטענס מיט פארמעריי, און אין משך פון די טויזענט יאָר, וואָס מיר האָבען געלעבט אין אונזער לאנד, האָבען מיר געצויגען אונזער חיונה פון ערד ארבייט.

און אין ביידע פאַלען, סיי אלס פאַסטוכער און סיי אלס פאר־מערס, זיינען מיר געווען אָפּהענגיג פון די קלימאַטישע באַדינגונגען. מיר האָבען דאָך ניט געקענט פאַשען קיין שאָף און ניט ערווארטען קיין גערעטעניש אויף די פעלדער אין דער ווינטערדיגער רעגען־צייט.

איז ביי אונז אַלץ אָפּגעהאַנגען פון דעם שיינעם זומער. און מיר האָבען אויסגעקוקט אונזערע אויגען אויפ'ן אָנקומען פון פרילינג, ווען די נאַטור ווערט ווידער גוט צו די מענשען, און די בוימער הויבען

דר. י. ל. שניצער

אָן צו גרינען, די בלומען צו בליהען, און די לאַנקעס ווערען באַדעקט מיט פרישע גראָזען.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס מען האָט ביי אונז אין יענער צייט אויפגענומען דעם ערשטען פרילינג־מאָנאַט יום־טוב'דיג און מיט פיל פרייד, ווייל עס איז געווען דער אָנזאָג, אַז די נאַטור לעבצט ווידער אויף און די מענשען זאָלען זיך שוין נעהמען גרייטען צו נייע טעטיגקייטען.

„החודש הזה לכם ראש חדשים". דער דאָזיגער חודש איז פאר אייך, דער קאָפּ פון אַלע חדשים, „ראשון הוא לכם לחדשי השנה", ער איז פאר אייך, דער ערשטער פון די חדשים פון יאָר, ווייל נאָר אַזאַ פּאָעטיש פאָלק ווי איר זייט, קען פארשטיין די שיינקייט און די ערהאבענקייט פון דעם מאָנאַט.

אַמאָל האָט מען דעם מאָנאַט גערופען „אָביב", (שמור את חודש האָביב), אָבער אין בבל האָט דער מאָנאַט געהייסען „ניסו" אָדער „ניסן" און ווען די אידען זיינען פון בבל צוריק געקומען צו זייער לאנד, האָבען זיי אויך מיטגענומען דעם בבל'שען נאָמען פון דעם פרילינגס־מאָנאַט, נאָר אַנשטאָט ניסן האָבען זיי אים גערופען „נצן", וואָס דאָס מיינט „בליהונג".

זעהר שעהן צעזינגט זיך דער פייטן אין היינטיגע יוצרות:

החודש אשר רביבים בו מריקים,
חשרת מים למלאת בו ריקים,
נטיעת לרוות וירקים,
טלאים בו להקים.

עס איז דער חודש, ווען דער פיינער שפריי־רעגען גיסט אויס די אָנגעזאַמעלטע וואַסערען אָנצופילען די ליידיגע ברונימער, אָנ־זעטיגען די פלאַנצונגען און אַלערליי גרינסען, כדי די שעפּסעלעך זאָלען קענען עקזיסטירען.

אַט אַזאַ שעהנע אידילע פון דעם פּאַרמער־לעבען מאָלט דער פייטן פּאָעט אין די היינטיגע יוצרות פון דעם פרילינג חודש.

מענש און תורה

אָבער די שעהנע פארמערשע אידיליע פון די אַלטע צייטען איז שוין לאַנג פארשוואונדען. שוין באַלד צוויי טויזענט יאָר ווי מיר אידען זיינען אין גלות, אין פרעמדע לענדער, און מיר פאַרמאָגען ניט קיין אייגען לאַנד זיך צו פארנעהמען מיט אונזער אַלטער באַשעפ־טיגונג, מיט פארמעריי.

און טאָמער האָבען מיר זיך אַמאָל אין מאַנכע לענדער יאָ באַ־שעפטיגט מיט פארמעריי, זיינען מיר געווען אין איין שרעק, אַז מען זאָל אונז פון די פארעמס ניט פאַרטרייבען.

אין מיטעלאַלטער זיינען אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אין איטאַליע, און אין האָלאנד געווען אַ סך, אַ סך אידישע פארמערס, אָבער היינט איז דאָרטען קיין איינציגער ניטאָ.

מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק זיינען אין דייטשלאַנד אויך געווען קאָרגע פיר טויזענט אידישע פארמערס, היינט אָבער איז פון זיין קיין געדעכעניש ניט געבליבען.

און טאָמער געפינט זיך יאָ ערגעץ וואו אַ אידישע קאָלאָניע, איז דאָס אַן אויסנאַם, ווייל אונזערע טייערע שכנים, די גוים, זוכען מיט אַלע מעגליכקייטען צו פארטרייבען אונז פון אונזער אַלטער פראָ־פעסיע אזוי ווי זיי ווילען אונז פארטרייבען פון האַנדעל און ארבייט.

מענשען זיינען אַלעמאָל באַגייסטערט געווען פאר בוימער און בלומען, איבערהויפט אין זייער פרילינגס בליהונג. אין דער אַלטער צייט איז די באַגייסטערונג געווען אזוי שטאַרק, אַז די מענ־שען האָבען די בלומען פארגעטערט, אין יעדער בלום האָבען זיי געזעהן דעם סימבאָל פון אַ העכערער קראַפט, און האָבען צוגעגלי־כען זייער לעבען צו דעם לעבען פון דער בלום.

דעריבער איז ביי אונז אידען, אַלס אַ פאָעטיש פאָלק, דער פריי־לינג אזוי באַליבט, אַז מיר האָבען אַ ספּעציעלען שבת געמאַכט פאר דעם, און מיר קוויקען זיך מיט די שעהנע פּראַכטפולע פּאָעזיע, וואָס דער פייטן פאָעט מאָלט פאר אונז די שעהנקייט פון דעם פרילינג און פון דעם לעבען אין דער פרייער נאַטור. און צווייטענס, ליגט אין דעם מאָנאַט אַ קוואַל פון האָפענונג פאר אונז, ווייל אונזערע חכמים

דר. י. ל. שניצער

זאָגען „בניסן נגאלו ובניסן עתידים להגאל", אין ניסן זיינען מיר אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות מצרים, און אין ניסן וועלען מיר אויך אויסגעלייזט ווערען פון דעם איצטיגען גלות. דעריבער איז ביי אונז דער פרילינג מאָנאַט, אַ מאָנאַט פון האָפענונג און ערלייזונג.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער זעהט ניט איין, וואָס איז דאָ מיט אונז אזוי דער יחוס וואָס מיר זיינען אַן „אתה בחרתנו" פאָלק? אַ סך, אַ סך פעלקער זיינען אונטער דער צייט גרויס געוואָרען, האָבען אַ היים, אַ לאַנד, און שפּי־לען אַ גרויסע ראָלע אין דער וועלט, ווערענד מיר וואנדערען ארום פון איין פלאַץ צום צווייטען, אָן אַ היים, און אָן אַ לאַנד, און פּאַטשען זיך אין בייכעל מיט אונזער יחוס. ביי אים קומט אויס, אַז יענע פעלקער זיינען גאָר גרעסערע יחסנים פון אונז, טאָ פארוואָס גרויסען מיר זיך דאָ אזוי מיט דעם אתה בחרתנו?

אַלס ענטפער אויף זיין פראגע האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם ראש הקהל:

ר׳ ישראל איז געווען אַ איד אַ גביר און נאָך אַ גרויסער למדן דערצו. ער איז געווען דער נאמן און דער ראש הקהל פון שטאָט, יענער איינער האָט איהם געליבט און רעספעקטירט. אום אויס־צודריקען צו אים זייער דאַנקבאַרקייט פלעגען די פני העיר מאַכען יעדעס יאָר א קלפי און אים ערוועהלען אַלס זייער ראש הקהל.

דאַרף זיך טרעפען, אַז דאָס רעדעלע האָט זיך אַ דרעה געטאָן, ר׳ ישראל האָט אין ספּעקולאַציע פארלאָרען זיין גאַנץ פארמעגען, און זיין משרת, כאַצקע־כאַמולע איז רייך געוואָרען. האָט זיך כאַצקע׳ן פארוואָלט ווערען דער ראש הקהל פון שטאָט. האָט ער צוזאַמענ־גערופען אַ גאַנצע כאַלאַסטריע פון באַד־יונגען, טרעגערס, שמירערס און נאָך אַזעלכע פאַרשוינען, געמאַכט פאר זיי אַ סעודה׳לע, און זיי גוט אָנגע׳שכור׳ט. נאָכדעם איז ער אַוועק מיט זיי אין שוהל צו דער קלפי, און ער איז געוואָרען דער ראש הקהל פון שטאָט מיט אַ גרויסע מאַיאָריטעט שטימען.

מענש און תורה

די שעהנע בעלי בתים האָבען אָנגעפאנגען צו פּראָטעסטירען, אָבער כאַצקעל'ס חברה האָבען גענומען דערלאנגען קלעפּ, און פאר קלעפּ האָט דער עולם מורא געהאַט, איז מען זיך צעגאנגען אַהיים און כאַצקע איז געוואָרען דער פיהרער פון שטאָט.

פארשטעהט זיך, אַז די אנשטענדיגע בעלי בתים זיינען צו די אסיפות אָדער צו די פארזאַמלונגען ניט געגאַנגען. מעהר ווי כאַצקס'ס מענשען פלעגט מען דאָרטען ניט אנזעהן, און דאָס האָט כאַצקע'ן זעהר שטארק פארדראָסען: ס'טייטש, ער איז דאָך איצט דער ראש הקהל און מען וויל זיין יחוס גאָר ניט אָנערקענען, איז ער אַוועק שטילערהייט צו ר' ישראל'ן און אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ר' ישראל, דאַכט זיך, אַז איך בין איצט פיעל רייכער פון אייך, און איך בין אויך דער ראש הקהל פון שטאָט, און דאָך האַלט דער עולם פון מיר פיעל וויינינגער ווי פון אייך, פארוואָס איז דאָס אַזוי?

— איך וועל דיר זאָגען, כאַצקעל, — האָט ר' ישראל איהם גע־ענטפערט, — מיר פלעגען מאַכען פאר ראש הקהל די פני העיר, די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָט, דיך אָבער האָבען געמאַכט פאר אַ ראש הקהל די פּראָסטע באַד־יונגען, זיי זיינען געקומען צו דער קלפי להרוג ולאבד, מיט פויסטען און קולאַקעס האָבען זיי דיר די געליינדלעך אָנגעטאָן, איצט פארשטעהסטו דעם אונטערשיד פון מיר ביז דיר?

דאָס אידישע פאָלק מעג זאָגען „אתה בחרתנו״, ווייל זיי זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פון דעם אויבערשטען אליין. אמת, זיי זיינען טאָקע נעבאך איצט יורדים, אָבער דאָס רעדעלע קען זיך נאָך אַמאָל אַ דרעה טאָן און ר' ישראל קען נאָך צוריק אויפגעריכט ווע־רען.

די אַנדערע פעלקער, אָבער, האָבען זיך אליין גרויס געמאַכט, מיט'ן שווערד און מיט בלוט האָבען זיי אויף זיך די געליינדלעך אַרויפגעצויגען, איז דעריבער קענען זיי זיך צו ר' ישראל'ן ניט גלייכען.

שבת הגדול

דאָס אידישע פאָלק געהט זיך מכין זיין צו פייערען זיין איבער־גאנג פון שקלאַפעריי צו פרייהייט מיט גרויס פּאַראַד, און מיט אַ פאָר־שפּיל וואָס רופט זיך „שבת הגדול״, דער גרויסער שבת.

יאָ, דער שבת מעג מיט שטאָלץ טראָגען דעם נאָמען שבת הגדול, ווייל נאָך איידער ישראל האָט פאַרלאָזען זיין שקלאַפען־לאַנד, האָט ער שוין געפירט עפענטליך איבער די גאַסן פון מצרים זייער פארגעטערטן „שעפּס״ צו דער שחיטה. אין אָנפאַנג האָבען זיך די אידען אפילו דער־שראָקען, ווייל זיי האָבען געזאָגט צו משה'ן: „הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו״, איז דאָס מעגליך, אַז ווען מיר וועלען שעכטען דעם שעפּס, דעם גאָט פון מצרים פאר זייערע אויגען און זיי וועלען אונז ניט פארוואַרפען מיט שטיינער? אָבער אלס צוקונפטיגע „פאַקעל־טרעגער״, אַלס צוקונפטיגע „ליכט־צינדער״ און לעהרער, האָבען זיי מיט מסירות נפש געוויזען די געצענדינער אז זיי זאָלען ניט פארגעטערען אַ זאַך וואָס איז שטערבליך; אָט וועט זייער פאר־געטערטער שעפּס פארוואנדעלט ווערען אין אַ קרבן פסח און ואיננו, ער איז מעהר ניטאָ...

און אזוי ווי אלע גרויסע לעהרער וועלכע האָבען געקעמפט פאר ליכט און ליכטיגקייט האָבען זעהר פיעל געליטען, אזוי האָבען מיר פאר אויפקלערונג פון קרבן פסח אויך זעהר שטאַרק געליטען און ליידען נאָך היינט אויך דערפון. איבערהויפּט שפּיגעלט זיך אָפּ דער קרבן פסח אין אונזער פינסטערען גלות.

אין שפּאַניען האָבען די מאַראָנען, די אנוסים זיך באַהאַלטען אין אַ פארבאָרגענעם הייל און געפּראוועט דעם סדר. פלוצים זיי־

נען די אינקוויזיטאָרען זיי באַפּאַלען, און זיי פאַרברענט לעבעדיגער־הייט.

אַ קרבן פּסח זיינען די שפּאַנישע אידען געוואָרען, אַ שרעקליכער גלות׳דיגער קרבן פּסח.

זיצע אידען ביים סדר אין רוסלאַנד, דער אַלטער טאַטע דער־צעהלט זיין פאַמיליע די גרויסקייט פון גאָט און די הייליגקייט פון אידענטום, פּלוצים רייסען זיך אריין אַ כאָפּטע ווילדע קאַצאַפּעס מיט העק און מיט מעסער אין די הענט, און טייכען אידיש בלוט האָבען זיך געגאָסען ווי וואַסער, די שרעקליכע פּאָגראָמען פלעגען אימער קומען פּסח־צייט.

אַ קרבן פּסח זיינען די רוסישע אידען געווען! אַ שרעקליכער גלות׳דיגער קרבן פּסח!

זיצען אידען ביים סדר און זאָגען די הגדה, אלע לייכטען און שטראַלען פון פרייד, די פרייע נאַציאָנאַלע אידישע נשמה פילט אַן אַלע ווינקעלאַך, פּלוצים ווערען זיי באַפּאַלען פון אַ מחנה כוליגאַנעס, מיט אַ טויטען קינד אין זייערע הענט. און מען מאַכט אַן עלילת דם בלבול, אַז אידען דאַרפען בלוט אויף פּסח.

אַ קרבן פּסח זיינען אידען אין פארשידענע לענדער געווען! אַ שרעקליכער גלות׳דיגער קרבן פּסח!

זיצען די אַלטע טאַטע־מאַמע אין אַמעריקא, ביי אַ שעהן גע־גרייטען טיש און פּראווען דעם סדר, אָבער ווי עס קומט צו „מה נשתנה״, קייקלען זיך טרעהרען פון טאַטע־מאַמעס אויגען. זיי האָ־בען אָנגעווענדעט אַלע זייערע מעגליכקייטען צו געבען זייערע קינדער אַ אידישע דערציהונג, אָבער עס איז ניט געגאַנגען. זיי זיינען אַוועק, אין גאַנצען אַוועק פון זייער דרך. אַ גאַנץ יאָר פילט מען ניט אַזוי שטאַרק דעם ווייטאָג, אָבער ווען עס קומט פּסח צום סדר, אוי פיהלען זיי זייער עלענדקייט.

אַ קרבן זיינען טאַטע מאַמע אין אַמעריקא געוואָרען. אַ שרעק־ליכער גלות׳דיגער קרבן פּסח!

**
*

דר. י. ל. שניצער

פרעגט מיר אַן אַנטי־ציוניסט אַ קשיא:

ער זעהט ניט איין פאַרוואָס מיר אידען יאָגען זיך אזוי נאָך ארץ ישראל. דאַכט זיך, מיר האָבען שוין צוויי מאָל פארזוכט דעם טעם פון איהר מילך און האָניג און ביידע מאָל האָט מען אונז פון דאָרטען ארויסגעטריבען. איצט זוכען מיר ווידער דאָרטען אריינ־צוקריכען. פרעגט זיך די פראגע: מיט וואָס זיינען מיר דאָס זיכער אַז דאָס איצטיגע מאָל וועט זיין בעסער ווי יענע צוויי מאָל?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענע צוויי אינגלעך:

צוויי גוטע פריינט האָבען געוואוינט צוזאָמען אין שכנות און ביידע האָבען קיין קינדער ניט געהאַט, איז ביי זיי געבליבען אַריבער־צופאָהרען צום רבי׳ן נאָך אַ ברכה.

ווען דער רבי האָט אויסגעהערט זייער בקשה, האָט ער זיי מבטיח געווען אַז יעדער פון זיי וועט דעם יאָר האָבען אַ בן זכר, און ווען די אינגלעך וועלען ווערען דריי יאָר אַלט, זאָל מען זיי ברייננגען צו אים און ער וועט זיי בענשען.

און אַזוי איז געווען. צום יאָר זיינען ביי זיי אינגלעך געבוירען געוואָרען. איינעם האָט מען אַ נאָמען געגעבען משה׳לע און דעם צווייטען שלמה׳לע. און ווען זיי זיינען אַלט געוואָרען דריי יאָר, האָ־בען די עלטערען זיי געבראכט צום רבי׳ן ער זאָל זיי בענשען.

דער רבי האָט די צוויי אינגלעך אָנגעקוקט און געזאָגט:

„משה׳לע, דו וועסט זיין אַ אינגעל אַ וואויל־לערנער, אָבער דו, שלמה׳לע, וועסט זיין אַ צולאָזענער אינגעל און וועסט ניט וועלען לערנען”.

משה׳לעס טאַטע איז געפאָהרען אַהיים אַ גליקליכער, אָבער שלמה׳לעס טאַטע איז, נעבעך, געפאָהרען אַהיים מיט אַ צובראָכענעם געמיט.

ווען די אינגלעך זיינען עלטער געוואָרען, האָט זיך אַרויסגעוויזען פונקט קאַפויר ווי דער רבי האָט געזאָגט. שלמה׳לע, אַז ער פלעגט דער־זעהן דעם באַהעלפער, פלעגט ער טאַנצען פון שמחה און לויפען

מיט חשק אין חדר. משה׳לע אָבער, אַז ער פלעגט דערזעהן דעם באַהעלפער, פלעגט ער זיך באַהאַלטען און ניט געוואָלט געהן אין חדר. זיין טאַטע האָט גרויס עגמת נפש געהאַט דערפון. ער פלעגט אַלץ ארומגעהן טראַכטענדיג: זאָל עס מעגליך זיין אַז דער רבי האָט אַ טעות געמאַכט?

קורץ, ער האָט גענומען דעם אינגעל און איז נאָך אַמאָל מיט אים אַוועק צום רבי׳ן און ווי דער רבי האָט אים דערזעהן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דאָס זייט איר דער פאָטער פון דעם טייערן אינגעל, דעם וואויל־לערנער, וואָס וואַקסט צו זיין אַ רב״?

„יאָ, רבי! — האָט דער פאָטער מיט טרערן זיך אָפּגערופען — דאָס בין איך דער אונגליקליכער טאַטע פון דעם אינגעל, דעם חם מיט׳ן פוסטען קאָפּ, וואָס קען ניט און וויל ניט לערנען״.

און האָט דערביי גענומען דערצעהלען וואָס פאַר צרות ער האָט פון אים, יעדען טאָג קומט דער באַהעלפער מיט עפּעל, מיט ניסלעך, און מיט צוקערקעס, נעהמען די אינגלעך אין חדר. זיין שכן׳ס אינגעל גיט אַ כאַפּ די אַלע גוטע זאַכען און לויפט מיט שמחה אין חדר, זיין אינגעל אָבער, וויל אפילו די אַלע גוטע זאַכען ניט אָנקוקען און וויל אין חדר ניט געהן.

„אַ טייער אינגעל! אַ גאָלדערנער אינגעל! — האָט דער רבי באַגייסטערט אויסגערופען — איך האָב געוואוסט אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל!

„אָבער ווי איז דאָס מעגליך, רבי? ער וויל דאָך אין חדר ניט געהן״?

„אַלע אינגלעך אין דיזען עלטער ווילען אין חדר ניט געהן — האָט דער רבי אים געענטפערט — אייער שכנ׳ס אינגעל איז זעהר אַ גרויסער נאַשער און אַ שרעקליכער בעל תאוה, ער געהט אין חדר בלויז צוליב די גוטע זאַכען וואָס דער באַהעלפער ברייגנט אים, אבער אַז ער וועט עלטער ווערען און קריגען גרעסערע תאוות, וועט ער לויפען פון חדר אזוי ווי פון פייער. אייער אינגעל אָבער, איז געבוירען געוואָרען גאָר אָן תאוות, און אַז ער וועט עלטער ווערען און קריגען

דר. י. ל. שניצער

מעהר שכל, וועט ער פארשטעהן ווי גוט עס איז צו געהן אין חדר, און אַז ער וועט איינמאָל אָנהויבען לערנען, וועט אים שוין קיין זאַך אין דער וועלט ניט צוריקהאַלטען פון לערנען".

ארץ ישראל האָט צוויי מעלות אין זיך: אַ קערפערליכע מעלה און אַ גייסטיגע מעלה. די אַמאָליגע מצרים׳דיגע שקלאַפען זיינען געלאָפען צו איר בלויז צוליב דער מילך און די האָניג וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען, און שפעטער, ווען זיי האָבען באַקומען גרעסערע תאוות, האָבען זיי גענומען דינען פרעמדע געטער און נאָכטאַנצען זייערע שכנים. דאָס גייסטיגע לאַנד האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגען, האָט מען זיי צוויי מאָל פון דאָרטען ארויסגעטריבען.

די איצטיגע אידען אָבער האָבען מילך און האָניג אין די לענדער וואו זיי געפינען זיך איצט. זייער חשק צו געהן איצט אין ארץ ישראל איז בלויז צוליב אירע גייסטיגע מעלות, גייסטיגע מעלות מוזען האָבען אַ קיום, גייסטיגע מעלות קענען ניט אונטערגעהן און זיי וועלען ניט אונטערגעהן.

פסח

ישראל פייערט די וואָך זיין „זמן חרותינו”, זיין „דעקלעריישאַן אָוו אינדעפּענדענס”, אין דעם יאָר 2448 (לויט נאָך דער אידישער צייט רעכענונג), דעם פופצענטען טאָג אין ניסן האָט ער אַראָפּגע־וואָרפען פון זיך די קייטען פון שקלאַפעריי און איז אַ פרייער מענש געוואָרען.

עס זיינען פאַראַן אַ סך פעלקער, וועלכע האָבען זייער אָוועק־געריבטע פרייהייט זיך צוריק ערוואָרבען. עס זיינען אויך פאַראַן אַ סך פעלקער, וועלכע האָבען מיט גרויס מוט צובראָכען דעם יאָך פון פארשקלאַפונג. דאָס איז אין דער וועלט־געשיכטע קיין נייעס ניט.

אָבער, אַז אַ משפחה פון זיבעציג מענשען האָבען געלעבט אין טיראַנישער פאַרשקלאַפונג און פון דער קליינער, שיער צום טויט ניט פארפייניגטער משפחה זאָל ארויס אַ גרויסע נאַציע — דאָס איז יאָ אַ נייעס אין דער וועלט־געשיכטע.

און דער עיקר: אַז ניט פון דרויסען איז די אויפלעבונג גע־קומען, ניט פון אויסערליכע סבות האָט דער פרייהייט־דאָרשט אויפ־געלעבט, נאָר פון אינעווייניג, פון דער טיפעניש פון דער נשמה האָט זיך ארויסגעריסען אַ שטראָם פון ניי־לעבען און האָט דאָס פאָלק אויפגעלעבט. אָט אין דעם באַשטעהט די גרויסקייט פון „יציאת מצרים”. דאָס איז אַ באַדייטונג פון אַ גרויסער וועלט־געשעהעניש. סטיכיש, פון זיך אליין איז פון שקלאַפען אַ פריי פאָלק געוואָרען. אַן ענדערונג, אַ גרויסע ענדערונג אין „מעשי בראשית”!

דורך זיינע אייגענע קינדער געוועקט, גערופען, געפיהרט און געלערענט, ניט נאָר דורך משה׳ן, דעם קעניגליך דערצויגענעם, נאָר אויך דורך אהרן דעם אייביג פארקנעכטעטען, אין גלות אריינגע־וואַקסענעם פאָלקס־קינד.

דר. י. ל. שניצער

און ווי נאָר דאָס פאָלק האָט דערוואכט, איז שוין מעהר ניט געווען קיין קראַפט וואָס זאָל זיך אים אין וועג שטעלען. דער נאַציאָנאַלער ווילען האָט דערוואכט, האָט דערגרייכט זיין העכסטען אויסדרוק, און דאָס פאָלק געהט צו זיין דערלייזונג, נעהמט זיין שיקזאל שמי־דען, ער געהט צו זיין לאַנד, וואו זיינע הייליגע אבות רוהען. פּלוצ־לונג אַ שטערונג! די נאַטור אליין — דער ים איז אים אין וועג.

דער ים איז וועג? דער ים זאָל אַ וועג ווערען! אויך זיין קראפט מוז באַזיגט ווערען! אויך ער טאָר זיך ניט שטעלען געגען דעם ווילען פון די פרייהייט־מאַרשירענדע. די נאַטור אליין מוז זיך אונ־טערגעבען! דער ים מוז אויסטריקענען, זיך אויסשעפּען, אַ וועג מוז ווערען! דאָס פאָלק מוז דורכגעהן! נחשון ווייזט דעם וועג.

אַריבער דעם ים און א נייער מכשול אין וועג — דער מדבר! זיי מוזען שלעפּען די געשוואָלענע פיס אין די הייסע זאַמדען אונטער דער גלוטיגער זון. עס פאָדערט זיך געדולד און אַ סך, אַ סך גע־דולד דערצו, דער מדבר איז דער שווערסטער נסיון, אָבער ישראל האַלט אויס די פּראָבע. ער נעמט זיך ביסלעכווייז פריי און זעלבסט־שטענדיג ענטוויקלען, און באַווייזט אַז ער באַפאָרצוגט די ניט גע־זאַלצענע און ניט באַ׳טעמ׳טע מצה „לחם עוני״ צו עסען אין דער פרייהייט אין דער מדבר איידער צו עסען פון דעם „סיר הבשר״ אין עבדות.

דעריבער האָט מען דעם יום־טוב געקרוינט מיט צוויי נעמען: „חג הפסח״ און „חג המצות״. חג הפסח איז דער סימבאָל פון „דעת הרוח״ — די אויפלעבונג פון הויכע אידעאַלען, און חג המצות — אַ סימבאָל פון אונזער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, פון אונזער גרייט־קייט צו באַצאָהלען יעדען פרייז פאר אונזער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

**
*

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל ערב פסח נאָך ביעור־חמץ ארויס אין מאַרק און האָט אָנגעטראָפען א גוי אַ שמוגלער, וואָס פלעגט אַריבערשמוגלען סחורה איבער׳ן גרענעץ. פרעגט אים רבי לוי יצחק:

מענש און תורה

„האָסטו עפּעס אויסלענדישע זיידענס״?

„געוויס האָב איך! — האָט דער גוי אים געענטפערט, — איר קענט ביי מיר קריגען אויסלענדישע זיידענס וויפיל איר ווילט נאָר אַליין״.

געהט רבי לוי יצחק אַוועק פון גוי און טרעפט אָן אַ אידען, גיט ער אים אַ פרעג:

„האָסטו עפּעס חמץ ביי זיך אין הויז״?

„חמץ? — האָט דער איד פאַרוואונדערט אויסגערופען, — וואָס רעדט איר, רבי? אַצינד חמץ? בין אין דען חלילה קיין איד ניט״?

הויבט אויף רבי לוי יצחק זיינע אויגען צום הימעל און גיט אַ זאָג:

„זעה, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט! דער קייזער האָט פאַרבאָטען אריינצופיהרען סחורה מן החוץ און האָט אָנגעשטעלט אויפ׳ן גרענעץ אַ וואַך, וואָס היט די שמוגלערס טאָג און נאַכט, און פונדעסטוועגען פיהרט מען אריין סחורות און מען פאַר־קויפט זיי עפענטליך. דו, רבונו של עולם, האָסט בלויז אַ זאָג געטאָן צו דיינע אידעלעך: „לא יראה לך חמץ״, אָן אַ גרענעץ און אָן אַ וואַך און דו געפינסט אין גאַנצען אידישען גבול קיין ברעקעל חמץ ניט״.

**
*

פרעגט איין איד דעם צווייטען:

„פאַרוואָס איז די גאַנצע הגדה געשריבען געוואָרען אין העברע־איש און דער „הא לחמא עניא״ אויף תרגום לשון, בלשון ארמית״?

„וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט — האָט דער צווייטער איד אים געענטפערט — אַ איד גיט זיך אַן עצה! ווען ער שרייט אויס אויף העברעאיש די ווערטער: ווער עס איז הונגעריג זאָל קומען און עסען, וואָלטען זיך פיליכט טאַקע אריינגעכאַפּט אַ פּאָר אָרעמע לייט און וואָלטען זיך געזעצט עסען, אָבער תרגום לשון פאַרשטייט קיינער ניט״.

**
*

דר. י. ל. שניצער

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אַלץ אין דער הגדה פאַרשטייט ער זעהר גוט, נאָר דעם „הא לחמא עניא״ פאַרשטייט ער ניט. אדרבה, לאָמיר נעהמען טייטשען צוזאַמען: דאָס איז דאָס אָרימע ברויט, וואָס אונזערע עלטערען האָבען געגעסען אין דאָס לאַנד מצרים, דעריבער איז „כל דכפין ייתי ויכול״, ווער עס איז הונגעריג זאָל קומען און עסען, נו פרעג איך אייך, איז דאָס ניט אַ לעכערליכע אורזאַך? אויב דער בעל הגדה האָט געוואָלט אָנדייטען אז די טיר זאָל זיין אָפען פאַר יעדען הונגעריגען, איז זעהר שעהן, אָבער דער טעם וואָס ער גיט איז אזוי טרוקען ווי מצה. וואָס האָט „אתה הראית״ צו דער ארענדע?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם אָרעמאַן:

אַ קעניג וועלכער איז געווען זעהר אַ גוטער, האָט פאַר איין טאָג אין וואָך געעפענט זיין פּאַלאַץ און זיין קעניגליכען גאָרטען פאַר די איינוואוינער פון זיין רעזידענץ, אז זיי זאָלען קענען פריי און פראַנק נעהמען דאָרטען אַ שפּאַציר.

איז אָנגעקומען אַן אָרעמאַן פון אַ פרעמדע שטאָט, אריין אין פּאַלאַץ, זיך אויסגעזוכט אַן אויסגעפּוצטען צימער און זיך דאָרטען באַזעצט ווי ביי זיך אין דער היים.

ווען מען האָט געדאַרפט דעם פּאַלאַץ פאַרשליסען, איז צוגעקומען אַ דינער און האָט געהייסען דעם אָרעמאַן געהן, אָבער דער אָרעמאַן ריהרט זיך ניט פון אָרט, „איך בין מיעד פון וועג און וויל זיך אַביסעל אויסרוהען״! האָט דער אָרעמאַן געזאָגט, „מאָרגען אין דער פריה וועל איך פון דאַנען אַוועקגעהן״.

דער דינער האָט אים געוואָלט ארויסוואַרפען, איז געוואָרען אַ סקאַנדאַל, ביז דער קעניג אליין איז ארויס זעהן וואָס דאָ טהוט זיך, און ווען דער דינער האָט דערציילט דעם קעניג וועגען וואָס דאָ האַנ־דעלט זיך, האָט דער קעניג אַ פרעג געטאָן דעם אָרעמאַן:

„מיט וועלכען רעכט ווילסטו פון דאַנען ניט אוועקגעהן? דו דענקסט אַז מיין פּאַלאַץ איז אַ הכנסת אורחים״?

מענש און תורה

„יאָ אַדוני קעניג״! האָט דער אָרעמאַן געענטפערט, „דיין פּאַלאַץ איז אַן אַלטער, אַלטער הכנסת אורחים״!

„וואָס מיינסטו מיט דעם״? האָט דער קעניג אים אַ פרעג גע־טאָן.

„אָט וועל איך דיר זאָגן אַדוני קעניג״! האָט דער אָרעמאַן אים געענטפערט.

„דיין עלטער זיידע איז אין דעם פּאַלאַץ געווען בלויז אַן אורח. דיין זיידע אַן אורח, דיין טאַטע אַן אורח, דו ביזט דאָ אַן אורח און דיין יורש עצר וועט דאָ אויך מעהר ניט זיין ווי אַן אורח אויף אַ קורצער צייט... דעריבער דענק איך אַז איך האָב אַ רעכט אין דעם גרויסען הכנסת אורחים איבערצושלאָפען אַ נאַכט״.

דער קעניג האָט נאָכגעקלערט דעם אָרעמאַנ׳ס ווערטער און האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

„יאָ, מיין פריינט, דו האָסט רעכט! מיין פּאַלאַץ איז טאַקע מעהר ניט ווי אַן הכנסת אורחים, דו מעגסט דאָ בלייבען נעכטיגען די נאַכט״!

דער סדר טיש איז קעניגליך געגרייט, עס בליאַסקען די זילבער־נע לייכטער מיט די זילבערנע בעכער... און דער רייכער איד זיצט מיט גדלות אויף זיין היסב־בעט און מאַכט קדוש. קומט דער בעל הגדה און זאָגט צו איהם:

„עס איז ניטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירען, ברודערקע!... „הא לחמא עניא״ דאָס איז די זעלבע אָרעם שטיקעל ברויט וואָס דיינע עלטערען האָבען געגעסען אין דאָס לאנד מצרים, דאָס ביסעל זילבער וואָס דו פאַרמאָגסט, דאָס האָט מען דיר בלויז געגעבען אויף אַ ווייליקע זיך אָנצושפּילען... עפען בעסער אויף דיין טיר און זאָג: „כל דכפין ייתי ויכול״, ווער עס איז הונגעריג זאָל אריינקומען און עסען, ווייל דיין הויז איז אַן הכנסת אורחים... און דו אליין ביזט אויך אַן אורח אויף אַ ווייל, „השתא עבדי״ איצט זיינען מיר נאָך קנעכט צו די פּאָר דאלאר, אָבער דעם קומענדען יאָר קען מען גאָר זיין „בני חורין״. פריי, פריי פון אלע לוקסוס, פון אלע פארגעניגען״!

שבועות

דאָס אידישע פאָלק פייערט היינט זיין „גרעדואיישאָן״־טאָג, ווען ער איז באַווירדיגט געוואָרען מיט אַ מעדאל פאר זיין געלערזאַמקייט און מיט אַ טיטעל „עם סגולה״ פאר זיין גוטער אויפפיהרונג.

און קיין וואונדער ווידער איז דאָס אויך ניט. ישראל איז ניט קיין יונגער קינד וואָס פאַנגט איצט אָן צו לערנען און שטודירען. אין דער אַקאַדעמיע פון „שם ועבר״ האָט שוין ישראל שטודירט מעטאַפיזישע פראָבלעמען און געזוכט צו דערגעהן די אורזאכען פון אַלע אורזאכען, די קראַפט פון אלע קרעפטען, די קוועלע פון לעבען און דעם אורשפרונג פון דעם גאַנצען באַשאַף.

שפעטער האָט פראָפעסאָר אברהם איבערגענומען די ניט־דער־ענדיגטע לעהרע פון יענער אקאדעמיע און האָט זי גענומען מעהר אַנטוויקלען. ער האָט ענטעדקט דעם „אל יחיד ומיוחד״, אויפגע־פאַסט די העכסטע פרינציפען פון מאָראל און הומאניטעט און זיי איבערגעגעבען ישראל׳ן. און ישראל האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַלס אַ באַזונדער פאָלק, מיט אַ באַזונדערען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, מיט אַן אייגענער שפראַך, אייגענע זיטען און אנשויאונגען.

דערפאר האָבען טאַקע די מצריים ניט געקענט דולדען און האָ־בען אים אָפגעשלאָסען אין אַ געטאָ אין גושן און איר אַרומגעצאַמט מיט א ריזיגער וואַנט פון מורא׳דיגע גזרות און באַשרענקונגען.

די ריכטיגע העלדישקייט האָט ישראל ערשט ארויסגעוויזען ביים באַרג סיני, ער האָט מקבל געווען די געטליכע דיפלאמא, וויסענדיג אַז ער וועט האָבען פון איר גרויסע געברענטע צרות.

מענש און תורה

ער האָט געוואוסט, אז דערמיט וואָס ער האָט זיך אונטערנומען צו טראָגען אין דער הויך די פאָן פון איין גאָט, וועט ער מאַכען אַ רעוואָלוציע געגען אַלע היילינגטימער און באַגריפען פון די אלע היידנישע פעלקער.

ער האָט אויך געוואוסט אז זיין נייער דרך וועט פארוואָרפען ווערען מיט שטיינער און פארזעעט ווערען מיט דערנער.

און דאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן: „נעשה ונשמע"! ווייל ער האָט געפיהלט אַז עס איז בעסער ארויפצוקלעטערען אויף אַ העכערער קולטורעלער מדרגה און ליידען אלערליי אונאַנגענעמליכקייטען, איידער צו האָבען אלערליי תענוגים און בלייבען ווי ווילדע חיות, אָן בילדונג און אָן אידעאַלע פּרינציפּען.

יאָ, ישראל, דו האָסט געמאַכט אַ רעוואָלוציע מיט דיין תורה!...

די רעוואָלוציע באַשטייט פונ׳ם „התגברות הרוח על החומר", אין דעם נצחון פון גייסט איבער קראפט. אָט דאָס איז די אַרבייט פון ישראל׳ס תורה פאר דער מענשהייט, און ווי ווייט זיין ארבייט איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, קען מען זעהן פון די אלע אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע פעלקער (קריסטענטום און איסלאם), וועלכע האָבען בלויז אַ נאַש געטאָן אַ קליין ביסעל פון ישראל׳ס תורה זיינען אַרויס אין דער ליכטיגקייט און געוואָרען ציוויליזירטע מענשען, וועהרענד די יעניגע וועלכע האָבען ניט גענאַשט פון ישראל׳ס תורה, זיינען געבליבען פאַרשטיינערט, פאר׳חשכ׳ט און פארדעקט אין זייער אַלטער פינסטערניש.

יאָ, ישראל! פון דער מינוט אָן וואָס דו האָסט ארויפגענומען אויף זיך די אחריות פון „נעשה ונשמע" איז ביי דיר געוואָרען שוין אָן אייביגער פּראָצעס פון קבלת התורה, „לא ימיש ספר התורה הזה מפיך", אייביג, אייביג צו שעפּען פון דעם מקור חיים, אייביג, אייביג מקבל זיין די תורה און ערצויגען ווערען אין דעם גייסט פון איר קולטור, אָט דעריבער קענסטו קיינמאָל ניט אָפּגעריסען ווערען פון דיין שטאַם און פארבלאָנדזשעט ווערען צווישען פרעמדע.

**
*

דר. י. ל. שניצער

פאר מיינע אויגען שוועבט פארביי אַ בילד וועלכע די משנה שטעלט פאָר ווי אזוי מען פלעגט אַמאָל פראוועז די שעהנע הייליגע צערעמאָניעס פון ברייגגען בכורים אין בית המקדש.

אַלע אידישע פארמערס און בכורים ברייגגער פלעגען זיך פאר־זאַמלען מיט אַ נאכט פריהער אין אַ געוויסען פלאַץ ווייט אַוועק הינטער די טויערען פון ירושלים און שלאָפען די נאכט אונטער די שעהנע הימלען פון ארץ ישראל. גאַנץ פרי פלעגען זיי אויפגעוועקט ווערען פון אַ באַראַבאַן, מיט אַן אויסגעשריי: „קומי ונלכה ציון אל בית אלהינו" — קומט לאָמיר געהן אין ציון, אין גאָט'ס הויז! און דער עולם האָט זיך געלאָזען אין וועג אריין. פאָראויס איז געגאנגען דער אָקס וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאר דעם קרבן שלמים, זיינע הערנער זיינען געווען דעקאָרירט מיט גאָלד, אַ קרוין פון אויילבירט־בוימער, איז געווען פארפלאָכטען אַרום זיין קאָפּ, מוזיק האָט גע־שפילט און פון ירושלים פלעגט מען ארויסשיקען אַ דעלעגאַציע צו עמפפאנגען די עולי־רגל'ניקעס, און אַלע צוזאַמען פלעגען נעמען מאַרשירען מיט געזאנג, מיט פרייד, און מיט נאַציאָנאַלען גליק צום הר הבית. דאָרטען האָבען די לוים געשפילט און געזונגען שעהנע זיסע אידישע מעלאָדיען, דער כהן גדול מיט זיין סוויטע פלעגען איבערנעהמען די בכורים, און בענשען דאָס פאָלק מיט אַ הייליגער ברכה.

היינט געהט אויך דער אָקס, דער „עגל הזהב" פאָראויס. זיינע הערנער זיינען אויך דעקאָרירט מיט גאָלד. דער עולם מאַרשירט אויך יום טוב'דיג אין טעמפעל. אָבער די לופט איז אָנגעפילט מיט פרעמדען געזאַנג, אָרגעל אקאָרדען הערען זיך פון גאָט'ס הויז, גע־זונגען פון קריסטליכע זינגער. און די הענט זיינען ליידיג, ניטאָ קיין בכורים, ניטאָ קיין יוגענט, ניטאָ קיין ערשטע פרוכט! אַסימילאַציע האָט זיי אַוועקגערויבט פון אונז. זיי זיינען אוועק אין פרעמדע גערטנער, אין פרעמדע פעלדער און אין אַ פרעמדער סביבה. יאָ, מיר פייערן שבועות, אָבער אָן בכורים!

***

מענש און תורה

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ווי מיר ווייסען, איז די לעהרע פון בודהא אָדער פון קאָנפוציוס אַזוי אַלט ווי תורת משה און אפשר נאָך עלטער, טאָ ווי קומט עס, וואָס די קריסטען און די מחמדאנער האָבען גענומען גראד זייערע רעליגיעס פון תורת משה און ניט פון בודהא און קאָנפוציוס?

אַלס ענטפער אויף זיין פראגע, האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענע „מוזשיקעס״:

אין אַ שטעטעל איז געווען אַ פריץ, זעהר אַ גרויסער אַנטיסעמיט, די אידען פון שטעטעל האָבען געהאַט פון אים זעהר גרויסע צרות, אויסער וואָס ער פלעגט די אידישע בעלי מלאכות ניט געבען קיין ארבייט, אָדער ניט קויפען קיין זאַך ביי די אידישע קרעמער, פלעגט ער נאָך העצען די פויערים און זאָגען, אַז די אידען זיינען די גרעס־טע שווינדלער און די גרעסטע הויט־שינדער, און אזוי ווי די אידי־שע קרעמער האָבען געצויגען זייער חיונה פון די פראָסטע מוזשיקעס, האָט דער פריץ זיך מיישב געווען און געעפענט אַ גרויס געוועלב מיט די זעלבע סחורה, וואָס די אידישע קרעמער האָבען געהאַלטען, מיט׳ן צוועק אונטערצוגראָבען די עקזיסטענץ פון די אידישע קרע־מער, דעם לעצטען ביסען פון זייערע מיילער ארויסצורייסען.

ווען די אידישע קרעמער האָבען דאָס דערזעהן, איז זיי פינסטער געוואָרען אין די אויגען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז זייערע קריסטליכע קונדען פון וועמען זיי האָבען געצויגען זייער חיונה וועלען זיכער געהן האַנדלען אין דעם פריץ׳ס געוועלב. אָבער זייער שרעק איז געווען אומזיסט. דאָס גרויסע געוועלב פון פריץ איז געשטאַנען ליידיג, ווערענד ביי די אידישע קרעמער איז דאָס געשעפט אָנגע־גאַנגען ווי פריהער. און אַז מען האָט געפרעגט די מוזשיקעס פאר־וואָס זיי געהען ניט צום פריץ אין געוועלב, האָבען זיי געענטפערט:

— דאָרטען ביים פריץ אין געוועלב וועלען מיר מוזען שטעהן אָן אַ היטעל און נעמען וועלכע סחורה מען וועט אונז געבען, און נאָך באַצאָהלען פאר אלעס מיט מזומן. ווערענד ביי אייך אין קראָם זיי־נען מיר די בעלי בתים, מיר קאָנען דורכוואָרפען אַ גאַנצע פעסעל

דר. י. ל. שניצער

הערינג ביז מיר קלייבען אויס איינעם, און באַצאָהלען דערפאר קענען מיר ווען מיר ווילען אַראָפּנעהמען די תבואה פון אונזערע פעלדער, און ווען אַ איד פרעסט אונז פאר געלד, ברעכען מיר אים גוט אָן די ביינער און פארטיג.

ווען די פעלקער פון דער פאַרצייטיגער וועלט האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען אַ רעליגיע, האָבען זיי ניט געבאָרגט די רעליגיע פון אַנדערע שטאַרקע גרויסע פעלקער, צוליב דעם זעלבען טעם, וואָס די מוזשיקעס האָבען ניט געוואָלט קויפען זייערע סחורהביים פריץ: טאָמער וועט יענע פאָלק שטאָלצירען איבער זיי און זאָגען, אז איר האָט אייער גאָט געליהען ביי אונז... דעריבער זיינען זיי געקומען צום אידישען פאָלק, דאָס שוואַכסטע און דאָס אָרימסטע פון אַלע פעלקער, פון זיי האָבען זיי געקענט באָרגען אָהן שום מורא, זיי האָבען זיך אויך געקענט אויסקלייבען די גרינגסטע און די באַקוועמסטע זאַכען פון דער אידישער רעליגיע, פונקט ווי די מוזשיקעס האָבען דורכגעמישט דאָס גאַנצע פעסעל הערינג ביז זיי האָבען איינעם געפונען. און טאָמער מאַכט דער איד אַ באַמערקונג, אַז איר האָט גענומען אייער גאָט פון אונז, הייסט עס, אַז ער וויל מען זאָל אים באַצאָהלען דערפאר... באַצאָהלט מען אים מיט אַ פּאָר פּאַגראָמעלעך און פארטיג.

שבת חזון

דער גרויסער נביא ישעיה שליידערט דאָס פאָלק ישראל אין פנים אריין דעם גרויסען שרעקליכען אמת, ער רופט זיי אָן „גוי חטא", אַ זינדיג פאָלק, „עם כבד עוון" אַ פאָלק וואָס איז באַלאַסטעט מיט זינד, „זרע מרעים", פאַרדאָרבענע קינדער וועלכע האָבען פאַר־לאָזען זייער גאָט און צו שאַנדע געמאַכט דעם הייליגען אידישען נאָמען.

און די הויפּט אָנקלאָגע זיינע געגען דאָס אידישע פאָלק איז גע־ווען, „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי", קינדער וועלכע איך האָב גרויס געמאַכט און דערהויבען איבער אלע פעלקער און זיי האָבען געזינדיגט געגען מיר.

יאָ, גרויסער נביא: די זעלבע אַלטע קראנקהייט שפּיגעלט זיך נאָך איצט אויך אָפּ ביי אונז, ניט אַלע האַלטען פון דעם „גדלתי ורוממתי", אַז גאָט האָט אויסגעקליבען דאָס אידישע פאָלק פון אלע פעלקער און זיי דערהויבען העכער פון אַלע אומות. אונזערע רייכע אידען, אונזערע טיטולירטע און רעפּאָרמירטע אידען זאָגען: אַז מיר זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, דעריבער דאַרף ניט זיין מעהר אין האַרצען קיין אָרט פאר דעם „רגש־הלאומי", און קיין באַציהונג צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, און אז עס איז ניטאָ קיין אידישער עבר איז שוין ממילא ניט געבליבען מעהר קיין האָפנונג פאר אַ אידישען עתיד.

און אפילו די יעניגע וועלכע האַלטען נאָך כלומר'שט יאָ פון דעם „גדלתי ורוממתי" איז אָבער זייער כאַראַקטער אזוי וויך געוואָרען אַז עס איז אַ מיטלייד אויף זיי ארויפצוקוקען, זייערע אייגענע שעהנע

דר. י. ל. שניצער

שמעקעדיגע בלומען האָבען זיי געלאָזען פארוועלקט ווערען און געהען זוכען באַפּוצונג פאר זייערע הייזער און טעמפּלען פון פרעמדע בלומענטעפּ, פרעמדע מדות, פרעמדע זיטען, פרעמדע מנהגים, פרעמדע פרעדיגער און פרעמדע זינגער.

אַ פאָלק וואָס ערנידעריגט זיך אליין און שטעלט אַנדערע פעלקער העכער פון זיך. אַזאַ פאָלק רופט אָן דער גרויסער נביא מיט'ן נאָמען: „קציני סדום" און „עם עמורה" און הייסט זיי זאָגאָר ניט באַטרעטען דעם באָדען פון גאָט'ס הויז, ווייל אַלע זייערע גייסטיגע צערעמאָניעס זיינען אומווירדיג אין גאָט'ס אויגען, עס איז „אש־זרה", פרעמדע פייער, פרעמדע נאָכאָמונג און אַ פרעמדע מאַכערייקע.

אָט זעה איך פאר מיינע אויגען דעם צווייטען נביא, וועלכער האָט דעם שרעקליכען חורבן בייגעוואוינט, ער וואנדערט נעבעך ארום איבער די חורבות פון ירושלים און זיין הארץ צוגעהט פון ווייטאָג:

ער זעהט מיט טרויער פון דערווייטען\
ווי מען פיהרט דיין פאָלק אַוועק\
און די לעצטע העלדען שטרייטען....\
אָהן אַ נוץ און אָהן אַ צוועק.

אין פלאַם, אין בלוט איז אלץ פארטרונקען\
דורך דעם שונא'ס האַנט און שווערד,\
די שטאָלצע ציון ליגט געזונקען,\
אַלעס, אַלעס איז צושטערט.

גאָט! ווי קענסטו זעהן און שווייגען\
— איז דיין צוזאָג בלויז אַ טרוים? —\
ווי דער שונא האַקט די צווייגען\
פון דיין אַלטען, שטאָלצען בוים?

און אַ שטימע פון דער הויך\
רופט צום נביא מילד און ווייך:

מענש און תורה

„מייד פון אויג אויס דיינע טרערן
און דיין שטימע פון געוויין,
אויף זיין גלות־וועג דעם שווערן
געהט ישראל ניט אליין,
איך זיין וועכטער „אלהים״
געה אין גלות מיט, מיט איהם״.

און דער נביא שלומערט איין
אין אַ זיסען דרימעל
לייכטער ווערט זיין שמערץ און פיין
נאָך דער טרייסט פון הימעל.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ער קען מיט זיין שכל ניט פארשטיין ווארום אונזערע חכמים האָבען דערצעהלט אזעלכע מעשות און לעגענדעס וואָס זיינען זעהר איבערטריבען. נעהמט, צום ביישפיעל, די אלע מעשה׳לעך פון רבה בר בר חנה, אָדער פון נאָך אַזעלכע תנאים און אמוראים, וועט איר אויסגעפינען אַז אפילו ווען מען זאָל עס דערצעהלען אַ קינד וועט ער זיך אויך צולאַכען דערפון, טאָ ווי קומט עס אַז זיי זאָלען אונז דערצעהלען אַזעלכע איבערטריבענע זאַכען?...

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה פון דעם „ליובאַוויטשער רבי׳ן״:

רבי מנחם מענדעל דער ליובאַוויטשער רבי האָט אַמאָל געהאַט אַן אוידיענץ ביי אַ רוסישען מיניסטער וועלכער האָט זעהר שאַרף קריטיקירט דעם תלמוד, אַז עס געפינט זיך דאָרטען זעהר ווילדע און משונה׳דיגע גוזמאות, נעהמט צום ביישפיל די מעשה׳לע: אַז עס האָט געפלאַצט אַן איי פון אַ געוויסען פויגעל און עס איז פארפלייצט געוואָרען דערפון זעכציג שטעדט, און עס איז צובראָכען געוואָרען איבער דריי הונדערט צעדערבוימער. נו פרעג איך אייך, איז דאָס ניט די

דר. י. ל. שניצער

גרעסטע נאַרישקייט אין דער וועלט? פון אַזעלכע גוזמאות מוז זיך אַפילו אַ קינד צולאַכען, און איר אידען האַלטען אַזעלכע נאַרישקייטען פאַר דאָס גרעסטע ווערק אין דער וועלט!...

איך וועל אייך זאָגען, עקסעלענץ, האָט דער ליובאַוויטשער רבי אים געענטפערט. ניט לאַנג צוריק האָט די רוסישע רעגירונג ארויס־געגעבען אַן אוקאַז אז מיר אידען טאָרען ניט וואוינען אין אַ שטח פון פופציג וויאָרסט אַרום די גרעניצען, פאַרשטעהט זיך דאָך אַז מיר אידען האָבען פאַרלאָרען אונזער וואוינרעכט אין זעקס הונדערט שטעט, היינט שטעלט זיך פאָר אַז איינער זאָל וועלען באַשרייבען די זאַך אַז דאָס זאָל בלייבען לזכרון אויף די שפּעטערדיגע דורות און מורא האָבענדיג צו קריטיקירען עפענטליך די גזירה פון דער רעגירונג, וועט ער געצוואונגען זיין צו שרייבען די היסטאָריע אויף אַזאַ מין לשון: עס איז אַמאָל געווען אין רוסלאנד אַ גרויסער מעכטיגער הער־שער וועלכער האָט באַוויזען זעהר וואונדערליכע זאַכען, מיט איין טראָפּען טינט פון זיין פען זיינען דערטרונקען געוואָרען זעקס הונ־דערט שטעט. היינט קענען מיר אלע גוט פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט און עס איז אויף אַ האָר ניט איבערטריבען, אָבער מיט דורות שפּע־טער ווען מענשען וועלען דאָס לייענען וועלען זיי זיך אויסלאַכען דערפון און זאָגען: אַז דער שרייבער איז געווען אַ גרויסער שוטה צוזאַמענשטעלען אַזאַ מין טשעפּוכא!...

דאָס זעלבע עקסעלענץ איז אויך מיט די זאַכען וואָס ווערען דער־ציילט אין תלמוד. נאָך אַ ווייטקייט פון טויזענדע יאָרען קלינגט עס זעהר משונה׳דיג, אָבער די מענשען פון זייער דור האָבען געוואוסט אויף וואָס דאָס באַציהט זיך, און דאָס וואָס זיי האָבען געשריבען איז אמת וצדק, נאָר זיי האָבען מורא געהאַט דאָס עפענטליך צו באַשרייבען, האָבען זיי עס כלומר׳שט אין אַ לעגענדע דערציילט.

תשעה באָב

זיצט ישראל ווי אַן אָבל אויף דער ערד און זאָגט קינות. ער האָט יאָרצייט נאָך זיין לאַנד, נאָך זיין היים, נאָך זיין רוהם, נאָך זיין פארגאנגענהייט. אין דעם טאָג איז ער, נעביך, אַ וואנדערער געוואָרען, אין דעם טאָג האָט מען פון אים זיין נאַציאָנאַלען פּאָליטישען שטאָלץ אַוועקגערויבט. יאָ, ער האָט אויף וואָס צו קלאָגען, ער האָט אויף וואָס צו טרויערען.

נאָך דעם חורבן בית המקדש האָט ישראל פאַרלאָזען זיין היים און גענומען וואַנדערען אין פרעמדע לענדער. מיט דעם וואַנדער־שטעקען אין איין האַנט און מיט זיין תורה אין דער צווייטער האַנט האָט ער דורכגעוואנדערט דעם גאַנצען ערד־קוגעל. ער האָט זיך אין פילע, פילע פלעצער אָפּגעשטעלט, אָבער איידער ער האָט זיך נאָך אויסגערוהט פון זיין לאַנגען שווערען וועג, איידער די וואונדען פון זיינע פיס זיינען פארהיילט געוואָרען פון די שלעכטע שטיינערנע וועגען, האָט מען שוין גענומען שרייען: „וואַנדער ווייטער, פאַרשאָלטענער איד! וואַנדער, ווייטער! וואַנדער ווייטער"!

ענדליך איז אים געלונגען צו געפינען אַן אומגעזונד שמוציג ווינ־קעל זיין קאָפּ אַנצושפּאַרען. „געטאָ" האָט מען דעם ווינקעל גערופען. און ער האָט זיך דאָרטען באזעצט. אָבער מען האָט אים דאָרטען אויך מיט צרות און רדיפות גענומען פארפאָלגען. וואָס ער האָט געטאָן איז אַלץ די שכנים ניט געפעלען געוואָרען. האָט ער געוואָלט דורך פלייס און ענערגיע דעם לאַנד נוצליך זיין, איז געוואָרען אַ רעש, אַז ער איז צו ריהרעווידיג און זיין אונטערנעהמונגס־גייסט צו גרויס. האָט ער זיך צוריקגעצויגען פון די ניצליכע מעשים פון לאנד, איז גע־וואָרען אַ לאַרעם, אַז ער איז אונטעטיג און זעהר פויל. האָט ער זיך

דר. י. ל. שניצער

צוריקגעצויגען פון בילדונג, האָט מען אים געקרוינט מיט די גיפטיגסטע שפּאָט־נעמען צוליב זיין פארזונקענקייט און פינסטערניש. האָט ער זיך גענומען צו בילדונג, האָט מען דער ענטוויקלונג פון זיינע פעהיג־קייטען יעדע מעגליכע שטערונג אין וועג געלייגט, כדי זיין גייסט צו פארניכטען. מען האָט אויך געזוכט אים זיטליך צו רואינירען. מען האָט אים אויסגעשלאָסען פון אַלע עהרענהאַפטע באַשעפטיגונגען, פון האַנדווערק, פון אַקער־בוי, פון אַמטען און פון לערענשטאַנד. מען האָט אים געשטערט צו קויפען לאַנד עס צו באַארבייטען, כדי מען זאָל קענען שרייען „נרפים הם״ — זיי זיינען פוילענצער, זיי ווילען זיך דער פעלד־ארבייט ניט ווידמען. צו ערנעהרען זיין פאַמיליע האָט ער זיך גענומען צום האַנדעל, און דאָ זיינען ארויס זיינע שונאים אין זייער ריכטיג געשטאַלט און גענומען אָנפירען אויף אים באַיקאָטען, דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל ארויסגעריסען. מען האָט אים גע־נומען שטעלען צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגען פון דער ארומי־גער וועלט, אלס בלוט־זויגער, אלס שווינדלער און אלס געלד־גייץ.

און אפילו איצט, אין דעם צוואַנציגסטען יאָרהונדערט, גייען נאָך אַלץ אָן די זעלבע העצעס און די זעלבע פארלוימדונגען ווי אַמאָל. אמת, מען האָט פון דעם אייביגען וואנדערער די קייטען אראָפּגענומען, אָבער מען פיהרט אָן טאָג־טעגליך געגען אים אַ סיסטעמאַטישע אויס־ראָטונג־פּאָליטיק אים צו פארניכטען. נאָר זיך גערעכט צו מאַכען אין דער איצטיגער אויפגעקלערטער צייט, פארשפּרייט מען אין וואָרט אויף פארזאמלונגען און אין שריפט דורך דער אידען־פיינטליכער פּרע־סע נאַרישע בלבולים. יעדער צייטונג אַרטיקעל איז דורכגעזאַפּט מיט אַ גרויסער מאָס גיפט און שנאה. „אוכלי עמי, אוכלי לחם״ — אַנ־שטאָט ברויט צו פריהשטיק עסען זיי אידען. מען רייצט אויף די אונ־באַוואוסטזיניגע מאַסען און מען גיט איבער דעם גורל פון די אידען אין די הענט פון א רויהען פעבעל און ווילדע היטלעריסטען.

יאָ, ישראל, דו האָסט, נעבאך, געננג אויף וואָס צו קלאָגען. דיין גאַנץ לעבען איז אַ סדרה פון חורבנות, אַלטע חורבנות און נייע חורבנות. די נייע חורבנות זיינען נאָך פיעל, פיעל ערגער ווי די

אַלטע. נעמט, צום ביישפּיל, דעם טראַגישען בילד וואָס דער מדרש שטעלט אונז פאַר אין דער צייט פון חורבן: עס ברעכט אויס אין ירושלים אַ שרעקליכער הונגער, מענשען פאַלען ווי פליגען, די טעכ־טער פון ציון געהען אום איבער די גאַסען און זוכען אַ שטיקעל ברויט, זיי פאַלען אַוועק טויט פון הונגער און זייערע זויג־קינדער פויזען און קריכען צו צו דער טויטער מוטערס ברוסט, זיי זוכען מיט דער מו־טערס מילך צו שטילען זייער הונגער און געהען נעבאַך אויס אין דער מוטערס שויס.

אַט דעם זעלבען חורבן האָבען מיר איצט אויך דאָ אין אונזער געבענשטען לאַנד אַמעריקא. טויזענטער קינדער אונזערע געהען נעבאַך אויס פון הונגער — ניט קיין ברויט־הונגער, נאָר אַ נשמה־הונגער... זיי זוכען נעבאַך אין דער מוטערס ברוסט, אָבער דאָרטען איז ליידיג. די מאַמע האָט קיין אידישע מילך ניט. די מאַמע פון דעם נייעם דור ערנעהרט זיך פון „ברידזש פּארטיס", פון „פּאָיקער פּאַרטיס" און פון נאָך אַזעלכע אונטערהאַלטונגען. די מאַמע ווייסט ניט פון אידען און אידישקייט. די מאַמע ווייס ניט פון אידישער קולטור, פון אידישע דינים און מנהגים אָדער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דער מאַמעס ברוסט איז טרוקען... און מיט דעם ביסעל טרוקענע מילך זויגט זי אָן אירע קינדער. אַ גייסטיגער הונגער! אַ גייסטיגער חורבן!

***

תשעה באָב.

דער בית המקדש אין פלאַמען, די גאַסען פון ירושלים אויסגע־פלאַסטערט מיט הונדערטע טויזענטע הרוגים, די בעסטע אידישע קינדער אויסגעשלאַכטעט, אומעטום בלוט, בלוט, און בלוט. דאָך אָבער זאָגען אונזערע חכמים אז אין דעם טאָג איז „משיח" געבאָרען געוואָרען. אין דעם אומגליקליכסטען טאָג פון דער אידישער גע־שיכטע איז אונזער „גואל־צדק" געקומען אויף דער וועלט.

דר. י. ל. שניצער

זיין נאָמען איז „מנחם״, און ער וועט אין דער באַשטימטער צייט קומען און אויסלייזען די אידען פון גלות.

אין דער פינסטערניש פון תשעה באָב האָט אויפגעשיינט דאָס ליכט פון דער „גאולה״.

נאָר אַ פאָלק ווי די אידען וואָס האָבען געקענט אין דער מינוט פון זייער פארצווייפלונג געפינען טרייסט אין אַ ווייטער צוקונפט, מוזען בלייבען אומשטערבליך...

ער גלויבט, ער האָפט, און האָט בטחון אז די שלעכטע צייט וועט אַריבערגעהן און עס וועט קומען בעסערע צייטען, דאָס איז דער אידישער אָפטימיזם וואָס פארלאָזט ניט דעם באוואוסטזיניגען אידען אַפילו תשעה באב. „מנחם״ איז אין דעם טאָג געבאָרען געוואָרען, און „מנחם״ וועט אים צוריק אַהיים פירען, מען דאַרף ניט קיין אומגליקליכערען מענשען ווי ירמיהו הנביא איז געוועזן, מיט זיינע אויגען האָט ער צוגעזעהן דעם שרעקליכען חורבן פון זיין פאָלק און האָט אַליין געליטען אין דעם חורבן.

פונדעסטוועגען האָט ער קלאָגענדיג זיינע איכה׳ס, נאָך אַלץ געפונען אַ טרייסט פאַר די אידען, און פון צווישען זיינע טרעהרען האָט ער אויסגערופען:

„ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד״.

***

פאַלט אריין אין מיינע הענט אַן אַנאָנסע פון אַ אידישען פידעלשפילער מיט אַ איטאַליעניש︠ען נאָמען, אַז ער וועט געבען אַ „ריסייטעל״ תשעה באָב ביינאַכט אין אַ געוויסען האָל. און פארלאנגט, אַז דאָס אידישע פובליקום זאָל אים קומען הערען, ווייל ער וועט צווישען זיינע קלאַסישע זאַכען אויך אריינוואַרפען אַ פאַר „איכה״ נומערען, זיין פידעל וועט קינות זאָגען.

לייענדיג דעם אויפרוף, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער לעגענדע פון דעם לוי אחסור.

מענש און תורה

ווען נבוכדנצר האָט געטריבען די אידען קיין בבל, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבען בבל׳ס טייכען, דאָרטען האָט ער באַשלאָסען זיין נאַכט־לעגער אויפצושטעלען.

הונגעריגע און פארשמאַכטע האָבען זיך די אידען אוועקגעזעצט ביים ברעג טייך, די לוים האָבען זייערע פידלען אויפגעהאַנגען אויף די צווייגעלאך פון די בוימער, וואָס זיינען געוואַקסען ארום טייך, און געהאָרכט ווי דער ווינט קלאַפּט נאָכ׳ן טאַקט אויף די סטרונעס און לאָזט הערען אומעטיגע טענער.

הייסע טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט פון זייערע אויגען און זיינען אַראָפּגעפאַלען אין טייך. זיי האָבען זיך אָבער ניט צומישט מיט דעם וואַסער. אידישע טרעהרען וועלען זיך קיינמאָל ניט צומישען מיט בבל־וואַסער.

און די גענעראלען מיט די זיעגרייכע קריגער האָבען זיך ארומ־געקליבען ארום די לוים. שכור זיינען זיי געווען פון די וויינען פון לבנון און האָבען פארלאַנגט, אַז די לוים זאָלען שפּילען פאר זיי אַ זיעגס־ליד, באַזינגען זייער זיעג איבער די אידישע העלדען. האָבען זיך די לוים אויפגעהויבען און מיט שטאָלץ אויסגעשריען: „מיר לאָכען פון אייער גבורה! מיר וועלען בעסער שטאַרבען, איידער צו זינגען גאָט׳ס געזאַנג אין אַ פרעמדע לאַנד״!

די כשדים זיינען באַפאַלען די לוים און מיט די גרעסטע יסורים אין דער וועלט זיי גענומען מאַטערען, אָבער די לוים זיינען ביי־געשטאַנען אַלע נסיונות, און זיך ניט אונטערגעגעבען צו באַזינגען דעם נצחון פון זייער שונא. נאָר איין לוי איז דאָרטען געווען, מיט׳ן נאָמען אחסור, זיין מוטער איז געווען פון די אדומים, און ווי אַלע אדומים האָט ער ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון הונגער און טויט, האָט ער פאר אַ טאָפּ לינדזען, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט, גע־כאַפּט זיין פידעל און גענומען שפּילען פאר׳ן שונא אַ זיעג־ליד.

שפּילענדיג די פרעהליכע לידער, און ריהמענדיג די גרויסע גבורות פון שונא, האָט ער זיך דערמאָנט אָן ירושלים, וואָס איז נאָר וואָס חרוב געוואָרען, איז ער שטאַרק אומעטיג געוואָרען און האָט

דר. י. ל. שניצער

געגומען מישען אין זיין געזאַנג פרייד און קלאָג. איז אַרויס אַ בת קול פון הימעל און האָט געזאָגט צו אחסור: „זיי פאַרשאָלטען, אחסור, פון גאָט! וואַנדערען זאָלסטו מיט דיין פידעל אין האַנט, דינען פרעמדע פעלקער און קלייבען די ביינער אונטער זייערע טישען. נאָר ווייל דו האָסט זיך אויך דערמאָנט אָן חורבן ירושלים, ווען דו האָסט גע־שפּילט דאָס זיעג־ליד פאר די כשדים, דערפאר וועלען דיינע ברידער זיך ניט אָפּטרייסלען פון דיר און אונטערשטיצען כלומר׳שט דיינע קאָנ־צערטען.

אָט אַזוי וואַנדערט אחסור ארום צווישען די פעלקער מיט זיין פידעל אין האַנט, ער בייט זיין נאָמען, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער איז אַ פראנצויז, אָדער אַ איטאַליענער, אָבער מען דערקענט באלד, אַז דאָס איז אחסור דער פייגלינג, וואָס פארקויפט פאַר אַ טאָפּ לינדזען זיין גאַנצע אידישקייט, נאָר פלוצים דערמאָנט ער זיך אָן חורבן ירושלים און אָן די אידישע פּאָר סענט, געהט ער ארייננווארפען צווישען זיינע קלאַסישע זאַכען אַ פּאָר „איכה" נומערען.

שבת נחמו

נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם.

טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאָלק, זאָגט צו אייך אייער גאָט. מיר געפינען אין די ווערטער אַ „נחמה כפולה״, אַ טאָפּעלטע טרייסט, אַ פאַרבינדונג פון „עמי״ און אלהיכם״, גאָט און פאָלק, רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, צו ווייזען אַז די ריכטיגע טרייסט קענען מיר אידען האָבען נאָר ווען „עמי״ און „אלהיכם״ געהען צוזאַמען. קוים אָבער טיילען מיר זיי פונאַנדער, אזוי געהען ארום ניט קיין דערבאַקענע נשמות אויף דער וועלט, האַלבע אידען, וועלכע זוכען און בענקען נאָך עפּעס און ווייסען ניט נאָך וואָס. די האַרץ ווערט פּוסט, די נשמה ליידיג, און דאָס לעבען האָט קיין אינהאַלט ניט.

אַמאָליגע צייטען איז זעהר ליכטיג געווען אין אונזער סביבה, ווייל אין יעדען אידישען הויז האָבען געברענט צוויי ליכט: דאָס ליכט פון רעליגיאָן און דאָס ליכט פון וויסענשאַפט. דעריבער זיינען טאַקע אונזערע עלטערען פיעל גליקליכער געווען פאר אונז, זייער שטאַרקער גלויבען האָט זיי געגעבען מוטה, קראַפט און האָפנונג ניט אזוי אויף יענער וועלט, נאָר אויך אויף דער וועלט.

היינטיגע צייטען אָבער ברענען זעהר זעלטען דיביידע ליכט צו־זאַמען. קוים צינדט מען אָן דאָס ליכט פון וויסענשאַפט, אזוי פאַרלעשט מען באַלד דאָס ליכט פון אמונה. פאַרקעהרט ווידער, מיר האָבען אַזעלכע „קנאים״ וואָס קוים צינדען זיי אָן דאָס ליכט פון אמונה, אזוי פאַרלעשען זיי באַלד דאָס ליכט פון וויסענשאַפט. ביני לביני קומען אַרויס אַזעלכע פּערזענליכקייטען וואָס ברייגנען גאַנץ ווייניג מאַ־טעריעלע נוצען דעם כלל ישראל.

קוקענדיג ווידער אויף די צוויי עלעמענטען האָט אונזער יוגענט אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז צו פאַרשווינדען פון אונזערע רייהען און

דר. י. ל. שניצער

געגומען זוכען בלומען אין פרעמדע גערטנער. עס איז די מעשה פון מדרש מיט יענעם יונגענמאַן וואָס איז געגאַנגען אין פעלד און האָט דערזעהן אַ ברענענדע קויל, האָט ער געמיינט אַז דאָס איז אַ דימענט וואָס לייכט. ווען ער האָט עס גענומען אין דער האַנט האָט ער פאַר־ברענט זיינע פינגער. אין אַ צייט ארום איז ער ווידער געגאַנגען אין פעלד און האָט דערזעהן ווי עס ליגט אַ ריכטיגער דימענט, האָט ער מורא געהאַט דאָס אָנצוריהרען, טאָמער וועט ער זיינע הענט פאַר־ברענען.

אָט אַזוי איז אויך מיט אונזער יוגענט, זיי ווייסען, נעבאַך, ניט דעם אונטערשיד פון דימענטען און קוילען. זיי דענקען אז אין אונ־זער גייסטיגען פעלד געפינט זיך בלויז פאנאטיזם, קלעריקאַליזם און נאָך אַזעלכע שווארצע קוילען וואָס ברענען און בראָטען. זיי ווייסען ניט אַז אונזער תורה איז געווען די ערשטע וואָס האָט געגעבען דער וועלט נייע אידעען, נייע לאָזונגען, נייע באַגריפען און דערהויבונגען פאר דעם גאַנצען מענשליכען מין.

אָט דעריבער שטעלט פאָר די מליצה אַז גאָט אליין בעט אַז מען זאָל אים טרייסטען, ווייל זיינע קינדער זיינען אַוועק פון אים און גע־בליבען גאָטלאָז, אָן אַ גאָט און אָן אַ גלויבען, עלענדע און אונגליקליכע קינדער.

און דאָס קען אויך זיין די מיינונג פון דעם וואָס די גמרא דערציילט אונז: רבי יהושע בן חנניא איז געקומען אין רוים, האָט מען אים דער־ציילט אַז אין געפענגעניש דאָרטען געפינט זיך אַ יונגערמאַן, זעהר אַ שעהנער, מיט ליכטיגע אויגען און געקרייזעלטע לאָקען. איז רבי יהושע אַוועק צו דער געפענגעניש און גענומען זאָגען דעם פסוק פון ישעיה: „מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים" — ווער האָט די אידען איבערגעגעבען אין די הענט פון די רוימער? „ענה ואמר" — האָט דער יונגער מאַן אים געענטפערט: „הלא ד׳ זו חטאנו לו ולא אָבו בדרכיו הלוך" — מיר האָבען געגען אים געזינדיגט און ניט גע־וואָלט געהן אין זיינע וועגען.

ווי עס קוקט אויס, איז שוין דאַן, אין חורבן־צייט אויך אָנגעגאַנגען

מענש און תורה

אַ גאַנצע מחלוקה צווישען דעם אַלטען דור און דעם נייעם דור. דער אַלטער דור האָט געשריען: אַז אַלע צרות און יסורים וואָס מיר ליידען פון די אומות העולם איז נאָר צוליב דעם וואָס מיר היטען ניט אָפּ אונזער אייגענע קולטור, מיר קריכען אין פרעמדע גערטנער און זוכען צו געניסען פרעמדע פרוכט.

דער יונגער דור, ווידער, האָט געזאָגט פארקעהרט: די אַלע רדיפות וואָס מיר ליידען פון די אומות העולם איז בלויז צוליב דעם וואָס מיר דערווייטערען זיך פון זיי און לעבען אָפּגעזונדערט. ווען מיר זאָלען זיך אָבער דערנעהנטערען צו זיי און ווערען מיט זיי חבר־לאַפּ, וועלען מיר ווערען ווי איין פאַמיליע.

רבי יהושע בן חנניא האָט דערהערט אַז אַ געוויסער יונגערמאַן, אַן אָנפירער פון דעם יונגען דור, וועלכער האָט נאָכגעטאָנצט די רוי־מער אין זייערע זיטען, מנהגים, פריזיר און פוץ, זיצט אין געפענגע־ניש, איז ער אים געגאַנגען באַזוכען און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

„נו, יונגערמאַן? דו האָסט זיך דאָך שוין יאָ געהאַט דערנענטערט צו די אומות העולם און נאָכגעטאָן זייערע שעהנע מעשים, וואָס זאָגסטו איצט? ווער דענקסטו איז איצט שולדיג וואָס יעקב ווערט געטראָטען מיט די פיס”?

האָט דער יונגערמאַן אים געענטפערט:

„איך מוז מודה זיין רבי אז איך האָב געמאַכט אַ טעות, איך האָב געדענקט אַז וואָס מעהר מיר וועלען זיך מיט זיי ברידערען אלץ מעהר וועלען זיי אונז ליעב האָבען, צום סוף אָבער האָב איך אויסגעפונען אַז וואָס מעהר מיר דערנענטערען זיך צו זיי אַלץ מעהר האַסען זיי אונז. „הלא ד׳ זו חטאנו לו” דאָס האָט אונז גאָט געשטראָפט וואָס מיר האָבען אַוועקגעוואָרפען אונזער אייגענע אידישע קולטור און זיך גענומען צו זייער לעהרע, אָט דאָס האָט אויף אונז דעם חורבן גע־בראַכט”!

און דער יונגערמאַן האָט אַוועקגעוואָרפען אַלע זיינע אסימילאַ־טאָרישע געדאַנקען און איז שפּעטער געוואָרען דער גרויסער רבי ישמעאל בן אלישע.

אלול

מען לאָזט וויסען דעם אַלטען ישראל, אַז ער דאַרף אויסמאַכען זיינע „אינקם־טעקס״ פּאַפּירען, געבען דער רעגירונג א רעכענונג און אַ יערליכען באַריכט פון זיינע איינגאַמען און אויסגאַבען: וויפיל געלט עס איז אים אַוועקגעגאַנגען אויף זיין גוף און וויפיל געלט ער האָט אויסגעגעבען אויף צדקה און מעשים טובים. מיט דער רע־גירונג קען מען אויך קיין קונקעל־מונקעל געשעפטען ניט מאַכען. ווייל „וכל מעשה ידיו בספר נכתבים״ — אַלע פירונגען זיינע ווערען אין אַ בוך איינגעשריבען. „וחותם יד כל אדם בו״ — און מיט זיין אייגענער חתימה פארפעטשאַטעוועט.

געהט טאַקע נעבאַך אַרום ישראל אַ דערשראָקענער און לויפט דריי מאָל אין טאָג אין דער רעגירונגס־געביידע, שמייכעלט צום רבונו של עולם און זוכט צו ווערען מיט אים אַ גאַנצער שמעלקע. ניט אומזיסט האָט מען אַ נאָמען געגעבען דעם חודש „אלול״, ווייל די ראשי תבות פון „אלול״ מאַכט: „אני לדודי ודודי לי״. איך ווער פּאַני־בראַט מיט מיין פריינט, און מיין פריינט ווערט פּאַני־בראַט מיט מיר.

***

געהען אום אידען און קרעכצען אויף דער איצטיגער דעפּרעסיע. ניט אַזוי אויף דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון אונזערע אַמעריקאַנער ברידער, ווי אויף דעם גייסטיגען. זיי זאָגען, אַז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון פונאַנדערפאַלען קומט איצט פאָר אין דעם אידישען גייסטיגען לעבען. די קולטורעלע, רעליגיעזע און ערציהערישע אַנ־

שטאַלטען זיינען געקומען צו אַ מדרגה פון נאָהענטען אונטערגאַנג. אַ סך אינסטיטוציעס, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידענטום האָט אין די לעצטע יאָרען אויפגעבויט, ווערען איצט אין גאַנצען אויפגעלייזט, קורץ, די עקאָנאָמישע דעמאָראַליזאַציע געהט מאַכען אַ תל עולם פון דעם גאַנצען אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען אין אַמעריקא.

איך אָבער בין ניט אַזוי פעסימיסטיש. איך זאָג גראַדע פאַר־קעהרט, אז די דעפּרעסיע וועט איצט ברייננגען אַ ביסעל מעהר אָרדנונג אין אונזער לאַגער, ווייל — „ישראל ודעפּרעסיע חד הו״ — דער איד און דעפּרעסיע זיינען איינס, וואָרום וועלכער איד האָט דאָס ניט דורכגעמאַכט אַ קריזיסעל אין זיין לעבען? אין יעדען לאנד, וואו מיר קומען, מאַכען מיר דורך אַזאַ מין טענצעל. און וואָס גרע־סער די דעפּרעסיע, אַלץ פעסטער און פעסטער בינדען מיר זיך צוזאַמען. „פּראָספּעריטי״ איז ניט אַזאַ גוטער מאכל פאַר אונז, ווייל „ורם לבבך ושכחת״ — ווען דער איד ווערט אַביסעל האפערדיג, פאַנגט ער אָן צו שפּרינגען פון די האָלאָבעס און פאנגט אָן זיך צו בלאָזען און פארגעסען.

וועגען דעם גייסטיגען צושטאַנד ווידער איז אויך ניט אזוי גע־פעהרליך. יעדער געשעפטסמאַן דאַרף אַמאָל מאַכען אַ חשבון, וואו ער האַלט אין דער וועלט. „דעפּרעסיע״ זיינען „אלול־טעג״, טעג פון רעכענונג און פון חרטה. דאָס אַמעריקאַנער אידענטום מאַכט איצט דורך אַ חשבון־הנפש און נעהמט ארויף אויף זיך אַ חרטה אויפ׳ן עבר און אַ קבלה אויף להבא: ניט אויפצושטעלען מעהר קיין גרויסאַרטיגע פּאַרמאָרטגעידזשטע בנינים פאַר די צוועקען פון רע־ליגיע, אָדער סאָציאַלע טעטיגקייטען. דער אַמעריקאַנער איד וועט איצט בויען גייסטיגע געביידעס נאָך זיינע קרעפטען און נאָך זיין קע־שענע נאָך. אָבער בויען וועט ער, ווייל ער ווייסט, אַז די גייסטיגע געביידעס האַלטען אויף זיין לעבען און זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט.

און דאָס קען זיין, האָט די גמרא געמיינט מיט דעם וואָס זי דער־ציילט אונז: „אָמרו ליה לרבי יוחנן איכא סבי בבבל״ — מען האָט

דר. י. ל. שניצער

דערציילט רבי יוחנן אַז עס זיינען פֿאַראַן אַלטע לייט אין בבל; „תמה" — האָט ער זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און אַ פרעג געטאָן: ווי קען עס געמאָלט זיין? עס שטייט דאָך אויסדריקליך: „למען ירבו ימיכם על האדמה" — אַלטע לייט קענען נאָר בלויז זיין ווען אַ פאָלק האָט איהר אייגען שטיקעל ערד? „אמרו ליה דקדימו, וחשיכו בבית כנשתה" — האָט מען אים געענטפערט, אַז זיי האָבען דאָרטען שולען אויסגעבויט, „אמר הני דאהני להן" — האָט רבי יוחנן געזאָגט: אָט דאָס האָט זיי אַ סך ארויסגעהאָלפען.

אויבערפלעכליך קוקט אויס די גאַנצע זאַך אַביסעל נאַריש, אָבער ווען מען טראַכט זיך גוט אריין אין די ווערטער, קען מען זעהן וואָס פאַר אַ טיפער געדאַנק דאָרטען ליגט.

אַז מען האָט דערציילט רבי יוחנן, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַלטע לייט אין בבל, אין גלות, האָט ער זיך זעהר שטאַרק פארוואונדערט: אַ פאָלק קען נאָר לעבען לאַנג, ווען עס האָט זיין אייגען לאַנד, זיין אייגענע מלוכה. דער איד, אָבער, דער אייביגער וואנדערער, ער האָט ניט קיין לאַנד, ער האָט ניט קיין היים, טאָג־טעגליך מאַכט מען אויף אים פאָגראָמען, מען צורויבט זיינע געשעפטען, מען ערמאָרדעט זיינע קינדער. מען פירט אָן געגען אים אַ שטילע דיסקרימינאַציע, אַז ער זאָל פון הונגער אויסגעהן. ווי קען אַזאַ פאָלק אַלט ווערען אין אַזעלכע פינסטערע ביטערע אומשטענדען?... האָט מען אים גע־זאָגט: אַז דער איד בויט שוהלען און גייסטיגע אינסטיטוציעס אין גלות, אין יעדען לאַנד, וואו ער קומט בויט ער אויס שוהלען, חדרים, ישיבות און נאָך אַזעלכע בנינים. האָט רבי יוחנן זיך אָפּגערופען: איצט איז מיר די קשיא פארענטפערט. אָט די גייס־טיגע אינסטיטוציעס, וואָס דער איד בויט אין גלות, אָט דאָס איז די קמיע צו זקנה. אָט די „משכנ׳ס" וואָס זיי בויען אין דער מדבר, דאָס האַלט זיי צוזאַמען און לאָזט זיי ניט אונטערגייך. דאָס גיט זיי אויך קראַפט, מאַכט און האָפנונג אַריבערצוטראָגען זייערע צרות...

**
*

מענש און תורה

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

די חכמים זאָגען אונז: „אם יאמרו לך יש חכמה בגוים תאמין, תורה בגוים אַל תאמין" — אַז מען וועט דיר זאָגען, אַז עס געפינט זיך קלוגשאַפט, וויסענשאַפט, קונסט, טאַלאַנט און געשמאַק ביי די פעלקער, דאָס זאָלסטו גלויבען. אָבער אַז מען וועט דיר זאָגען, אַז עס געפינט זיך אַ תורה ביי די פעלקער, אַ זיטען־לעהרע פון מאָראל, פון עטיק, און ווי זיך צו פיהרען אויף דער וועלט, דאָס זאָלסטו ניט גלויבען, ווייל די אַלע זאַכען האָבען זיי פון אונז גענומען. הייסט עס, אַז אונזער תורה איז דאָס וועלטליכע „לעהר־בוך" און מיר אידען, וועלכע רופען זיך „עם הספר" זיינען דאָס די מלמדים, די לעהרער, די מגידים און די פּרעדיגער אויף דער וועלט.

פרעגט זיך אַ פראַגע: אויב דער אויבערשטער האָט שוין יאָ געוואָלט אונז מאַכען פאַר פּרעדיגער אויף דער וועלט, האָט ער אונז געדאַרפט לאָזען בלייבען אויף אונזער אייגענער נחלה, אויף אונזער אייגענעם לאַנד, פאַר בכבוד'ע בעלי־בתים, וואָלט די וועלט מעהר רעספּעקט געהאַט, אָבער ניט מאַכען אונז פאַר אָרימע לייט, פאַר יורדים און ארומטרייבער. וואָס פאַר אַ דרך ארץ קען די וועלט האָבען פאַר אָרימע „פּיעכאָטנע מגידים"?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענע דריי מגידים:

אין אַ שטאָט איז אָפּגעשטאָרבען דער מגיד, האָט קהל געמאַכט אַן אסיפה מיישב צו זיין זיך וועגען נעהמען אַ נייעם מגיד. רופט זיך אָפּ דער גביר פון שטאָט, וועלכער איז געוועזן אַ גרויסער למדן און נאָך אַ רעדנער אויך דערצו: „איך זעה ניט איין צו וואָס מען דאַרף אויסגעבען געלד אויף אַ פרעמדען מגיד? איך וועל ביי אייך זיין מגיד גאַנץ אומזיסט".

די שטאָטלייטע האָבען איינגעוויליגט, און דער גביר פלעגט פאַר זיי יעדען שבת האַלטען אַ דרשה און זיי מוסר'ן, אַז זיי זאָלען זיין פרום און ערליך, ניט זאָגען קיין ליגען, ניט האָבען קיין פאַלשע

מאָס און וואָג און נאָך אַזעלכע שטראָף־רייד. אָבער זיין מוסר־זאָגען האָט גאָנץ ווייניג וואָס געווירקט, ווייל די אָרימע בעלי בתים און די קליינע קרעמער פלעגען זאָגען:

„אים איז גוט צו זאָגען מוסר, אַז מיר זאָלען האַנדלען ערליך. ער איז רייך, זיינע געשעפטען געהען גוט, קען ער באַהויפּטען צו זיין אָרענטליך. ווען ער וואָלט אָבער געווען אין אונזער שטאַנד, וואָלט ער אַזעלכע מוסר ניט געזאָגט".

זעהענדיג, אַז זיינע מוסר העלפט ניט, האָט זיך דער גביר אָפּ־געזאָגט פון די מגידות, און האָט עס געהייסען איבערגעבען צו אַן אָרימען מלמד, וואָס האָט געוואוינט אין דער זעלבער שטאָט. דער אָרימער מלמד האָט אויך אָנגעהויבען זאָגען די זעלבע מוסר וואָס דער גביר האָט געזאָגט, אָבער ער האָט אויך ווייניג וואָס געווירקט, ווייל די גרויסע סוחרים און די רייכערע בעלי בתים פלעגען זאָגען:

„אים איז לייכט צו זאָגען, אַז מיר זאָלען זיין פרום, וואָס וויס דער אָרעמער מלמד פון האַנדעל און פון מסחר? ווען ער וואָלט געהאַט אַזעלכע הוצאות, דאגות און קאָפּדרעהעניש ווי מיר, וואָלט ער אויך ניט בעסער געווען".

ווען מען האָט געזעהן, אַז דער אָרימער מלמד העלפט אויך ניט, האָט מען אים ארונטערגעזעצט און מען האָט גענומען אויף זיין אָרט איינעם וואָס איז אַמאָל געווען זעהר רייך, נאָר ער איז נעבאך געוואָרען אַ יורד און אַן אָרעמאַן. צו זיין מוסר האָט מען זיך שוין יאָ צוגעהערט, ווייל ער האָט שוין געוואוסט דעם טעם פון צו זיין אַמאָל רייך און איצט אָרעם.

ווען מיר וואָלטען געהאַט אַ לאַנד און געווען רייכע מגידים, וואָל־טען די אָרימע פעלקער זיך ניט צוגעהערט צו אונזער לעהרע, וואָלטען מיר ווידער גאָר קיין לאַנד ניט געהאַט, וואָלטען זיך די רייכע פעל־קער צו אונזער לעהרע ניט צוגעהערט. איצט אָבער, אַז מיר זיינען געווען אַמאָל רייך און געוואָרען אָרעם, קענען מיר מיט אונזער לעהרע ווירקען אויף אַלע פעלקער...

סליחות

סליחות.

ווי אַ ווינט רודערט אויף די פאַרשלאָפענע צווייגען, אזוי רודערט אויף דאָס וואָרט „סליחות" ביים אידען אין האַרצען, און ווען מיליאָנען מענשען ליגען אויף זייערע בעטען און רוהען זיך אויס פון זייער שווערען טאָג ארבייט, נעהמט דאַן דער איד זיין „לעדזשער", זיין געשעפט־בוך אונטער'ן אָרעם און געהט קלאַפען אין טיר פון זיין קרעדיטאָר. אַ שרעקליכע אומרוהיגקייט כאַפּט אָרום זיין נשמה, ווייל ער ווייסט אַז לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך" — ניט מיט חסד און ניט מיט גוטע טהאַטען קומט ער איצט צו זיין „מאַרגיידזשי". „כי אם כדלים וכרשים דפקנו דלתיך" — נאָר ווי אַן אָרעמאַן, אַן אביון געהט ער איצט קלאַפען אין זיין טהיר, ווייל דעם גאַנצען קאַפּיטאַל וואָס ער האָט אים געבאָרגט, האָט דער קערפּער אויפגעגעסען. און אויף דעם משכון, פאַר דער אָרעמער נשמה איז נעבאַך, גאָרניט געבליבען. געהט ער דאָס אים איצט בעטען מיט תחנונים און זאָגט: „הנשמה לך" — די נשמה איז טאַקע דיין אייגענטום, דיין „סעקיוריטי", אָבער „והגוף פעלך" — דער קערפּער איז אויך דיין ארבייט, איז „חוסה על עמלך" — האָב רחמנות אויף דיין ארבייט און „עשה למען שמך" — טהו עס צוליב דיין נאָמען וועגען, מען זאָל ניט זאָגען אויף דיר אַז דו ביזט צופיל פאַנאַטיש!

***

אָשמנו מכל עם.

מיר זיינען מעהר שולדיג ווי אַלע אַנדערע פעלקער. ביי זיי איז ניטאָ אַזאַ מין הפקר־צושטאַנד ארומצופעדלען מיט זייערע הייליג־

דר. י. ל. שניצער

קייטען אין טאַנץ־זאַלען, אין טעאַטערס, אין מואווי־פלעצער, אין שעפער און אין פריוואַט הייזער אזוי ווי ביי אונז, אפילו די יעניגע, וועלכע זיינען וויט אַוועק פון רעליגיעזען לעבען אָבער אין דער עפענטליכקייט וויזען זיי גרויס עהרע פאר זאַכען וואָס דאָס פאָלק האַלט פאר הייליג.

ביי אונז אָבער זעהט מען זאַכען וועלכע געהען אַריבער אלע גרעניצען פון אנשטענדיגקייט. כאַצקעל, בערעל, שמערעל ווערען מחותנים מיט דער ספר תורה און מען געהט מאַכען מיט איר געז־שעפטען, מען פארפלייצט די שטאָט מיט מנינים׳לאך און מען שלעפט דעם עולם אויסבעטען אַ גוט יאָר פאר זייערע קעשענעס.

***

אָשמנו מכל עם.

אַנדערע פרעמדע פעלקער, וועלכע געפינען זיך דאָ אין אַמעריקא, האָבען געבויט זייערע קירכען אין דער זעלבער פאָרמע ווי אין דער אַלטער היים און דער פראָטעסטאַנטישער „קלוירדזשימען״ אָדער דער קאַטוילישער „פאָטער״ זוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו דער־האַלטען די אַלטע שפראך, די אַלטע עבודה און די אַלטע קולטור פון זיין פאָלק. ווען ניט די גייסטליכע, וואָלט פון די ליטווינען, פאָליאַקען, טשעכען, און נאָך אַזעלכע פעלקער קיין שריד און פליט ניט געבליבען. זיי די גייסטליכע זיינען געווען און זיינען נאָך איצט אויך די שומרים פון זייער אַלטער נאַציאָנאַלער קולטור.

אָבער מיר, אידען, האָבען דאָ אין אַמעריקא פארוואנדעלט די אַלטע אידישע שוהל אין אַ קאַלטען, וויסטען, לעערען טעמפעל — אַ טעמפעל א פרעמדען אָן דער שכינה, אָן דעם אידישען צער, אָן תורה, אָן אידישען גלויבען און האָפען, און אָנגעשטעלט דאָרטען ענגלישע שומרים ענגלישע ווערכטער וואָס פרעדיגען אויף ענגליש און זינגען אויף ענגליש מיט דער באַגלייטונג פון אָרגעל וועלכער שפּילט צו אויפ׳ן חורבן פון דער פאָלקס נשמה. און דער רעזולטאַט וועט זיין אַז עס וועט שוין באַלד ניט זיין וואָס צו היטען. אַ פאָלק

מענש און תורה

אַז אַ שפּראַך הערט אויף צו זיין אַ פאָלק, אַפילו ווען דער נאָמען בלייבט, די גאַנצע סטרוקטור ענדיגט זיך.

**
*

בושנו מכל דור.

מיר שעהמען זיך פון יעדען דור. אַמאָליגע צייטען פלעגט מען רעספּעקטירען אַ מענשען פאַר זיין גייסט. דעם גראָבען יונג, דעם אומוויסענדען פלעגט מען רופען „בעל גוף" און דעם געלעהרטען דעם תלמוד חכם, בעל מח, בעל שכל און בעל הגיון. אין איצטיגען דור אָבער שפּילט דער בעל גוף די הויפּט ראָלע. אַ פעט בייכעל און אַ פעט באַנקביכעל ווערט אַ פירער און אַ טאָן געבער.

**
*

גלה ממנו משוש.

עס איז פאַרשוואונדען געוואָרען פון אונז די פרייד. אַמאָליגע צייטען איז וואו מען האָט נאָר געוואָרפען אַן אויג, אין שוהל, אין חדר, אין גאַס, און אין הויז האָט מען געפונען פרייד און גייסטיג פאַרגעניגען. אמת, דאָס לעבען איז געווען שווער, דער קערפּער האָט געליטען, דערפאַר אָבער האָט די נשמה געלויכטען. אַז מיר פלעגען אַ קוק טאָן אויף אונזער יוגענט, אויף אונזערע צוקינפטיגע דיכטער, שריפטשטעלער, דענקער, רבנים, און זאָגאַר בעלי מלאכות, פלעגט דאָס האַרץ טאַנצען פון שמחה, ווייל מיר האָבען געוואוסט, אַז זייער אידיש הארץ איז אָנגעפילט מיט באַוואוסטזיין און אַכטונג צו אונזער נאַציאָנאַלער קולטור.

אָבער דאָ אין אמעריקא איז „גלה ממנו משוש", פאַרשוואונדען פון אונז די זיסע פרייד און דער גייסטיגער פאַרגעניגען!...

**
*

פרעגט מיר א איד א קשיא:

ער קען מיט זיין שכל ניט פאַרשטיין ווארום די אייראָפּעאישע פרומע וועלט האַלט אַזוי ווייניג פון אַמעריקאנער אידישקייט. דאַכט

זיך, קיין שוהלען און קיין מנינים פעהלען אונז, גאָט צו דאַנקען, ניט. רבנים, חזנים, מגידים, שוחטים און נאָך אַזעלכע כלי קודש האָבען מיר אויך ניט צו פארזינדיגען אַ רעכט ביסעל. קומט ראש השנה און יום כפור זיינען, קיין עין הרע, אַלע שוהלען און אַלע מנינים געפּאַקט מיט דאַוונער, מ׳קויפט עליות און מען שנדר׳ט געלט רעכטס און לינקס אויף אַלערליי וואָלטעטיקע צוועקען.

פרעגט זיך די פראגע: פארוואָס קומט די אַמעריקאנער אידען אַז מען זאָל זיי אין אַזאַ מין וויגעלע פארוויגען?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם חתן:

אַ רייכער היימישער ישובניק האָט געהאַט איין איינציגען זוהן וועלכער איז געשטאַנען אין שדוכים. ליידער אָבער איז זעהר שווער געווען פאר אים צו געפינען אַ כלה, וויל ער האָט פון קיין שום עטיקעטע ניט געוואוסט, אזוי איז ער אפילו געווען אַ גאַנץ פעהיגער יונגערמאַן, אַ גוטער לאַנד ארבייטער, געוואוסט ווי אומצוגעהן מיט׳ן אַקער, זעען, פלאַנצען, און פאַשען בהמות, אָבער ווי עס פלעגט קומען צו הלכות דרך ארץ, רעדען מיט׳ן מחותן אָדער מיט דער כלה אַ פּאָר ווערטער, אַזוי איז ער אין דער היים ניט געווען. דער פאָטער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון, עס האָט זיך אים געוואָלט דערלעבען עפּעס אַביסעל נחת פון זיין בן יחיד, אָבער גיי מאַך מיט אַזאַ בהמה אז דאָס קען מיט קיין מענשען ניט רעדען.

איין טאָג איז צו אים געקומען אַ שדכן און האָט איהם פארגעשלאָגען אַ שידוך מיט אַ שטאָטישע מיידעל און נאָך פון שעהנעם יחוס דערצו, און ווען דער פאָטער האָט אים דערקלערט די חסרונות פון זיין בן יחיד, האָט זיך דער שדכן אָפּגערופען, אַז דאָס איז פון די קלייניגקייטען, ער נעמט זיך אונטער אויסצולערנען זיין זוהן ווי צו רעדען מיט אַ מענשען. דער פאָטער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם און דער שדכן האָט אָנגעפאנגען מיט׳ן חתן צו קנעלען.

„אַז דו קומסט אריין ביים מחותן אין הויז בייטאָג, זאָלסטו זאָגען גאָט העלף, און אַז דו געהסט אַוועק זאָלסטו זאָגען אַ גוטען טאָג.

מענש און תורה

אַז דו קומסט אריין אין אָווענט, זאָלסטו זאָגען אַ גוטען אָווענט, און אַז דו געהסט אַוועק זאָלסטו זאָגען אַ גוטע נאַכט. אַז דו וועסט זיך אַוועקזעצען רעדען מיט׳ן מחותן זאָלסטו פרעגען: ווי געהט עס? און ווי איז עפּעס געשעפט? און אַז דו וועסט בלייבען מיט דער כלה אליין זאָלסטו זאָגען: איך בין ענטציקט פון אייך, מיט׳ן ערשטען קוק האָט איר מיך צוגעצויגען צו זיך אַזוי ווי אַ מאַגנעט.

דער חתן האָט מיט גרויס חשק געשטודירט דעם גאַנצען סדר הלימוד, ביז ער האָט געזאָגט אַז ער ווייס שוין אלעס, מען קען שוין פאָהרען זעהן די כלה, ער וועט שוין וויסען ווי צו רעדען.

ווען דער חתן איז אריין ביי די מחותנים אין הויז, האָט ער אַ זאָג געטאָן: גאָט העלף, אַ גוטען טאָג! אַ גוטען אָווענט, אַ גוטע נאַכט! ווי געהט עס? ווי איז עפּעס געשעפט? איך בין ענטציקט פון אייך! איר האָט מיר צוגעצויגען ווי אַ מאַגנעט!

אָט אַזעלכע דאַוונערס האָבען מיר דאָ אין אַמעריקא ראש השנה און יום כפור, מען קומט אריין אין שוהל און מען גיט אַ זאָג:

גוט מאָרגען רבונו של עולם! וואָס מאַכסטו? ווי געהט געשעפט? על חטא שחטאנו לפניך!... שרייב אָן אַ גוט יאָר, טאַטע אין הימעל!... און גוד באַי גאָטעניו ביז איבער אַ יאָר אין דער צייט!...

ראש השנה

ראש השנה.

דו הערליכער, שעהנער, גייסטיגער יום־טוב! אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמסטו צווישען אונזערע ימים־טובים. דו האָסט ניט צו דערציילען פון וויכטיגע געשעענישען אין לעבען פון אונזער פאָלק. דו שטעהסט ניט פאַרבונדען מיט דער אידישער געשיכטע. מיט דיר איז אויך ניט פאַרקניפּט קיין זכרונות פון אונזער לאַנד און דאָך ליגט אין דיר „דער שטעמפּעל פון אייביגקייט"... אַ טיפע קראַפט, וואָס באַוועגט דאָס האַרץ פון יעדען אידען, אַ יום־טוב אין וועלכען עס ווערט געפייערט די אייביגקייט פון צייט און די הערשאַפט פון די געטליכע געזעצען אין מענשליכען לעבען.

אין שטענדיגען טומעל פון לעבען, אין די שטענדיגע זאָרג, אין דעם שטרייט פון די תאוות מיט דער מאָראל, אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען געהט אוועק דאָס גאַנץ יאָר און עס בלייבט אַפילו קיין צייט ניט זיך אומצוקוקען, זיך אָפּצוגעבען חשבון פון דעם וואָס איז איבערגעלעבט און געטאָן געוואָרען. נאָר איצט, ביים אריינטרעטען אין אַ נייעם יאָר, ווארפט ישראל אַראָפּ פון זיך אַלע זיינע ערדישע דאגות און פרעגט זיך די פראגע:

האָט ער ערפילט זיינע חובות צו די געזעצען פון מוסר? איז בעסער און העכער געוואָרען זיין מאָראלישער לעבען? האָט ער זיך דערהויבען איבער דער נידריגער ערד? און נאָך אַזעלכע פראגען.

פאַר אים שטעהט ווידער זיין שטרענגער ריכטער און דאָס איז זיין „געוויסען"... פאַר אים קען ער זיך ניט פאַרענטפערען מיט אויסרעדען... פאַר זיך אליין קען מען ניט זאָגען פאַלש... שלאָגט

זיך טאַקע ישראל אין האַרצען און זאָגט: חטאתי, עויתי, ופשעתי לפניך.

גרויס און ערהאַבען זיינען די טעג ווען אַ גאַנץ פאָלק איז זיך מתודה, ווען אַ גאַנץ פאָלק בייגט זיך אונטערטעניג אונטער דאָס הויכע אייביגע געזעץ פון מאָראל, ווען אַ גאַנץ פאָלק טרייסעלט אַראָפּ פון זיך די ערד, וואָס איז צוגעקלעפּט צו זיין נשמה, ווען אַ גאַנץ פאָלק דערהויבט זיך צו די הימלען און שעפּט די ריינע געטליכע לופט, וואו עס איז ניטאָ קיין שלעכטס און קיין פאַלשקייט.

אמת, דאָס פאָלק באַשטעהט פון מענשען, און מענשען האָבען ניט קיין פליגלען צו פליהען הויך איבער דער ערד... און ווי מען קומט נאָר ווייטער אין באַריהרונג מיט'ן לעבען, פאַלט מען ווידער אַראָפּ אויף דער זינדיגער ערד, מיט איהרע גלוסטונגען און תאוות... אָבער די קורצע צייט וואָס די נשמה ווערט גערייניגט און דעם חשבון הנפש וואָס דער איד מאַכט צו קאָנטראָלירען זיינע פאַרגאנגענע טהאַטען און ארויפנעהמען אויף זיך צו פאַרשעהנערען זיינע צוקונפטיגע מעשים און זיטען, אַט דאָס אליין שטעלט אוועק דעם אידען אויף דער העכסטער, שעהנסטער מדרגה פון קדושה וטהרה.

טרויעריג איז אונזער אָפּגעגאנגענער וועג, מיט פינסטערע וואָלקענס איז ביז איצט געווען פאַרדעקט אונזער הימעל, אָבער גע־שטאַרקט מיט נייעם מוט הויבען מיר אָן צו שפּרייזען אין דעם נייעם יאָר, אָן שרעקען און אָן מורא. דאָס ליכט פון מאָראל, מיט וועלכער מיר טרעטען ארויס, וועט אונז אויך ווייטער באַלייכטען אונזער וועג און צוטרייבען די געדיכטע פינסטערע וואָלקענס, וואָס זיינען צע־שפּרייט איבער אונזער הימעל.

**
*

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ערשטענס, פאַרוואָס טרויערען מיר אזוי ראש השנה? גראַד פאַרקעהרט, מיר דאַרפען עמפּפאַנגען דעם יום־טוב מיט טענץ און

דר. י. ל. שניצער

מיט געזאַנג און זיך משמח זיין וואָס מיר האָבען אַ יאָר דורכגעלעבט. צווייטענס, פאַרוואָס רופען מיר דעם יום־טוב ראש השנה (ניי יאָר) און די תורה רופט אים „יום הזכרון", אַן עראינערונגס־טאָג, וועמען עראינערען מיר? און נאָך וועמען טרויערען מיר?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם מלך:

אַ גרויסער מלך האָט געפיהרט אַ מלחמה מיט נאָך אַ לאַנד און האָט איר ענדליך באַזיגט.

קומענדיג צוריק איז זיין רעזידענץ־שטאָט, האָט דאָס פאָלק אים עמפפאַנגען מיט גרויס פרייד. מען האָט אים פאַרוואָרפען מיט בלומען, געזונגען פאַר אים זיגעס־לידער און דער אָרקעסטער האָט אָנגעפאנגען צו שפּילען פאַר אים אַ פרעהליכען מאַרש.

ווי ערשטוינט אָבער זיינען אַלע געוואָרען, ווען דער מלך האָט געהייסען דעם קאָפּעל־מייסטער, אַז ער זאָל אויפהערען צו שפּילען דעם לוסטיגען מאַרש און זאָל בעסער שפּילען דעם „טרויער־מאַרש", וואָס מען שפּילט צו אַ לויה. און ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירען, האָט דער מלך זיך צו זיי אָנגערופען:

„איר זאָלט ניט דענקען, ליבע פריינט, אַז איך וויל צושטערען אייער יום־טוב. ניין, אייער יום־טוב איז אויך מיין יום־טוב, אייער פרייד איז אויך מיין פרייד, נאָר דער אומגליק איז, וואָס איך און איר זעהען דעם יום־טוב אין גאַנצען אַנדערש.

„איר האָט געזעהן אַריינקומענדיג אין דער רעזידענץ־שטאָט אַ זיגרייכע ארמיי, אַלע פּאָלקען זיינען געווען אויסגעפילט מיט די ריכטיגע צאָל מענשען. איר ווייסט אָבער ניט, אַז דאָס זיינען אַלע נייע, יונגע סאָלדאַטען צוגעשיקט געוואָרען צו די פּאָלקען אויסצו־פילען די ערשטע אַלטע קריגער, וואָס זיינען ארויס מיט מיר אין שלאַכט און וועלכע זיינען, נעבאך, דער׳הרג׳עט געוואָרען. עס זיינען געבליבען טויזענטער אלמנות, טויזענטער יתומים און טויזענטער מוטערס אָן קינדער. אין אייערע אויגען איז דער היינטיגער טאָג אַ יום־טוב פון פרייד און געזאַנג, ביי מיר אָבער, איז דאָס אַ „יום־

הזכרון״, אַן עראינערונגס־טאָג נאָך מיינע געטרייע קריגער, וועלכע זיינען אין שלאַכט געפאַלען״.

די גמרא זאָגט אונז: די מלאכים האָבען געפרעגט דעם אויבערשטען פארוואָס זינגען ניט די אידען זייער פרעהליכען הלל ראש השנה אַזוי ווי אַלע ימים־טובים? האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: ווי קענען זיי זינגען דעם פרעהליכען הלל אין דער צייט ווען עס ליגט פאר זיי אָפען די ספרי חיים און די ספרי מתים? ניט איין ספר החיים און ניט איין ספר המתים האָט דאָס אידישע פאָלק, נאָר „ספרי״, אַ סך, אַ סך ביכער. אַמעריקא האָט זיך איר ספר החיים, דער קערפּער איז דאָ גאַנץ, אָבער די נשמה ליידט. אין אַנדערע לענדער איז די נשמה גאנץ, ליידט אָבער דער גוף זעהר שטאַרק.

די זעלבע איז אויך פאראן פארשידענע ספרי מתים פאר דאָס אידישע פאָלק. אין שפּאַניען איז געווען אַ ספר המתים, וואו אידען זיינען לעבעדיגערהייט פארברענט געוואָרען. אין כמעלניצקי׳ס צייטען האָבען די אידען געהאַט אַן אַנדער ספר המתים, און איצט אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע טיילען פון אייראָפּא האָבען די אידען נאָך אַ ספר המתים.

ניין, דאָס גלות־פאָלק קען ראש השנה לוסטיג ניט זיין, ביי אים איז דער יום־טוב אַ יום הזכרון, אַן עראינערונגס־טאָג, נאָך די געטרייע סאָלדאַטען, וואָס זיינען אין שלאַכט־פעלד געפאַלען.

תקיעת שופר

דער שופר איז אַ אידיש נאַציאָנאַלער אינסטרומענט, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען צוזאַמען מיט׳ן אידישען פאָלק. דעם ערשטען שופר סיגנאַל האָט דאָס פאָלק דערהערט אויפ׳ן בארג סיני, און זיי זיינען זעהר דערשראָקען געוואָרען, (וקול שופר חזק מאד, ויחרד כל העם אשר במחנה).

שפּעטער האָט דער שופר גענומען שפּילען זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע. ווען יהושע איז געקומען צו דער שטאָט יריחו, האָבען די כהנים געבלאָזען מיט זייערע שופרות און די ווענט פון שטאָט זיינען איינגעפאלען.

ווען גדעון מיט זיין אָרמיי האָבען געוואָלט מאַכען ציטערען די ארמיי פון מדין, האָבען זיי שופר געבלאָזען.

ווען עס פלעגט קומען דער היסטאָרישער יובל, פלעגט דער שופר אָנזאָגען, אַז עס איז געקומען פרייהייט פאר אלץ און פאר אלעמען.

און אַז משיח וועט קומען, וועט מען דורכ׳ן שופר צונויפקלייבען די אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע אידען פון דער גאַנצער וועלט.

גרויס און הייליג איז דער סיגנאַל פון שופר. ער צעטרייבט די פינסטערע וואָלקענס פון דעם אידישען הימעל, ער פלאַנצט איין האָפנונג אין די אידישע הערצער, אַז מיט דעם סיגנאַל וועט משיח קומען. ער פארטרייבט דעם שטן, דעם צווייפעל אין דאָס אידישע האַרץ, ער צעמישט דעם שטן, דעם רעפאָרמער, דעם אַסימילאַטאָר, און ווייזט אים ווי דער שופר ברענגט צוזאַמען די נע ונד׳ניקעס פון אַ גאַנץ יאָר אין איין פלאַץ, אין דער אידישער שוהל. און דאָס האַרץ, די נשמה, די אידישע נשמה קומט צוריק צו איר אלטען מקור.

מענש און תורה

יאָ, דער שופר איז באַשאַפען געוואָרען מיט אונז צוזאַמען. דער־ריבער איז ער איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דעם אידען׳ס נשמה, אין זיינע טענער ליגט דעם אידען׳ס צרות דעם אידען׳ס אונגליק, און אויך דעם אידען׳ס האָפענונגען. די תקיעה רופט אים און זאָגט צו אים: אַנטלויף, אידעלע, פון דער וואָכעדיגקייט פון לעבען. די תרועה רופט צו חשבון הנפש, זי מאַכט אים פילען די גרויסקייט פון זיין באַשאַפער, און אין שברים הערט זיך דער אידישער קרעכץ, דער אידישער זיפץ. שברים, אונזער גאַנץ לעבען איז איצט אַ צעבראָכענס. צעבראָכענע עלטערען און קינדער. עס זיצען ביי איין טיש צעבראָכענע און צעטיילטע דורות. שברים, שברים, צע־בראָכען און צעברעקעלט.

דערפאַר אָבער שטאַרקט די תקיעה גדולה דעם אידען. זי הויבט זיין גייסט און הייסט זיך אים גרייטען פאַר א נייער הייליגער צו־קונפט.

***

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

אַלע פעלקער פייערען זייער ניי־יאָר מיט יובעל און מיט פרייד. אַלע האָטעלען, קאַבאַרעטען און אַמוזירונגס פלעצער זיינען אָנגע־פילט מיט לוסטיגע און פרעהליכע מענשען, שנאַפּס און שאַמפּאַניער גיסט זיך ווי וואַסער, און דער איבערגאַנג פון אַלטען צום נייעם יאָר ווערט געפייערט מיט הילכיגע און גליקליכע אויסגעשרייען. דער איד אָבער נעמט אויף דאָס נייע יאָר מיט אימה און מיט פּחד, מיט יאָמער און מיט קלאָג, די הויט ציטערט פון שרעק און מען געהט אין שוהל אזוי ווי מען וואָלט געגאַנגען צו אַ לויה.

פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס איז דאָס אזוי?

אַלס ענטפער אויף זיין פראַגע, האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם רייזענדען:

אַ גרויסע דאַמף־שיף, וועלכע האָט אַ יאָר צייט ארומגערייזט אי־בער פאַרשידענע ימים, איז דעם ערשטען טאָג אין תשרי אָנגעקומען

דר. י. ל. שניצער

אין דעם ניו יאָרקער האַפען. מען האָט פאַרוואָרפען דעם אַנקער, אַראָפּגעלאָזט אַ בריק און די פּאַסאַזשירען האָבען אָנגעהויבען ארונ־טערצוגעהן פון שיף.

פאַרשידענע פּאַסאַזשירען זיינען אויפ׳ן שיף געווען, רייזענדע פון אַלע נאַציאָנען: פראַנצויזען, דייטשען, אַמעריקאַנער, ענגלענ־דער, טערקען, גריכען, שפּאַניער, בולגארען און נאָך אַזעלכע. אַלע זיינען געגאַנגען שטייף און שטאָלץ, די קעפּ פאַרריסען אין דער הויך, און זייערע געזיכטער האָבען אויסגעדריקט פרעהליכקייט און צופרידענהייט. מען איז ווייטער געפאָהרען, מאַנכע צום באַהן, און מאַנכע צו זייערע היימען, אָדער צו באַזוכען פריינד און באַקאַנטע.

צווישען די אַלע רייזענדע איז געגאַנגען אַן עלטערער מענש מיט אַ פּאַק אויף זיינע פּלייצעס און מיט אַ וואַנדער שטעקען אין זיין האַנד. ער איז געגאַנגען און זיין קערפּער האָט זיך געבויגען פון דעם שווערען פּאַק משא וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיך. ער איז אויך געגאַנגען פאַרזעצען זיין רייזע, כאָפּען אַן אָרט אויפ׳ן באַהן אום ווייטער צו פאָהרען.

ווען איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו זיין געזיכט, האָב איך אים גלייך דערקענט, דאָס איז ר׳ ישראל סבא. דער באַרימטער ר׳ ישראל, וואָס האָט אַמאָל אַ געוואַלדיגע גרויסע ראָלע געשפּילט.

איך בין צוגעלאָפען צו אים און אים אַ פרעג געטאָן:

— ר׳ ישראל, פאַרוואָס אַזוי פאַרצווייפעלט און טרויעריג? גיט אַ קוק אויף די רייזענדע, וועלכע זיינען מיט אייך געפאָרען אַ קיילעכ־דיג יאָר צייט, זיי האָבען געוויס אויך דורכגעמאַכט פאַרשידענע שטורעמדיגע צייטען אַזוי ווי איר, פונדעסטוועגען זיינען זיי מונטער און פרעהליך, און איר, ר׳ ישראל, קוקט אויס אַזוי טרויעריג און פאַרצווייפעלט, פאַרוואָס ר׳ ישראל? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

— דו קענסט מיר, ברודערקע ניט צוגלייכען צו די אַלע ריי־זענדע, וועלכע זיינען איצט ארונטערגעגאַנגען. איך האָב געהאַט אַזעלכע אומגליקען, וואָס קיינער פון די רייזענדע האָט ניט געהאַט. איך האָב געהאַט אויפ׳ן וועג אייניגע סטאַנציעס, וואו מיין שיף האָט

מענש און תורה

זיך גראַד דאָרטען אָפּגעשטעלט, אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין איטאַליען און אין נאָך אַ פּאָר פּלעצער, צום סוף בין איך פון דאָרטען קוים מיט מיין לעבען אַנטלאָפען. האָב איך געהאַט אַ שטיקעל האָפענונג אויף מיין אַלטער היים, אפילו אַ פּאַפּירענע שטיקעל האָפענונג געווען, אָבער דאָך, אַלץ בעסער ווי גאָר ניט. צום סוף האָט מען די שטיקעל האָפענונג אויך פון מיר צוגענומען. ניין, איך קען מיך ניט גלייכען צו די אַלע רייזענדע. אמת, זיי וואַנדערען ארום, אָבער זיי האָבען אַ היים... איך אָבער האָב קיין היים אויך ניט! אַ וואַנדערער, אַן אומגליקליכער וואנדערער בין איך, אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד, דעריבער קען איך לוסטיג און פרעהליך ניט זיין!

יום כפור

אַ געהײמער רוף הילכט אָפּ אין יעדער אידישע הארץ און צווינגט איבערגעוואַלד זיך צו באַפרייען פון דעם הו״אַ פון טעגליכען לעבען, פון גשמיות און גראָבקייט, פון תאוות און ליידענשאַפט, ער צובּרעכט די קייטען פון חומריות וואָס שמידען זיין גוף אַ גאַנץ יאָר, לייטערט זיך, הייליגט זיך און קלאַפּט זיך אין האַרצען על חטא.

ניט קיין רייכטום און ניט קיין ערדישע גיטער קומט ישראל בעטען ביי זיין באַשאפער, ער פארלאַנגט אויך ניט קיין וועלטליכע גליקען און מאַכט, ווייל ער ווייס, אַז קיין עשירות האָט אים קיין גליק ניט געבראַכט. ער קומט אין אַ לאַנד, באַזעצט זיך און ווערט רייך, פלוצלונג אַ פּאָגראָם, אַ שחיטה, אַ גזירה, אַ פּלינדערונג, און פון זיין גאַנצער עשירות ווערט אַ באַרג מיט אַש.

און וואָס האָט רייכטום און מאַכט געבראַכט די וועלט, אויב ניט קנאה, שנאה, ערביטערונג און מלחמות?

ניין, ישראל בעט ניט פאר די אַלע גליקען. ישראל בעט פאר ברידערליכקייט צווישען די מענשען, ער אַפּעלירט פאר טאָלעראַנץ, מענשען זאָלען זיך איינע די אַנדערע בעסער פארשטעהן, ער בעט פאר פריינדשאַפט, פאר שלום — פאר דעם גליק פון אַלע מענשען.

ישראל זוכט ווידער ניט קיין נקמה, ער איז ניט קיין נוקם ונוטר, ער וויל שלום מיט די מענשען און מיט דער וועלט און איז גערען צו פארגעסען די גרויסע פארברעכענס וואָס ווערען באַגאַנגען קעגען אים.

„ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם, כי לכל העם בשגגה”.

אין זיין הייליגסטען טאָג יום כפור רופט ער אויס מיט׳ן גאַנצען האַרצען אַז ער פערצייהט אַלעמען זייערע באַגאַנגענע עוולות, ער

פערצייהט ניט נאָר דעם אייגענעם, דעם אידען, נאָר אויך דעם פרעמדען, דעם גוי, זיין שכן וועלכע וואוינט מיט אים און האָט אים שלעכט געטאָן, ער געפינט אויף אַלעמען אַ זכות:

„בשגגה״ — זיי זיינען פארפיהרטע, פארנאַרטע, זיי האָבען שלעכטע מדות, אָבער זיי זיינען מענשען, מען מוז זיי געבען אַ געלעגענהייט זיך צו בעסערן. אָט דאָס איז דער איד. מיט אַן עהרליכען געוויסען, פריי פון אַלע נידעריגע ליידענשאַפטען פון חומר און אין שלום מיט די מענשען און מיט דער וועלט געהט ער יום כפור אין שוהל בעטען.

איז דאָ נאָך אַזאַ פאָלק מיט אַזאַ שעהנעם אידעאַל ווי דאָס אידישע?

***

ובכן תן כבוד ד׳ לעמך.

גאָטעניו פאָטער! גיב דיינע אידען אַ געפיהל פון כבוד און רעספעקט, רעספעקט פאר זיך אליין און רעספעקט פאר זייער פאָלק. זאָל אַ איד ניט ארונטערפאלען ביי זיך ווען ער קומט זיך צוזאַמען מיט אַ גוי... און ניט מיינען הכנעה׳דיג אַז יענער איז בעסער פון איהם... זאָל אַ איד זיך ניט שעהמען מיט זיין אידישקייט, ניט שעהמען זיך צו לייענען אַ אידישע צייטונג אין דער עפענטליכקייט... צו רעדען זיין אידישע שפּראך און זיך אליין רעספעקטירען.

ובכן תן כבוד — זאָל אַ אידישער פאַבריקאַנט ניט שפּייען זיך אליין אין פּנים און זוכען בלויז קריסטליכע אַרבייטער, זוך אימער אַ זכות אויף אַ אידישען מענשען, אפילו ווען יענער איז שולדיג, וואָרום מען דאַרף פריהער קענען די אומשטענדען, אַ איד טאָר קיין שטן ניט זיין!....

ובכן תן כבוד — גיב כבוד דיין וויב און דיין פאַמיליע, בעליידיג זיי ניט, און שפּיל ניט קיין ראָלע פון אַ הערשער, ווייל יום כפור לערענט, אַז אַ איד טאָר ניט זיין קיין קטיגור, ניט משפט׳ן אַ אידישען מענשען פון דער שלעכטער זייט, ניט בעשולדיגען קיינעם, ניט זוכען דוקא פעהלערען אויף איינעם, ניט דערנידעריגען קיינעם און ניט מבזה זיין.

דר. י. ל. שניצער

פרעגט מיר אַ איד אַ קשיא:

ווען ער קומט ראש השנה און יום כפור צו „אבינו מלכנו״, זאָגען מיר די אַלע „אבינו מלכנו׳ס״ אין דער הויך, מיט הארץ, מיט אַ ברען און מיט גרויס כונה, נאָר ווען עס קומט צו דעם לעצטען „אָבינו מלכנו״, גיבען מיר אַ מורמעל אונטער דער נאָז שטילערהייט און פאַרטיג. אדרבה, לאָמיר פאַרטייטשען דעם לעצטען „אבינו מלכנו״: פאָטער און קעניג, „חננו ועננו״, האָב מיטלייד און ענטפער אונז, „כי אין בנו מעשים״, מיר האָבען ניט קיין גוטע טהאַטען״, „עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו״, טהו מיט אונז צדקה און העלף אונז!... דאַכט זיך אַ האַרציגע תפילה, און דאָך מאַכען מיר עס אוועק אזוי ווי אונטער׳ן האַנט. פרעגט זיך די פראַגע: מיט וואָס איז דער לעצטער אבינו מלכנו ערגער ווי די אלע פריהערדיגע?

אַלס ענטפער אויף זיין קשיא, האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם שניט קרעמער:

מיט יאָרען צוריק, האָט ר׳ ישראל דער שניט קרעמער געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין דער קאָמערציעלער וועלט. זיין פירמע האָט זיך געצויגען פון אבות אבותינו, זיינע עלטער, עלטער זיידעס האָבען דעם געשעפט געגרינדעט און אים ארויפגעארבייט אויף זעהר אַ הויכען מצב, זייערע מוסטערען זיינען געגאַנגען איבער דער גאנצער וועלט און יעדער סוחר פלעגט באַצירען זיין קרעמעל מיט זייער סחורה.

דאַרף זיך טרעפען אַז זייער אייניקעל ר׳ ישראל האָט זיך ארייני־געלאָזען אין פרעמדע ספּעקולאַציעס, פאַרנאַכלעסיגט דעם געשעפט פון זיינע עלטערען און האָט זיין גאַנצען פארמעגען פארלאָרען. און אום מפרנס צו זיין זיין פאַמיליע, איז ער אַ לאַנד קרעמער געוואָרען, ער האָט צונויפגעקליבען די איבערגעבליבענע שטיקלאך סחורה, געמאַכט דערפון אַ פּעקעל, גענומען אַ שטעקען אין האַנט און זיך אַוועקגעלאָזען איבער דער מדינה.

וואַנדערענדיג אזוי פון איין שטאָט צו דער צווייטער, איז ער אָנגעקומען אין לייפּציג. מיט אַ פאַרביטערטען האַרצען איז ער אומ־

מענש און תורה

געגאנגען איבער׳ן שטאָט און געקלעהרט פון אַמאָליגע צייטען, ווי גוט עס איז אים דאָס אַמאָל געווען, ער פלעגט פארפאָהרען אין אַ רייכע אכסניא און זיך אויפגעפירט מעשה גביר, די פאבריקאנטען פלעגען זיך רייסען איבער אים. און איצט איז ער אַן אָרעמער שניט־קרעמער, אַ וואנדערער וואָס טרייבט זיך אַרום פון איין פלאַץ צו דעם אַנדערען.

פלוצלונג איז אים איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו פרובירען נאָך אַמאָל זיין גליק, ער האָט זיך יום־טוב׳דיג אָנגעטאָן און אַוועק צו אַ פאַבריקאַנט מיט וועמען ער האָט אַמאָל געהאַנדעלט. דער פאַברי־קאַנט האָט אים זעהר פריינדליך עמפפאַנגען און אים געהייסען זיך אויסקלייבען וועלכע סחורה ער וויל.

ר׳ ישראל איז ארומגעגאנגען צווישען די פאָליצעס און גע־קליבען סחורה, ער האָט דערזעהן אַ שעהנע שטיק געוואַנט, אַ טייערע שטיק אַטלעס, אַ שטיק זייד, אַ שטיק סאַמעט, האָט ער געהייסען די משרתים אז זיי זאָלען עס פאר אים איינפאַקען.

ווען די סחורה איז שוין געווען פארפאַקט און מען האָט דער־לאַנגט ר׳ ישראל׳ן אַ רעכנונג, האָט ער אָפּגערופען דעם פאַברי־קאַנט אָן אַ זייט און הכנעה׳דיג צו אים געזאָגט:

„ענטשולדיגט מיר, קיין מזומן געלט האָב איך ניט, נאָר איך וויל אַז איר זאָלט מיר טאָן אַ טובה און נעמען ביי מיר אַ וועקסעל״.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די „אבינו מלכנו׳ס״, פריהער שטע־לען מיר זיך אַוועק שטאָלץ מעשה סוחר און קלייבען אויס אַ שטיק געוואַנט פון „פרנסה״, אַ שטיק זייד פון „גאולה וישועה״, אַ שטיק סאַמעט פון „סליחה ומחילה״, אַ שטיק אַטלעס פון „שנה טובה״, נאָכהער ווען דער פעקעל איז שוין איינגעפאַקט, לאָזען מיר אַראָפּ שעהמעוודיג די קאָפּ און זאָגען אין דער שטיל צו דעם גרויסען פאַבריקאַנט:

— אָבינו מלכנו, טאַטע האַרציגער! חננו ועננו, האָב קיין פאר־איבעל ניט, כי אין בנו מעשים, מיר האָבען קיין מזומן ניט, עשה עמנו צדקה וחסד, טהו אונז די געפעליגקייט והושיענו, טרוי אונז אויף אַ וועקסעלע!

סוכות

ישראל פיהרט אויף אַ סימבאָלישע פיעסע, פּאַסירונגען פון זיין טרויעריגען גלות־לעבען. די ביהנע שטעלט פאָר: אַ „דירת ארעי" — אַ צייטווייליגע, צונויפגעקלאַפּטע וואַקעלדיגביידעל, צוגעדעקט מיט אַ ביסעל סכך, אין דעםביידעל וואוינט אַ סוכה־פּאָלק, אַ וואַנדער־שטאַם, אַ וואַקעלדיגע אומה אָן אַ פעסטען באַשטאַנד און אָן אַ זיכערען דאַך איבער'ן קאָפּ.

קיין זון־שטראַלען קומען אין ביידעל ניט אריין. „צלתה מרובה מחמתה" — מעהר שאָטען ווי ליכט געפינט זיך דאָרטען. נאָר ביי־נאַכט אין אַ שטילען רוהיגען וועטער קען מען דורכזעהן דורכ'ן שיטערען סכך אַ פּאָר פינקעלדיגע שטערען. פילאָזאָפען, דענקער, וועלכע גיבען כלומר'שט אַ בליאַסק אין דער פינסטערער סוכה, אָבער זיי פארשווינדען באַלד צוריק און מישען זיך דורך מיט די פרעמדע וויטע שטערען.

פיר מינים „באָרדערס" דרעהען זיך ארום אין סוכה'לע: אתרוג־אידען, לולב־אידען, הדס־אידען און ערבה־אידען.

דער אתרוג איז אַ פרוכט וואָס גיט דעם מענשען שפּייז און ריח. אויסער וואָס ער גיט צדקה אַ סך, שמעקט ער נאָך מיט לומדות, מיט בילדונג, און מיט גוטע זיטען.

דער הויכער שטאָלצער לולב גיט שפּייז, אָבער ניט קיין ריח, קיין צדקה זשאַלעוועט ער ניט, אָבער קיין לומדות באַזיצט ער ניט.

דער הדס גיט ריח, אָבער ניט קיין שפּייז, ער גרויסט זיך מיט זיין לומדות, איך איך, און איך! אָבער קיין צדקה גיט ער ניט.

די ערבה האָט ניט קיין ריח און גיט אויך קיין שפּייז ניט. דאָס

זיינען סתם אויפגעקומענע בייכלעך וואָס באַזיצען ניט קיין תורה און גיבען אויך ניט קיין סחורה.

ווען די פיר מינים האַלטען זיך נאָך ווייניגסטענס צוזאַמען, מישען זיך דורך די מעלות מיט די חסרונות און עס ווערט זעהר אַ שעהנער בוקעט, עס מאַכט ניט אויס וואו ער ווערט מגולגל — אין מזרח, מערב, צפון, דרום, אין די הויכער מקומות, אין די נידעריגע מקומות, וואו ער קומט, מאַכט ער באַוועגונגען (נענועים) אונטערצושפאַרען די גלות־סוכה מיט גייסטיגע שפּארעס כדי זי זאָל ניט אומפאַלען.

ווען אָבער די פיר מינים ווערען פונאַנדערגעטיילט, אזוי הויבט די סוכה אָן זיך צו וואַקלען, די כוחות ווערען צוריסען און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זי אונטערשפּארען.

דער אתרוג־איד זוכט גבאות און פּרעזידענטסטווע. פאַנגט ער אָן צו בויען „קיקיון־דיונה׳דיגע" אינסטיטוציעס מיט פיר מאַרטגיידזש־לעך און פאַנגט באַלד אָן ארומשיקען משולחים נאָך הילף.

דער לולב־איד, וואָס רייכער ער ווערט, אלץ ווייטער און ווייטער געהט ער אַוועק פון דער אידישער סוכה. ער זאָגט זיך ביס־לעכווייז אָפּ פון דעם אַלטען טיטעל: „ישראל גוי אחד" און ווערט אַ דייטש, אַ פראנצויז, אַן ענגלענדער און אַן אַמעריקאנער, איהם פּאַסט שוין ניט צו זיצען אין דער אַלטער סוכה מיט זיינע אַמאָליגע ברידער, הויבט ער איבער זיין קווארטיר אין מאַרמאָרנע באַפּוצטע טעמפּעלס און סענטערס.

דער הדס־איד באַזעצט זיך אין קיך, דרעהט זיך דאָרטען ארום די טעפּ און זוכט צו פארזאָרגען דעם מאָגען מיט כשר׳ע אכילות. אין פראָנט־רום, אָדער אין קינדער־צימער קומט ער זעהר זעלטען אַריין, דאָס האָט ער איבערגעגעבען צו די ניי־מאָדערנע פעדאַגאָגען, אַז זיי זאָלען ערציהען אונזער יוגענד מיט אַ קינסטליך־געמאַכטען „פלעשעל".

די ערבה־אידען — דאָס איז אַ סטאַדע פון „נקודים וברודים", געשטרייפטע אידען, געפינטעלטע אידען, געפלעקטע אידען, גע־רויטעלטע אידען, פּאָוקער־אידען, יזכור־אידען, יום־כפור־אידען, און

דר. י. ל. שניצער

סתם אידען, וועלכע וואַלטען פילייכט געקענט זעהר פיל אויפטאָן פאר'ן אידישען פאָלק, זיינען זיי אָבער פארקראָכען אין „מאָנקי־לאַנד", שפּרינגען פון איין בוים אויפ'ן צווייטען מיט אַ הו־האַ און פילען אָן די לאָקאַלען מיט סעמעטערי־פּאָליטיק.

אָט דאָס קען זיין, האָבען אונזערע חכמים געמיינט מיט דעם וואָס זיי זאָגען: „הישן תחת המטה בסוכה לא יצא ידי חובתו" — ווען איינער זונדערט זיך אָפּ פון זיינע סוכה־ברידער און קריכט אַרונטער אונטער'ן בעט צו כאַפּען דאָרטען אַ רוהיגען דרעמעל. אים אַרט גאַנץ ווייניג דער שיקזאל פון דער וואקעלדיגער סוכה מיט אירע איינוואוינער, אַבי זיין קערפּער איז אונטער'ן בעט געשיצט, אָדער ווען איינער קריכט ארונטער אונטער'ן בעט צו באַהאַלטען דאָרטען זיין אידישען נאָז, כדי מען זאָל זיך ניט דערוויסען, אז ער איז אברהמ'ס אַן אייניקעל. — אַזעלכע אונטער'ן בעט קריכער זיינען אונז קיין ברידער ניט, „לא יצא ידי חובתו" — זיי טהוען ניט זייער פליכט און צאָהלען ניט זייער חוב וואָס זיי זיינען שולדיג דאָס אידישע פאָלק.

***

דערציילט מיר אַ איד אַז ער איז פון סוכות זעהר ענטוישט געוואָרען. ער אליין איז אַ פריידענקער, וועלכער האַלט ניט פון די אידישע נאַרישע ימים־טובים, נאָר זיין ווייב איז זעהר אַ פרומע. אַ גאַנצען ווינטער איז ער אַרומגעגאנגען אונבאַשעפטיגט און האָט קיין איין סענט ניט פארדינט, עס איז געקומען פאר פסח, זאָגט זיין פרוי צו איהם: „פאָלג מיר, כאַצקעל, און מאַך אַ סדר ווי אלע אידען מאַכען, וועסטו זעהן ווי דער אויבערשטער וועט דיר העלפען און דו וועסט געפינען ארבייט". האָט ער אַ טראַכט געטאָן ביי זיך: וואָס וועט ער דאָ דערלייגען צום געשעפט? אין די פּראָספּעריטי יאָרען וואָלט ער געוויס איר די נאַרישקייט ניט נאָכגעגעבען, נאָר איצט, אין אַזאַ פינסטערער, ביטערער צייט, דאַרף מען איר אויך אביסעל צופרידענשטעלען. און צווייטענס, אפשר? אפשר? אפשר?... הכלל, ער האָט געטאָן איר רצון און געמאַכט אַ סדר פון סדר לאַנד, און גאָט האָט טאַקע געהאָלפען: חול המועד

מענש און תורה

האָט ער געקראָגען אַ שטעלע און האָט אָפּגעארבייט ביז אלול. ראש השנה און יום כפור איז ער געגאנגען אין שוהל, סוכות איז ער די גאנצע וואָך געזעסען אין סוכה, אָבער קיין שטעלע איז נאָך אַלץ ניטאָ! אויף ראש השנה און יום כפור פארדריסט אים ניט אזוי שטאַרק, ער האָט וויניגסטענס געהערט אַ חזן מיט משוררים, אָבער אויף סוכות איז ער אש להבה! אָפּגעזעסען אַ גאַנצע וואָך אין סוכה און גאָרנשט מיט גאָר־נישט.

הערענדיג זיין געשיכטע האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט יענעם גנב:

נאָטקע פינק איז געווען אַ באַוואוסטע פיגור אין גאנץ ליטע, ער האָט געפירט אַ גאַנצע אַקאַדעמיע פון גנבים און האָט זיי געלערענט די חכמה פון „פותח שערים״, אַלע גנבות פון דער גאַנצער געגענד ארום פלעגען דורכגעהן זיינע הענט. האָט איינער געוואָלט אַ גנבה׳לע צוריקקריגען, פלעגט ער זיך ווענדען צו נאָטקע פינק און מיט אים מושווה ווערען, דאַן פלעגט ער די גנבה צוריק קריגען.

קוקענדיג אויף נאָטקע פינק וואָלט קיינעם ניט איינגעפאלען, אַז ער באַשעפטיגט זיך מיט אַזאַ מלאכה. ער האָט געהאָט אַזאַ שעהנע „אָסאָבע״ און פלעגט זיך אויפפיהרען זעהר אידישלעך, געהן אין שוהל, קויפען אַן עליה, געבען צדקה און נאָך אַזעלכע זאַכען.

זיינע תלמידים זיינען אים געווען איבערגעבען מיט לייב און לעבען. קיין אַנדער נאָמען האָט ער ביי זי ניט געהאָט ווי „הייליגער מאַרטירער״. ווייל יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט כאַפּען זיינעם אַ תלמיד מיט אַ גנבה, פלעגט ער אַוועקגעהן צו דער פּאָליציי און זאָ־גען אַז זיי האָבען אַרעסטירט אַן אונשולדיגען מענשען, ער האָט די זאך גע׳גנב׳עט און האָט עס יענעם אונטערגעוואָרפען, אָדער ער האָט אים דאָס געגעבען צו האַלטען. נאָר אזוי ווי ער איז אַ מאַן פון געוויסען, וויל ער ניט אַז אַן אונשולדיגער מענש זאָל ליידען פאר אים. פאר זיין מודה זיין זיך פלעגט ער קריגען אַ גרינגערע שטראָף און ער פלעגט אַוועקגעהן זיצען פאר יענעם.

דר. י. ל. שניצער

אַט אזוי פלעגט ער יעדען יאָר פאַרברייינגען אַ שעהנע פּאָר מאָ־נאַטען אין תפיסה. פאַר׳ן אוועקגעהן פלעגט ער זאָגען צו זיין ווייב: „איך געה שוין מקיים זיין די מצוה „לישב בסוכה״. און אַז ער פלעגט ארויסקומען פון תפיסה, פלעגט ער מאַכען אַ הוליאנקע פאר זיין גאַנצער חברה און זאָגען: „קינדערלאך, שוין, גאָט צו דאַנקען, אָפּגע׳פּטר׳ט די סוכה! איצט איז ביי מיר שמחת תורה, און לאָמיר זיך משמח זיין״.

דאַרף זיך מאַכען, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסען צוויי יאָר אין געפענגעניס און איז געקומען אַהיים, האָט ער געפונען אַז זיין ווייב ליגט אין קימפּעט. זי האָט אים אין אַ גוטער, מזל׳דיגער שעה געבוירען אַ אינגעלע. ער האָט קיין לייטישע געלעכטער ניט געוואָלט מאַכען, ערשטענס, האָט ער זיין ווייב זעהר ליב געהאַט; צווייטענס האָט זי צופיל סודות געוואוסט פון זיין „אקאדעמיע״, האָט ער געמאכט אַ ברית ווי געהעריג איז און זיך משמח געווען מיט זיינע תלמידים, אויף וואָס די וועלט שטעהט. ווען ער איז געבלי־בען מיט זיינע תלמידים אליין האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופען: „איך וויל ניט וויסען, ווער עס איז דעם פאַרברעכען געגען מיר באַגאַנ־גען, נאָר פון היינט אָן און ווייטער, קינדערלאך, זאָלט איר זעהן אויפ־פּאַסען אַז מען זאָל אייך ניט כאַפּען. איך וועל מעהר ניט געהן פאר אייך זיצען, ווייל איר האָט עס ביי מיר ניט פאַרדינט״.

אָבער אַז עס איז באַשערט איינעם צו זיצען העלפט קיין חכמות ניט. אין אַ פּאָר מאָנאַטען ארום איז דאָס אינגעלע קראַנק געוואָרען און איז אַוועקגעשטאָרבען. ער איז דאָך אָבער אַ טאַטע, מוז ער דאָך זיצען שבעה. אַ ברירה האָט ער? ווען זיינע תלמידים זיינען אים געקומען מנחם אָבל זיין, האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופען: „איך דאַרף אייך ניט דערציילען, קינדערלאך, וויפיל מאָל איך בין שוין גע־זעסען אויף מיין לעבען, אָבער אזוי זיצען אומזיסט ווי איך זיץ איצט, בין איך נאָך קיינמאָל ניט געזעסען״.

שמחת תורה

דאָס פאָלק ישראל טאַנצט די וואָך אויף דרייערליי שמחות: „שמחת בית השואבה" — אַן אָנדענקונג פון אַ צערעמאָניע, וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט אין בית המקדש. מען פלעגט שעפּן וואַסער פון דעם „שילוח"־קוואַל, און עס גיסען אויף דעם מזבח; „הושענא רבה" — זיין „סוויפּ־סטייק" יום־טוב ווען עס ווערט געצויגען זיינע לאָטעריי־צעטלען; און „שמחת תורה", ווען ער דאַנקט דעם אויבערשטען מיט טענץ און מיט געזאַנג פאר דער קאָנסטיטוציע וואָס ער האָט אים געגעבען. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? — פלוצים אָבער ווערט ער פעסימיסטיש, פארקלערט זיך אין בוך „קהלת" און גיט זיך אַ זאָג: הבל הבלים הכל הבל! דאָס גאַנצע לעבען איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. און „מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש" — וואָס פאר אַ ווערטה האָט דאָס גאַנצע האבעווען, בושעווען, יאָגען־זיך, לויפען און כאַפּען זיי־בלאָזען?

ניט אומזיסט וואונדערט זיך דער פּאָעט און פרעגט: וואָס איז דער איד?

אַ בעטלער, אַן עושר,
אַ וואָרעם, אַ ריעז.
אַ נכנע, אַ קיסר,
זיין צעפּטער — אַ שפּיעז,
אַ בלום און אַ דאָרן
אַ בראַנד, אַ שטיק אייז —
אַט דאָס איז געוואָרען
פון רב ישראל דעם גרייז.

דר. י. ל. שניצער

אַ נדבן, אַ שנאָרער;
דאָ פריש און דאָ מאַט;
דאָ האָניג, דאָ מרור
און דאָ הונגערט ער גלאַט.
אַ למדן, אַ קענגער,
וואָס ווערט קיין מאָל ניט גרויס,
ער מאַכט שאַרפע פּלענער
און פיהרט זיי ניט אויס.

דאָ טרינקט ער אַ כוסה
און פיהלט זיך גאַנץ מונטער,
קויפט „אתה הראית"
און האָפקעט זיך אונטער,
אין מיטען דערינען
ווערט ער מעלאנכאָליש
און געהט טרייסט געפינען
אין ספר קהלת!...

**
*

שמחת תורה.

אַ שטורם פון פרייד צוגיסט זיך איבער די נשמות פון די בגילופינ'-דיגע שמחת תורה אידען. מען האָט צוגעמאַכט די אלטעגליכע ערדישע מסחר-קרעמלעך און מען הוליעט אויף וואָס די וועלט שטעהט. אויס קריזיס און אויס דעפּרעסיע! דער דאלאר האָלט אין פאלען, וועמען אַרט דאָס? זיי האָבען געמאַכט אַן „אינוועסטמענט" אויף אַזעלכע אָב-ליגאַציעס, אויף אַזעלכע אַקציעס, וועלכע ברייגען אריין זעהר גוטע דיווידענדען. און טאָמער פאַלען אַמאָל די אַקציעס אין מאַנכע לענדער אויף אַ פּאָר „פּוינטס", איז אויך קיין געפאר ניט. זאָל זיך נאָר באַ-ווייזען אויף דער בערזע אַ שייגעץ מיט קאַנטשיק, הויבען זיי אָן צוריק צו שטייגען.

**
*

מענש און תורה

שישו ושמחו בשמחת תורה.

פרעה זיך, איד, פרעה זיך מיט דיין תורה! „מפז ומפנינים יקרה" — זי איז נאָך פיעל טייערער פון גינגאָלד און בריליאַנטען. דו, שמחת תורה איד, פיהלסט ניט אזוי שטאַרק די מלחמה פון גוג ומגוג, וואָס דאָס איז דער סימבאָל פון דעם אייביגען, שטענדיגען, שרעקליכען קאמף פון איד און גוי. דו שטופסט זיך ניט אין דעם גוי'ס מקומות, דו באַזוכסט ניט זיינע קלובען, דו קומסט ניט אין זיין געזעלשאַפט, — קורץ, דו האָסט מיט אים קיין שום בעריהרונג ניט.

שרעקליך אָבער פיהלט זיך דער גוג ומגוג קאמפף ביים רייכען אסי־מילירטען אידישען מיליאָנער, ביים רייכען באַנקיר וואָס איז ארומגע־רינגעלט מיט גינגאָלד און בריליאַנטען. ער קריכט וואו מען פארלאנגט אים ניט. ער שטופט זיך וואו מען וויל אים ניט האָבען. ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אַן אידעע אַז דעם אידען'ס ערפאָלג ליגט ניט אין דעם חלום פון ירושלים נאָר אין זיין פעהיגקייט זיך צו־צופּאַסען צו די נייע אומשטענדען, איינלעבען זיך און געהן צוזאַמען מיט די קולטורען פון די פעלקער צווישען וועלכע אים קומט אויס צו וואוינען, אַט די אידען פיהלען דעם ריכטיגען גוג ומגוג קאַמפף.

אַט דאָס קען זיין האָבען אונזערע חכמים געמיינט מיט דעם וואָס זיי זאָגען:

„כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול ממלחמת גוג ומגוג" — דער איד וואָס עסט די דריי סעודות שבת, דער ווערט ניצול פון גוג ומגוג'ס מלחמה. דער איד וואָס זוכט ניט קיין מחוץ למחנה פערוויילונגען, קומט, צום ביישפּיל, שבת, זיין רוה־טאָג, זוכט ער ניט קיין פרעמדע קלובען, קיין פרעמדע געזעלשאַפט, נאָר ער עסט זיך זיינע דריי מאָלצייטען ביי זיך אין דער היים, צווישען זיין פאַמיליע, צווישען זיינע ברידער — אַזאַ איד ווערט ניצול פון מלחמות גוג ומגוג. ווייל ער לעבט אָפּגעזונדערט און איינגעשלאָסען אין זיינע אַלטע אידישע אידעאַלען.

אונגליקליך איז אָבער דער יעניגער וואָס שעהמט זיך מיט זיין פאַ־מיליע און מיט זיינע ברידער און געהט עסען זיינע מאָלצייטען ביי אונ־זערע שכנים, לעבט מיט זיי, פארברענגט מיט זיי און שמייכעלט זיך צו

דר. י. ל. שניצער

זיי, אָט אַזאַ איד פּיהלט אויף יעדען טריט און שריט די מלחמה פון גוג ומגוג.

יאָ, שמחת תורה איד! „מפז ומפנינים יקרה״ — דיין לעבען איז פּיעל טייערער ווי דאָס לעבען פון די יעניגע וועלכע באַזיצען גינגאָלד און בריליאַנטען!

⁂

קומט צו מיר אַ לאַנדסמאַן און פרעגט מיר צו איך וויס עפּעס פון אַ ביליגען מלמד פאר זיינע קינדער, און דערציילט מיר דערביי די פאָלגענדע מעשה:

ער האָט געפונען פרנסה אין אַ קריסטליכען שטעטעל, וואו ער איז דער איינציגער איד. געוויינליך קיין אידישען מלמד פאר זיינען קינדער איז ער ניט ביכולת געווען צו האַלטען, האָבען זיך זיינע קינדער ערצויגען אונטער זיין וויב׳ס השגחה. זי האָט מיט זיי געלערענט עברי און ברכות זאָגען.

ניט לאַנג צוריק האָט אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח געעפענט אַ סאַנדיי־סקול פאר די קינדער פון שטעטעל, האָבען זיך זיינע קינדער געריסען צו געהן אַהין, אָבער זיין ווייב האָט זיי ניט געלאָזען, האָט ער זיך מיישב געווען ער וועט אריבערגעהן זעהן וועלכע לימודים עס ווערען דאָרט געלערענט. ווי ערשטוינט אָבער איז ער געוואָרען, ווען ער האָט געהערט ווי דער גלח לערענט דאָרטען מיט די קינדער חומש, ער האָט זיי דערציילט די מעשה פון יוסף מיט זיינע ברידער און האָט אויסגעבראכט, אַז קנאה־שנאה ווערען אַנטוויקעלט ביי קינדער ווען זיי זעהן ווי די עלטערען ווייזען ארויס מעהר ליבע צו איינעם ווי צו די איבעריגע. אַ צווייטען זונטאג האָט ער פארגעלע־זען פאר די קינדער „פּרקי־אָבות״ — די לעהרען און שפּרוכען פון אונזערע תנאים.

— אויב אַזוי? — גיט ער אַ טראַכט ביי זיך — איז דאָך גאָר קיין געפאהר ניט צו שיקען זיינע קינדער אין סאַנדיי־סקול, זיי וועלען קריגען דאָרטען די זעלבע גייסטיגע שפּייז ווי ביי אַ אידישען מלמד.

נאָר ווי ער איז געקומען אַהיים מיט דעם פּראָיעקט, האָט זיין ווייב אָנגעפאנגען צו מאַכען קולות און געוואלדען און אים געצוואונגען צו פאַהרען קיין ניו יאָרק ברייגגען אַ מלמד פאר זיינע קינדער.

אויסהערענדיג זיין געשיכטע, האָב איך זיך צו אים אָפּגערופען:

„זאָגט אייער פרוי אין מיין נאָמען, אַז איך האָב דעם גרעסטען דרך ארץ פאר איר, עס איז זעהר זעלטען צו געפינען אין אמעריקא אַזאַ טייערע אידישע טאָכטער, וואָס וויל ניט לאָזען איהרע קינדער געהן בעטלען ביי די שכנים אַ שטיקעל גייסטיגע ברויט וואָס מען האָט פון איהר אַלמער ארויסגע׳גנב׳עט״.

און דערביי האָב איך אים דערציילט די מעשה מיט ר׳ ישראל דעם ברויט־טרעגער:

ר׳ ישראל אייבראַמסאָן איז אַמאָל געווען זעהר אַ גרויסער עושר. ער האָט געוואוינט אין אַ רייכען פּאַלאַץ און האָט געהאַט אַ סך דינער און דינסטען אַרום זיך. האָט זיך געמאַכט אַן אונגליק אַז ער האָט דורך ספּעקולאַציע זיין גאַנצען פארמעגען פארלאָרען און איז געוואָרען אַן אָרעמאַן, אַן אביון, ער האָט זיך געוואָרפען צו אַנדערע מסחרים, אָבער עס איז אַלץ ניט געגאַנגען, ביז עס איז אים אויסגעקומען פּשוט צו געהן איבער די הייזער אָדער צו ווערען אַ משרת אַבי צו האָבען ברויט פאר זיין ווייב און קינדער.

אָבער אזוי ווי אין דער זעלבער שטאָט האָט אים ניט געפּאַסט צו געהן דינען ביי יענעם אָדער טאָן עפּעס אַ פּראָסטערע ארבייט, האָט ער גענומען זיין ווייב און קינדער און איז אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט און איז געוואָרען אַ ברויט־טרעגער. זיין ארבייט איז געווען צו נעמען פון אַ בעקער אויף פּראָקאַט אַ קאָרב מיט געבעקס און עס זוכען צו פארקויפען. פון דעם פּראָפיט פלעגט ער יעדען טאָג קריגען אַ געוויסען פּראָצענט און מיט דעם פלעגט ער דאָס מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער.

איין טאָג, ווען ער איז געקומען אויפ׳ן מארק מיט זיין קאָרב געבעקס, זיינען אים באַפאַלען אַ באַנדע כוליגאַנעס און צוכאַפּט זיין גאַנצען קאָרב מיט׳ן געבעקס און אים נאָך דערצו זעהר גוט צו׳הרג׳עט

און צו׳ממית׳ט. איז נעבאַך, ר׳ ישראל געקומען אַהיים אַ צוקיילטער און אַ צובייילטער און האָט דערציילט זיין ווייב די געשיכטע וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. זיין ווייב האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט און האָט אַ זאָג געטאָן:

„וועה איז מיר! וועה איז מיר! וואָס וועל איך היינט געבען די קינדער עסען? עס איז דאָך אפילו אַ ביסען ברויט אין הויז ניטאָ״!

„איך בין ניט שולדיג! — האָט ר׳ ישראל זיך גענומען פאַר־ענטפערען — אַנטקעגען אזוי פיעל כוליגאַנעס האָב איך זיך ניט גע־קענט אַנטקעגענשטעלען, און וועגען אונזערע קינדער האָב איך אַן עצה: געה אריין צו אונזער שכן איוואַן, ער איז אויך געוועזן צווי־שען דער באַנדע כאַפּערס, זאָג אים, אז דו האָסט ניט קיין ביסען ברויט פאר די קינדער, וועט ער דיר צוריקגעבען אַ לעבעל ברויט, וואָס ער האָט פון מיין קאָרב געכאַפּט״.

„וואָס? איך זאָל געהן שנאָרען ביי איוואַנקען אַ שטיקעל ברויט פאר מיינע קינדער? — האָט די פרוי פארצווייפעלט אויסגעשריען — ניין, ישראל! איך וועל דאָס ניט טאָן! עס איז דיין פליכט געוועזן צו זאָרגען פאר דיינע קינדער! ווען דו האָסט געזעהן, אַז אלע כאַפּען פון דיין קאָרב, האָסטו אויך געדאַרפט כאַפּען, וואָלסטו ווייניגסטענס געהאַט אַ שטיקעל ברויט פאר דיינע קינדער צו שטילען זייער הונגער, דו האָסט אָבער אַלעמען געלאָזען כאַפּען פון דיין קאָרב און דיינע קינדער זיינען דיר אין זינען ניט געלעגען, אָט דערפאר איז דאָס דיין שולד״!

אַלע נאַציאָנען האָבען צוכאַפּט ישראל׳ס קאָרב, זיין תנ״ך, זיין פרקי־אָבות, זיין ספר המדות, די בעסטע אַנטיקען זיינע האָבען זיי צוכאַפּט. ניכאי וואָלט ער אויך געכאַפּט עטוואָס פאר זיינע קינדער? ניין, דאָס ניט! זיינע קינדער שיקט ער צו איוואַנען אַז זיי זאָלען דאָרטען שנאָרען אַ שטיקעל ברויט.